STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04370

IBERLEBENISHN

Gershon Lewin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר גרשון לעווין
איבערלעבענישן

ד"ר גרשון לעווין

איבערלעבענישן

עפּיזאָדן און איינדרוקן
פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג

ווילנע — 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

דאָס בוך איז געדרוקט פון פּאַרטיקע מאַ־
טריצן, דעריבער איז פאַרבליבן דאָ די אַלטע
אָרטאָגראַפיע.

PRINTED IN POLAND

D-r G. Lewin — „Iberlebeniszen"

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

זייט

I. מען נעמט מיך אויף די מלחמה 7
II. וואַרשע — מאָסקווע 15
III. אינם עקספּרעס קיין אירקוטסק 23
IV. ענדלעך קום איך קיין כאַרבין 37
V. דער גירוש 44
VI. כאַרבין 48
VII. דער כינעזישער טעאַטער אין כאַרבין 60
VIII. אין טעלין צווישן כינעזער 64
IX. אינם פערטן סיבירישן פּאָלק 86
X. ערב־יום־כּפּור אויף די קברים פון די קיסרים הינטער מוקדען . 95
XI. שמחת־תורה אין כאַרבין 104
XII. דער נאַכט־דיזשור אינם שפּיטאָל אין מוקדען 109
XIII. וו — ק 116
XIV. דאָס אַנטלויפן פון מוק־ען 122
XV. דער קירצזיכטיקער קאַפּיטאַן 136
XVI. פּורים אין גונדזשולין 142
XVII. דער הספּד 159
XVIII. דער פאַרשטערטער מוסף 164
XIX. וואָס טוט מען אין גונדזשולין 171
XX. צום סדר 187
XXI. דעמאָבּיליזאַציע 198
XXII. דאָס אַרויספאָרן פון כאַרבין 203
XXIII. אינם וואַגאָן 212
XXIV. פון מאַנדזשוריע ביז ראַדאָם 220
XXV. דער סוף 230

I.

מען נעהמט מיך אויף די מלחמה

„אַ קאַלטס און אַ גוטס". — טײַן קרוב. — די אם. — דער פּאַקטאָר. — פּרץ און דינעזאָהן.

עס איז געװען אין חודש יוני 1904.

דער אָבענד איז געװען אַ הײסער, גאַנץ װאַרשא איז געװען אײנגעהילט אין אַ דיקען נעבעל פון שטויב, די לופט איז געװען אַ געדיכטע, אַ שװערע, אַז עס איז געװען פּשוט שװער צו אָטעמען. בכדי אַביסעל זיך אָבצופרישען נאָכ'ן שװערען אַרבײטס-טאָג אין דער גרויסער היץ, זענען מיר, עטליכע בעפרײנדעטע דאָקטוירים, אַרויסגעפאָהרען הינטער דער שטאָדט אין אַ. ג. גאָרטען-רעסטאָראַן. קײן גאָרטען איז דאָס אײגענטליך נישט געװען, עס זענען דאָרט געװען סך-הכּל נאָר עטליכע שװינדזיכטיגע בוימער, װעלכע זענען געװען אַ מקום לינה פאַר די הונגעריגע פויגעלעך און ס'זענען געשטאַנען צעװאָרפען אַ צעהנדליג גרויסע בלומענטעפּ, װאוהין מען פלעגט אַרײנװאַרפען שטיקלעך אויסגעריכערטע פּאַפּיראָסען וכדומה. דער רעסטאָראַן איז אויך געװען אַ מוטל בספק, העכסטענס האָט מען געקאָנט דאָרט איבערפיהרען דעם מאָגען, די אײנציגע מעלה איז געװען די, װאָס עס איז דאָרט געװען אַ קלענערער שטויב, װי אין דער שטאָדט און מען האָט געקאָנט, װי עס איז אַביסעל טיפער אָטעמען. מיר זענען געזעסען בײ אַ טישעל מיט אונזערע פרויען און האָבען זיך געלאָזט װאוילגעהן בײ אַ גלעזעל קאַלטער לימאָנאַד, בײ אַ „קאַלטס און אַ גוטס", װי מען פלעגט דעמאָלס שרײען אויף דער דזיקאַ גאַס, און מיר האָבען געפּלוידערט. דאָס געשפּרעך האָט זיך זעלבסטפער-

שטענדליך, געדרעהט אַרום דעם קריעג, וואָס רוסלאַנד האָט דאַמאָלס געפיהרט אויפ'ן ווייטען מזרח מיט יאַפּאַן. מיר האָבען זיך דערצעהלט שטילערהייד פערשידענע פּיקאַנטע מעשיות, וואָס האָבען דאַמאָלס גע־קרייזעלט אין דער געזעלשאַפט מכח דעם שוואַכזיניגען צאַר און זיין געליבטער, די טענצערין קשעשינסקאַ, מכח די נאַרישע גענעראַלען, וואָס האָבען זיך זעהר שוואַך אָריענטירט אין די תכסיסי מלחמה, וועגען די שרעקליכע גניבות אין דער אינטענדאַנטור און וועגען די מפּלות, וואָס די רוסישע אַרמעע האָט געליטען איינע נאָך דער אַנ־דערער, מיר האָבען געלאַכט אין די פויסטען, אָבער אויך בלחש.

די מלחמה איז בכלל געווען נישט פּאָפּולער נישט נאָר ביי אונז אין פּוילען, נור אפילו אין רוסלאַנד גופא. אַלע האָבען געוואוסט, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט אַ וואָסערען עס איז פּאַטריאָטיזם, און אַז זי איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך עטליכע רוסישע אַריס־טאָקראַטען — אַוואַנטוריסטען, וואָס האָבען אויפ'ן ווייטען מזרח גע־מאַכט גראָבע מיליאָנען פון פערשידענע געשעפטען און שווינדלערייען. פון די מפּלות פון דער אַרמעע האָט קיינער נישט געהאַט דעם מינ־דעסטען עגמת־נפש, פערקעהרט, אַלע בעוואוסטזיניגע מענשען האָבען פון זיי געשעפּט נחת, ווייל מיט די מפּלות און מיט דער אָבשוואַ־כונג פון דער רוסישער מלוכה זענען געווען פערבונדען גרויסע האָפנונגען אויף אַ שטיקעלע בעפרייאונג פונ'ם צאַרישען יאָך, וואָס האָט אַלעמען געדריקט.

אַ סך דאָקטוירים זענען שוין געווען אָבגעפאָהרען פון וואַרשאַ אויפ'ן פראָנט באַלד ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכען ענדע דעצעמ־בער 1904 און הגם יעדער פון אונז האָט געוואוסט, אַז אָט־אָט וועט ער אויך מן־הסתם מוזען פערלאָזען זיין היים און אַוועקשלעפען זיך מי יודע וואוהין, אויב ער וועט נישט געבען קיין שוחד, האָבען מיר פּאָרט פערבראַכט עטליכע שעה אין אַ געמיטליכער פרעהליכער שטימונג.

ווען איך בין מיט מיין פרוי געקומען אַהיים, האָט מיר דער הויזוועכטער, עפענענדיג דעם טויער, עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט און האָט זיך זעהר נידעריג געבוקט. ער איז אודאי שכור, האָב איך מיר אַ טראַכט געגעבען, וואָס פלעגט זיך אָפט טרעפען, אָבער ווען דאָס שטוב־מיידעל האָט עפענענדיג די טהיר, זיך שרעקליך צעוויינט, איז שוין געוואָרען אויפפאַלענד. אויף אונזערע פראַגען, וואָס איז אַזוינס געשעהען, האָט זי געענטפערט מיט אַ נאָך גרעסערען געוויין. די זאַך

האָט זיך אָבער באַלד אויפגעקלערט. אין מיין קאַבינעט האָב איך דערזעהן דעם „רעווירקאָווי" פון מוראַנאָווער ראַיאָן, וואו איך האָב דעמאָלט געוואוינט. דאָס איז געווען אַנ'עלטערער פּאָניע מיט אַ רויטער נאָז, וועלכע איז געווען אַ פּועל יוצא נישט אַזוי פיעל פון רייסען שוחד פון טויטע און לעבעדיגע, ווי פּשוט פון שכּרות. שטענדיג פלעגט ער וואַרטען, אַז איך זאָל איהם אַנטקעגענטראָגען דעם גוט-מאָרגען, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך געטהון אַ שטעל-אויף, ער האָט זיך אויסגעצויגען ווי אַ „סטרונע" און האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר. אין וועלכען איך בין געוואָרען אויפגעפאָדערט צו פאָהרען אויפ'ן וויי-טען מזרח, אַלס מיליטער-אַרצט.

הגם פּונ'ם סאַמע אָנהויב פון דער מלחמה זענען מיר שטענדיג געווען פאָרגעברייט צו אַזאַ אויפפאָדערונג, האָט דער געשעהענער פאַקט פאָרט געמאַכט אויף אונז אַ גרויסען רושם: „אָט האָסטו דיר לימאָנאַדע מיט וויצען" האָב איך אַ זאָג געטהון צו מיין פרוי. זי האָט מיר אָבער גאָרנישט געענטפערט.

די נאַכט איז געווען אַנ'אמת'ע וואַך-נאַכט, ווייל מיר האָבען געמאַכט פערשידענע פּלענער, וועגען געבען שוחד, בכדי מיך צו בע-פרייען, האָבען מיר אַפילו אַ טראַכט נישט געטהון.

די דריי טעג, וואָס איך האָב בעקומען, בכדי זיך מכין צו זיין צו דער נסיעה, זענען געווען זעהר שווערע, איך בין געווען בעשעפ-טיגט מיט די הכנות גופא און מיט'ן פערזאָרגען די פאַמיליע מיט אַלע כּוחות האָב איך מיך בעמיהט נישט צו זיין אומעטיג, איך האָב אָבער געשפּירט, אַז איך בין שוין נישט קיין היגער און אַז מען קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ שטיקעל בר-מינן, וואָס איז זיך מכין אַריבערצופּעקלען זיך אויף יענער וועלט. אין מיין וואוינונג איז גע-ווען ווי אויף אַ יאַריד, מענשען וואָס איך האָב זיי גאָרנישט געקענט, מענשען וואָס האָבען מיך פיינד געהאַט און איך זיי אויך, האָבען פאָרט געהאַלטען פאַר זייער הייליגען חוב מיך צו בעזוכען בכדי מיט מיר זיך צו געזעגענען. עס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינ-דרוק פון מחילה בעטען, הגם אין מונדיר מיט דער שווערד האָב איך מיך לגמרי נישט געשפּירט ווי אַ טויטער.

אָט איז צו מיר געקומען אַ ווייטער קרוב, איינער פון די קרוי-בים, מיט וועלכען מען בעגעגענט זיך נאָר אויף לויות. ער איז אַריינ-געגאַנגען אין מיין קאַבינעט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, ווי אַנ'אָבגע-

שמיסען חדר-אינגעל און האָט מיר דערלאַנגט עטליכע שטײפע פינגער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבען מיר און האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפען דרײשטאָקיגען קרעכץ, אַזוי פלעגט קרעכצען ר׳ לײזעריל מגיד בײ׳ם לײענען די מגילה פורים אין לובלינער מרש״לס שול, בײ די װערטער: והעיר שושן נבוכה. מיר זענען געזעסען עטליכע מינוט, נישט רעדענדיג צװישען זיך — געה הויב אָן צו רעדען מיט אַ געלען איד, װאָס װיל אויף מיר אפילו קײן קוק נישט געבען — ענדליך האָט ער אָבגעהוסט און מיט אַ נידעריגער שטימע, װי אַ בויכרעדער, האָט ער מיך אַ פרעג געטהון:

— הכלל, איהר פאָהרט טאַקי?

עס איז אויף מיר געפאַלען אַ פחד, איך האָב אַ הויב געטהון מיט די פלײצעס, װי אײנער זאָגט: געה מאַך בעסער.

— ס׳איז דאָך אַ גרויסע סכנה! — האָט ער װידער אַ זאָג געטהון אויפ׳ן באַס.

— למשל? — האָב איך אַ פרעג געטהון מיט אַ שטיקעל איראָניע, װעלכע ער האָט אָבער נישט פערשטאַנען.

— „למשל?״ האָט ער געענטפערט און האָט דאָס ערשטע מאָל אויף מיר אַ קוק געגעבען — װאָס איז שײך למשל? ס׳איז דאָך אַ מלחמה און מען קען לײכט בעקומען אַ װאונד, אָדער גאָר גע׳הרג׳עט װערען פון אַ ביקס, אָדער פון אַ האַ-מאַט.

איך האָב איהם אָנגעהויבען צו טרײסטען און צו ערקלערען, אַז דאָקטוירים אַרבײטען אין די שפּיטעלער אָדער פערבאַנדס-פונקטען, װאָס זענען װײט פון דער שלאַכט און אַז עס טרעפט זיך זעהר זעלטען, אַז אַ דאָקטאָר זאָל פערװאונדעט װערען. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט טרײסטען.

די קוילען — האָט ער איבערגעהאַקט — מאַכען דען אַ חילוק צװישען אַ דאָקטאָר און אַ פשוט׳ען זעלנער, צװישען אַ שפּיטאָל און סתם אַ הויז? ס׳איז אַ גרויסע סכנה, — האָט ער געענדיגט מיט אַ זיפץ, שוין מיט אַ בעל-הבתישען, אַזוי װי מ׳זיפצט. בשעת דער בעל-תוקע איז זיך מכין צו די תקיעות.

— און אַ חוץ אַ קויל — האָט ער װידער אָנגעהויבען צו רעדען מיט נאָך אַ טיפערער שטימע, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס רעדט מיט מיר עמיצער פונ׳ם קעלער אַרויס — און אַ חוץ אַ קויל איז פאַרהאַן װעניג סכנת נפשות? װאו איז די כאָלערע, די דזשומע,

און גלאַט אַ טיפּוס? היינט דער וועג אַליין, ווי ווייט איז קיין כאַר־בין? האַ? צעהן טויזענד וויאָרסט, וואָס זאָגט איהר? צעהן טויזענד וויאָרסט? גאָר אַ קלייניגקייט, וויפיעל מאָל קאָן זיך דער צוג אויס־קאָליען! און ווער שמועסט פון פרעסט!

— ס'איז דאָך אַצינד זומער — האָב איך איהם איבערגעהאַקט שוין אַ ביסעל מיט כעס.

—אָט זעהט איהר — האָט ער ווייטער גערעדט — סיביר און זומער, אַ שענער זומער דאָרט, וואו מען גליטשט זיך אויפ'ן אייז אפילו אום תשעה באב.

פון דעם געשפרעך זענען אַלע מיינע איברים געוואָרען אין כעס.

די רעכטע האַנד האָט זיך געבעטען רחמים, אַז זי וויל אָנכאַ־פּען דעם קרוב פאַר'ן קאַרק, און דער רעכטער פוס האָט איהם גע־וואָלט אַ שטופּ געבען פון הינטען און אַראָבוואַרפען איהם פון אַלע טרעפּ, אָבער מיין גוטע ערציהונג אויף דעם שלאַסבאַרג אין לובלין, האָט זיי נישט ערלויבט דאָס צו טהון.

—זעהר גוט — האָב איך מיך אָבגערופען אויף אַלע זיינע בע־מערקונגען — אָבער וואָס ווילט איהר אייגענטליך פון מיר?

—וואָס איך וויל? — האָט ער געענטפערט אויפשטעהענדיג און אויסשטרעקענדיג מיר די רעכטע האַנד — איך וויל, אַז איהר זאָלט פאָהרען בשלום און קומען בשלום.

ביי די ווערטער האָט ער אָנגעהויבען אויף מיר צו קוקען מיט אַ פּאָר אויגען פון אַ קאַלב פאַר דער שחיטה, איך האָב עטליכע מאָל פאַרמאַכט און צוריק געעפענט מיינע אויגען און זיין קעלבערנער בליק האָט מיך אַלץ פיקסירט. עס איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז ער וואָלט גרויס חשק געהאַט זיך צו צעוויינען. עס איז אָבער נישט געגאַנגען און ווי אויף להכעיס איז ער נישט געווען בכח אַרויסצוקוועטשען קיין איינציגע טרעהר.

דער קרוב, דער טרייסטער, האָט זיך, אָבגעטראָגען, און עס איז אַריינגעקומען אַנ'אַלטיטשקע איינגעהויקערטע אידענע, אָנגעטהון ווי אַ גאַסען-הענדלערין מיט אַ לאַנגען פאַרטוך, וואָס מען האָט איהם געשפּירט פאַר אַ וויאָרסט. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און האָט זיך צעווינט.

ווער זענט איהר און וואָס וויינט איהר? — האָב איך זי געפרעגט. ווער איך בין? האָט זי געכליפעט, — דער דאָקטאָר דערקענט

מיך גאָר נישט? איך בין דאָך אייער אַם. וואָס האָט אייך אָהן עין-הרע אויסגעזויגט...

מיין אַם! אַ קעלט איז מיר אַדורך די ביינער. אָט ביי דער אידענע האָב איך געזויגט? ס'איז דאָך אָבער אַ ליגען! האָב איך אַ טראַכט געגעבען. מיין מוטער ע"ה פֿלעגט מיר שטענדיג דערצעהלען, ווי זי איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפען איבער מיר, ווייל איך בין געווען אַ מורא'דיגער זויגער און דוקא ביינאַכט.

— ווי אַזוי קען איך אייך דערקענען, האָב איך איהר געענטפערט — אַז איך זעה אייך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען. פאַרוואָס האָט מען אייך נישט געזעהען פונ'ם ענטוויינען אָן?

— ווער האָט דען רחמנא ליצלן צייט צו מאַכען וויזיטען? — האָט זי געענטפערט. ווער האָט דעם קאָפּ דערצו? זי וואָלט אַצינד אויך נישט געקומען. נאָר, ערשטענס, האָט זי געהערט, אַז מען נעהמט מיך אויף די מלחמה — איינגעהמען זאָלען זיי אַ מיתה-משונה — ווי געזעגענט מען זיך נישט מיט אַ מענש, וואָס איז געלעגען ביי דער ברוסט אַ קיילעכדיג יאָהר — ברררר... איך האָב אַ ציטער געגעבען, — צווייטענס גיט זי אויס אַ טאָכטער, אַנ'אַלטע בתולה, און זי האָט נאָך נישט אויף חתונה-הוצאות. דער חתן איז אפילו אַנ'עלטערער מענש. אַנ'אַלמן, ער וויל אָבער פאָרט נישט הערען פון אַ שטילער חתונה. דאָס איז שוין די לעצטע טאָכטער, האָט זי מיך בערוהיגט און האָט אויסגעווישט מיט'ן פאַרטוך די כמעט טויטע אויגען.

די אידענע איז אויפגעשטאַנען און איהר אָרט האָט פערנומען אַ רויט אידעל. ער איז געווען אָבגעריסען און אָפּגעשליסען און אין מויל האָט ער געהאַלטען אַ שטיקעל פּאַפּיראָס. ער האָט נישט געוואַרט ביז איך וועל איהם בעטען זיצען און האָט זיך אַליין אַנידערגעזעצט מיט גרויס העזה און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר עזות-מחוצפ'דיגע אויגען.

— איך האָב געהערט — האָט ער אַ זאָג געטהון — אַז מען וויל אייך נעהמען אויף די מלחמה, וואו בין איך? — ביי די ווערטער האָט ער אַ קלאַפּ געגעבען מיט דער רעכטער האַנד אויף די ברודיגע קאַפּאָטע.

בעמערקענדיג אודאי, אַז איך בעטראַכט זיינע מלבושים האָט ער אַ זאָג געגעבען מיט אַ מורא'דיגער העזה.

— זאָל אייך דער קאָפּ נישט וועה טהון פאַר מיין צוריסענע

קאַפּאַטע. איך זשיוויע אויס מיט'ן אויבערשטענס הילף עלף נפשות און ווי איהר קוקט מיך אָן, רודער איך מיט גאַנץ וואַרשא. איך בין אויסגעקאַכט מיט אַלע גענעראַלען און מיט אַלע דאָקטוירים. ווער האָט דען געמאַכט דעם פּראָפעסאָר וואַסיליעוו און אַלטשולער'ן פאַר דאָקטוירים, אַז נישט איך? און גאָר אין מיטען בין איך דאָך אַ בעל-תוקע ביי דעם בעלזשיצער רבין זאָל לעבען. זאָלט איר וויסען — האָט ער אַ קלאַפּ געגעבען מיט דער פויסט אין מיין שרייב-טיש מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער אומגליקליכער שאַפען, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט זיך אַזש איבערגעקעהרט — זאָלט איהר וויסען, אַז איך וויל אייך ראַטעווען, איך וועל אייך אַנידערשטעלען אויף דער גובערניע און וועל אייך בעפרייען. איהר הערט? איז נישט מיין נאָמען יענקעל, אויב איך זאָג אַ וואָרט ליגען — האָט ער געענדיגט מיט גרויס גאוה.

איך האָב איהם געדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ און האָב איהם ערקלערט, אַז איך בין שוין אינגאַנצען פערטיג צו דער רייזע, אַז איך האָב שוין אַ מונדיר און אַ שווערד. און אַז איך פאָהר שוין אויף דעם צווייטען טאָג אָב.

— נו מילא! — האָט ער געזאָגט — אַז איהר האָט נישט ליעב אייער ווייב און קינד און ווילט דוקא געהן אויף מלחמה, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב געמיינט - האָט ער ווידער אַ קלאַפּ געגעבען אויפ'ן האַרץ, ווי צו על חטא - אַז איהר האָט רחמנות אויף אייער הויזגעזונד און ווילט זיך ראַטעווען. ווילט איהר נישט, איז פאַרפאַלען!

בכדי איהם פּטור צו ווערען, האָב איך מיך אויפגעשטעלט. ער איז אויך אויפגעשטאַנען.

— נו, מילא, — האָט ער אַ זאָג געגעבען און האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ ברודיגע האַנד מיט געלע נעגעל, — נו, ווילט איהר, הייסט עס, דוקא פאָהרען? פאָהרט זשע בשלום, נור ברענגט געלד! איהר הערט? זאָלט איהר ברענגען! אויף אָקסען קאָן מען שען פערדיענען.

— ווי קום איך, אַ דאָקטאָר, צו אָקסען?

— מאַכט אייך נישט כלא ידע, אויף אַ מלחמה איז אַלץ אויסגעמישט: מענשען, פערד, אָקסען, דאָקטוירים... געדענקט זשע — האָט ער מיר געדראָהט מיט אַ פינגער — געלד זאָלט איהר ברענגען און

מיר קומט פאַרט פאַר מיין טרחה — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכעלע. איך האָב אייך געוואָלט רעטעווען, און אפשר פאָרט? האַ? זייט אייך מיישב.

איך האָב איהם בעפרידיגט און האָב איהם געעפענט מיט גרויס כבוד די טהיר, ער איז אַרויסגעגאַנגען.

— אָבער — פון פאָדערהויז האָט ער צו מיר נעשריען — הערט איהר? אָהן געלד זאָלט איהר נישט דערוועגען צוריקצוקומען.

קיין אָנגענעהמע געסט האָט מיר אויך נישט געפעהלט, באַלד אויפ'ן צווייטען טאָג ווען די ידיעה וועגען מיין אַרויסרופען אויף די מלחמה איז בעקאַנט געוואָרען אין דער שטאָדט. זענען געקומען צו מיר פרץ מיט דינעזאָנען. פרץ איז אַריינגעקומען לעבעדיג און לוסטיג, ווי שטענדיג. דינעזאָן אָבער איז געווען אומעטיג און עפעס פאַרשעמט, גלייך ווי ער וואָלט געקומען מנחם־אבל זיין.

— צי זענט איהר באמת נישט צופרידען, וואָס איהר פאָהרט אויף מלחמה? — האָט מיך פרץ שטילערהייד אַ פרעג געטהון — ס'איז דאָך אַ גאַנץ שענע רייזע!

— איך זעה נישט אין דעם קיין שום אומגליק — האָב איך געענטפערט. אָבער... אָנשטאָט צו ענדיגען די אָנגעהויבענע פראַזע האָב איך אַ ווייז געטהון מיט'ן פינגער אויף מיינע צוויי קליינע קינדער. וואָס זענען געזעסען זעהר טרויעריג אין אַ ווינקעלע. ביי פרצ'ן, וואָס האָט זעהר ליעב געהאַט קינדער, זענען די אויגען אַביסעל פייכט געוואָרען...

אינ'ם לעצטען אָווענד פאַר'ן אַוועקפאָהרען, האָט מיר פ״ץ געבראַנגט אַנ'אייביגע פעדער און האָט דערביי בעמערקט, אַז איך זאָל מיט איהר שרייבען נישט קיין רעצעפטען, נור זכרונות פון קריעג. איך האָב עס מקיים געווען. דינעזאָן האָט מיר געבראַנגט אַ תנכ'ל, וואָס איך האָב עס נאָך עד היום.

— אַבי נישט קיין מעבר יבוק — האָט פרץ אַ זאָג געטהון.

אליעזר קאַפּלאַן (אחיאסף) האָט מיר געשענקט „דברי הימים" פון ברוינשטיין. עטליכע קאָלעגען האָבען מיר געגעבען פערשידענע מתנות אויפ'ן וועג, ווי פאַפּיראָסען, זיסוואַרג, ביכער וכדומה. אייגער פון זיי, וועלכען איך פלעג זעהן איינמאָל אין אַ יובל, האָט מיך מזכה געווען מיט זיין פאָטאָגראַפיע, בכדי איך זאָל חלילה נישט פערגעסען, ווי אַזוי ער זעהט אויס.

איך בין אַוועקגעפאָהרען.

II.

ווארשא — מאָסקווא

מען וויל מיך אויסלערנען שפּילען אין קאָרטען. — מראָזי. — באַראָנין פאָן זוטנער. — דער סמאָלענסקער איד. — ריח און קאַריקאַטורען.

דער צוג האָט גערירט, ביסלעכווייז איז ער זיך צולאָפען און ווארשא האָט אָנגעהויבען פערשווינדען. איך בין אַריין אין קופּע אַ נידערגעשלאָגענער, עפּעס אַנ׳אָבגעריסענער, אויף מיינע ליפּען האָב איך נאָך געשפּירט דעם טעם פון קושען זיך מיט מיינע נאָהענטע און פריינד, און דער טרויריגער געדאַנק, צי וועל איך זיי נאָך אַמאָל זעהן, האָט געקלאַפּט אין מיין מוח, ווי דער יתוש ביי טיטוס הרשע. אינ׳ם קופּע האָב איך דערזעהן דריי צופרידענע, לאַכענדיגע, אָנגעגעסענע פּנים׳ער, ס׳זענען געזעסען געמיטליך אַ מיליטער־אַרצט, אַ קאַפּיטאַן און אַ ציווילער פּאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי דער שאינו יודע לשאול אין אַנ׳אַלטער הגדה. מיר האָבען זיך בעגריסט און יעדער פון זיי האָט מיט אַ שמייכעלע זיך פאָרגעשטעלט, זאָגענדיג מיר, ווי אַזוי מען רופט איהם און זיין פאָטער לויט דעם מנהג ביי די רוסען.

איך האָב אויך געמאַכט אַ זיסע מינע, וואָס האָט אודאי אויסגעזעהן גענוג זויער. איך האָב זיי אויך איבערגעגעבען מיין נאָמען און מיין פאָטערס נאָמען, פאַר וואָס זיי האָבען מיר געדאַנקט און האָבען אויסגעדריקט זייער גרויס פערגעניגען. די צערעמאָניע פון פאָרשטעלען זיך איז זעהר פּראַקטיש און נוצליך, זי ברענגט באַלד אַדורך די כינעזישע וואַנד, וואָס עקזיסטירט געוועהנליך צווישען מענשען, וואָס טרעפען זיך צוזאַמען דאָס ערשטע מאָל, אָבער צו

וואָס דאַרף מען אייגענטליך וויסען דערצו, די פּאָטערס נעמען, פּער־שטעה איך נישט עד היום. מען דאַרף בכלל פערמאָגען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, בכדי צו געדענקען די הונדערטער נעמען. שפּעטער ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זיין עטליכע יאָהר צוזאַמען מיט רוסען פלעג איך פּשוט בעוואונדערען די מענשען, וואָס האָבען נישט גע־דענקט, וואָס זיי האָבען געזאָגט עטליכע מינוט צוריק און אין דער בעציהונג צו די נעמען האָבען זיי אַרויסגעוויזען פּשוט אַ געניאַלען זכרון.

מיר האָבען זיך צורעדט. איך האָב געמוזט דערצעהלען וואו אַהין איך פאָהר, ווי לאַנג איך בין אַרצט, מיינע שכנים זענען אויך געווען נייגיריג געוואויער צו ווערען וויפיעל איך האָב בעקומען אויף מלבושים און אויף רייזע־הוצאות. מיר האָבען זיך צושמועסט וועגען דעם קלימאַט אינ׳ם „פּריוויסליאַנסקי קראַי״ בכלל און פונ׳ם חילוק צווישען וואַרשאווער און פעטערבורגער זייגער בפרט. דערנאָך זענען מיר אַריבער אויף די פערשידענע מינים פיש אין דער ווייסעל און אין דער וואָלגאַ און פון דער דיסקוסיע האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די פיש אין דער וואָלגאַ זענען גרעסער און פעטער ווי אין ווייסעל. אָבער די ווייסעלפיש לאָזען זיך בעסער מאַרינירען, מען טאָר זיי אָבער נישט האַלטען צו לאַנג אין עסיג און מען מוז זיי פערבייסען מיט אַ גוטען שנאַפּס. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַזש בעלעקט, מיר האָבען אויך גערעדט מכח די אוניפאָרמען אין פערשידענע אַרמעען, מכח עמעריטורע און פערשידענע אַנדערע וויכטיגע ענינים. ענדליך איז דער געשפּרעך אַרויף אויף די מלחמה און דער קאַפּיטאַן האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנלויבען די טאַפּפערקייט פון די יאָזאַקען, וואָס קיין שום אַרמעע אין דער וועלט פערמאָגט נישט אַזוינס. די יאַפּאַ־נער ציטערן פאַר זיי פּשוט אימת מות. די רוסישע אַרמעע, האָט דער קאַפּיטאַן פעסטגעשטעלט, איז בכלל די שטאַרקסטע אויף דער גאַנצער וועלט. דער רוסישער סאָלדאַט איז אַ העלד און די „יאַפּאָשקעס״ זענען פּשוט מאַלפּעס. אַז וואָס די רוסישע אַרמעע האַלט אין איין „אָבטרעטען״, דאָס איז דאָך נאָר אַ שפּיצעל, אַ געוויסע טאַקטיק אַריינ־צונאַרען דעם שונא וואָס טיעפער אין לאַנד און אויף אַ מאָל איהם צו צוקלאַפּען. העכסטענס אין דריי חדשים אַרום — האָט אונז דער קאַפּיטאַן פערזיכערט מיט זיין עהרען וואָרט — וועט די רוסישע אַרמעע זיין אין טאָקיאָ און וועט דיקטירען דעם מיקאַדאָ די תנאים פונ׳ם

שלום. איך האָב איהם, וואָס אמת איז נישט געגלויבט, אָבער מפני דרכי שלום בין איך דערויף בעשטאַנען.

דער שמועס האָט זיך ווייטער געצויגען און גאָר אין מיטען אַזוי פלאחר יד האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעצויגען פון דער בוזעם-קעשענע אַ שפּאָגעל נײַ פּעשעל קאָרטען. „צו וואָס זאָלען מיר פערלירען די טייערע צייט?״ האָט ער אַ זאָג געטהון גאַנץ ערנסט. „מיר וועלען בעסער מאַכען אַ ווינט״. דער קאַפּיטאַן און דער שאינו יודע לשאול זענען באַלד בעשטאַנען, די מניעה איז נאָר געווען פון מיין צד, ווייל איך האָב די שפּיעל נישט געקאָנט.

— איהר מאַכט אודאי חוזק, קאָלעגע״ — האָט בעמערקט דער דאָקטאָר. — צי איז דאָס מעגליך צו פאָהרען אויף אַ מלחמה אויפ׳ן ווייטען מזרח און נישט קאָנען שפּילען אין ווינט? וואָס-זשע וועט איהר דאָרט טהון?

— איהר זעהט דאָך — האָב איך איהם געגעבען דעם אַלטען אידישען תירוץ. עפּעס אַנדערש — האָב איך ערקלערט — אַנ׳אָקע, אַנ׳אָפּענער איין און דרייסיג, אַ האַלב צוועלף, איך האָב אפילו שוין לאַנג נישט געשפּילט, אָבער אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. דער „ווינט״ איז אָבער פאַר מיר אַ גאַנץ אומבעקאַנט לאַנד.

די שכנים זענען געוואָרען אומעטיג. איבער דעם גאַנצען קופּע האָט זיך אויסגעגאָסען אַ שרעקליכע מרה שחורה. אונזער געשפּרעך איז געוואָרען כמעט איבערגעריסען. נאָך אַ קליינער ווײַלע איז דער דאָקטאָר געפאַלען אויף אַנ׳המצאה, אַז ער וועט מיך אויסלערנען שפּיעלען „ווינט״ אויף איין פוס; אַנ׳אינטעליגענטער מענש, האָט ער גע-זאָגט, וועט דאָס שנעל תופס זיין. תוך כדי דבור האָט ער אַ וואָרף געטהון זעהר פלינק די קאָרטען אויפ׳ן טישעל נעבען פענסטער און האָט אָנגעהויבען מיר צו ערקלערען די גאַנצע סתרי תורה פון דעם שפּיעל. פון זיין מויל האָבען זיך פערעל געשאָטען, דאָס פנים איז געוואָרען מראה כהן, די אויגען האָבען געאַרבייט, ווי אַ ווינד-מיהל.

די אַנדערע צוויי פּאַסאַזשירען האָבען איהם אויך מיטגעהאָלפען. וואָס קומט אָבער דערויס, אַז איך האָב גאָרנישט פערשטאַנען, אָט דערפאַר, ווייל מיינע געדאַנקען זענען גאָר ערגעצאַנדערשוואו געווען.

דער דאָקטאָר האָט זיך ענדליך מיאש געווען.

— ווי איך זעה — האָט ער אַ זאָג געטהון מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע אָבווישענדיג דעם שוויס פונ׳ם פנים — זענט איהר, קאָלע-גע, גאָרנישט פון די גרויסע שפּיעלערס.

געטראַכט האָט ער זיך אודאי, אַז איך בין אַ אידיאָט. מען האָט זיך צעשמועסט מכח קאָרטען און דער דאָקטאָר האָט אַרויסגע־וויזען אַ גרויס בקיאות אין דער בעציהונג. ער האָט פערמאָגט אַ קאָ־לאָסאַלע סטאַטיסטיק פון פראָפעסאָרען, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, גע־נעראַלען וכדומה, וואָס שפּיעלען גאַנצע נעכט אין קאָרטען. פערנאַכ־לעסיגען פאָרט נישט זייער פאַך. דאָס שפּילען אין קאָרטען, האָט דער דאָקטאָר ערקלערט, שאַרפט דעם מוח און גיט דעם נערווען־סיסטעם אַ גרויסע עמאָציע, בפרט, אַז מען געווינט. די קאָרטען האָ־בען דעם דאָקטאָר נישט געלאָזט רוהען און ער האָט זיך געלאָזט אינ׳ם צוג זוכען אַ פערטען און ער האָט איהם ברוך השם געפונען. דאָס איז געווען אַ פערשוין, הויך, ווי עוג מלך הבשן און דאַר און איינגעשרומפּען. ווי רב צדוק׳ס פייג, ער האָט געזאָלט זיין אַנ׳ענג־לענדער, אָבער לויט מיין דיאַגנאָזע איז דאָס געווען אַ איד פון קאָוו־נאָ, וואָס האָט גערעדט שלעכט רוסיש, זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט שפּיעלען און זיי האָבען זיך אַזוי פערטהון, אַז אפילו, ווען מען וואָלט נעבען זיי געשאָסען, וואָלט זיך קיינער פון זיי נישט אומגעקוקט. איך האָב זיי באמת מקנא געווען, וואָס אַדאַנק, די קאָרטען זענען זיי בכח זיך אָבצורייסען פון אַלע דאגות און טרויעריגע געדאַנקען, וואָס האָבען מיך געמאַטערט.

מיר פאָהרען פערביי מראָזי, וואו איך האָב אַלס סטודענט, פער־בראַכט עטליכע זומערען, וואָס האָבען איבערגעלאָזט ביי מיר גאַנץ אַנגענעהמע זכרונות. ווייל ס׳האָט פונקט גערעגענט האָב איך זיך דערמאָנט, ווי ס׳האָט מיך אַמאָל אינ׳ם וואַלד געכאַפּט אַ גאָס־רעגען און ס׳איז נישט געווען, וואו זיך צו בעהאַלטען, צו מיין גליק האָב איך בעגעגענט אַ גאַנץ אומבעקאַנטע דאַמע, וואָס האָט געהאַט אַ רע־גענשירם און זי האָט מיך פון רחמנות פערבעטען אונטער איהם, אַזוי ווי איבער דעם שרעקליכען רעגען איז געווען שווער צו געהן, האָ־בען מיר זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שמאָלען שטיין, וואו מיר האָבען זיך קוים געקאָנט אָנשפּאַרען, און ווען מיר זענען נאָך 10—15 מינוט אויפגע־שטאַנען זענען מיר געווען אַזוי בעפריינדעט, גלייך מיר וואָלטען געווען גוט בעקאַנט עטליכע יאָהר. אין מיינע געדאַנקען זענען אויפגעשוואומען מיינע אַלע בעקאַנטע פון יענע צייטען און איך האָב געהערט, ווי זיי זאָגען צו מיר: שוטה, צי וואָס שלעפּסטו דיך אונטער די הרי חשך? וואָס? ערפילען אַ הייליגע פליכט? אָקעגען וועמען? אָקעגען

אונטערדריקער און אויסראָטער? שוטה! גיב עטליכע הונדערט רובעל און בלייב אין דער היים! ביי די ווערטער איז אַרויסגעשפּרונגען דער איד מיט די געלע נעגעל און האָט טריאומפירט: אַהאַ, ווער איז גערעכט?

די נאַטור איז אין יענער געגענד אַן אָרימע, אַ גאָרנישט אינ-טערעסאַנטע נישט קוקענדיג דערויף, האָב איך זיך צוגעקוקט צו יעדער בלומעלע, צו יעדען דאָרען, צו יעדען הייזעל און האָב פּשוט געוואָלט זיי אַריינוואָרצלען אין מיין געדעכעניש. אַזוי איז שוין דער מענש! דער געדאַנק, אפשר זעהט מען עס שוין דאָס לעצטע מאָל, מאַכט יעדע זאַך טייער.

אין שיעדלעץ האָב איך געוואָלט אַראָבגעהן אַריינוואַרפען אַ קאַרטעל, אָבער דער הוילער זשאַנדאַרם, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, ווי געוועהנליך, האָט מיר סאַלוטירט און האָט עס ביי מיר געטהון אַ כאַפּ אַרויס, איז צוגעלאָפען צום קעסטעל און האָט עס אַריינגע-וואָרפען. „וואָס אַ מונדיר קאָן אַלץ!" האָב איך מיר אַ טראַכט געגע-בען. וואָלט איך נישט געטראָגען קיין מונדיר, וואָלט דער פאַרשוין מיך, מיט דעם שוואַרצען אידישען בערדעל, גאַנץ אַנדערש בעהאַנדעלט.

ס'איז געוואָרען נאַכט. די שפּילערס האָבען זיך אָבגערעכענט, דער דאָקטאָר איז גע‚וען זעהר אויפגערוימט, ווייל ער האָט געוואו-נען. מיר האָבען זיך ווי עס איז געלעגט שלאָפען. מיינע שכנים זענען באַלד געשמאַק איינגעשלאָפען, אָבער איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפען. איך האָב געצעהלט ביז טויזענד, וואָס זאָל זיין דאָס בעסטע שלאָף-מיטעל, איך האָב מיר געגומען אין זינען אַריין די נעכט פון שבועות און הושענה רבה, ווען איך פלעג, אַלס יונגעל, זעהר גיך איינשלאָפען מיט דעם „תקון" אין דער האַנד, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפען. אין דער דאָזיגער נאַכט האָב איך פּלוצלונג בעקומען אַ גרויסע סימפּאַטיע צו דער באַראָנין פאָן זוטנער, וואָס האָט זיך דעמאָלט פערנומען ספּעציעל מיט פּרעדיגען שלום. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר אַ פאַקט איז, אַז איך האָב זי שטענ-דיג פיינד געהאַט, הגם איך האָב זי אין מיין לעבען נישט געזעהן, פּשוט אַ שנאת חנם, און אפשר האָט די שנאה געשטאַמט דערפון, וואָס איך האָב נישט געקאָנט גלויבען, אַז אַ אידענע וויל באמת שלום. זי איז דאָך פולקאָם גערעכט, האָב איך מיר געטראַכט. ווער אייגענ-טליך בעדאַרף די מלחמה מיט די יאַפּאַנער? וואָס, ס'פעהלט אפשר

רוסלאַנד טעריטאָריע? און דאָס, וואָס זי פאַרמאָגט האָט זי שוין ציוויליזירט און קולטיווירט? אין טאַמבאָוו, למשל, זענען נאָך נישטאָ אפילו קיין נאַפט-לאָמפּען און מען בענוצט ליכט פונ׳ם ערגסטען חלב און די נידעריגע כאַטעס אין די דערפער ווערען אין ווינטער אָנגעוואַרעמט מיט אַ עטיק ברענענדיג האָלץ וואָס פּילט אָן דעם קבר מיט רויך. בעדאַרף רוסלאַנד אין לעבען צו האָבען מאַנדזשוריע און קאָרעאַ? און אויב אפילו יאָ, האָב איך ווייטער געפילאָזאָפירט, וואָס געהט עס מיך אָן, בעדאַרף איך איינשטעלען מיין לעבען, בכדי מיינע שוועסטער און ברודער זאָלען נישט טאָרען וואוינען אין די מקומות, וואָס וועלען ווערען איינגענומען מיט אידיש בלוט. וועמען טויגען בכלל די מלחמות מיט זייערע תולדות: יתומים, אלמנות און אינוואַלידען? איז דען שוין נישט געקומען די צייט, אַז ס׳זאָל מקוים ווערען דער אידעאַל פון אונזער נביא מכּוח איבערמאַכען די שווערדען אויף אַקער-אייזענס און די שפּיזען אויף שנייד-מעסערס?

טראַכטענדיג אַזוי וועגען דעם ענין, האָט זיך מיר ביי דער געלעגענהייט דערמאַנט בערל דער שניידער פון לובלין, וועמען ס׳האָט זיך זעהר נישט געגלוסט אַרויסצוקריכען פון וואַרימען בעט און אויפשטעהן צו די ערשטע סליחות פאַרטאָג, ווען עס איז שוין געוועהנליך קאַלט און עס שפּריצט אַ פערביסען רעגענדעל. וואָס האָט שוין אין לובלין אַ חזקה צו פערקריכען אין די זיבעטע ריפּ. בשעת דוד׳ל שמש האָט אַ קלאַפּ געגעבען מיט׳ן האַמער אין די טהיר אַריין, בכדי אויפצוועקען אידען צו עבודת-הבורא, פלעגט זיך בערעל שניידער איבערדרעהען אויף דער אַנדערער זייט און אַ ברום טהון: „אוי וועה מיר, ווי דערלעבט מען שוין שמחת-תורה!״ די מעשה האָט מיך אַ ביסעל אויפגעמונטערט און איך האָב אָנגעהויבען צו לאַכען צו זיך אַליין.

אין סמאָלענסק איז אַריין אין קופּע אַ דיקער הער, אָנגעטהון עלעגאַנט לויט דער לעצטער מאָדע. ער איז אַריינגעקומען גאָר ברייט, רעדענדיג הויך מיט דעם טרעגער רוסיש מיט׳ן גאַנצען קנאַק. ווי נאָר ער האָט דערזעהן אויף די בענק אָפיצירען, איז ער געוואָרען נעבעך עפּעס מטושטש. ער האָט זיך אינגאַנצען ווי איינגעשרומפּען און אַ דערשראָקענער האָט ער זיך קוים אָנגעשפּאַרט מיט אַ שטיקעל געזעס אָן דער סאָפע, אויף וועלכער איך בין האַלב געלעגען. איך האָב באַלד דערקענט, אַז דאָס איז אַ גלות-איד, וואָס האָט געציטערט אימת מות פאַר אַ רוסישען אָפיציר. זיין פיגור האָט ערוועקט ביי מיר פּשוט דעם געפיהל פון רחמנות.

איבערלעבענישען

בכדי איהם אויפצומונטערען, האָב איך איהם געגעבען אַ ברייטען שלום-עליכם. דער הער האָט אויפגעלעבט, „עליכם-שלום", האָט ער געענטפערט און איז געוואָרען צוריק אַ מענש. ער האָט זיך אָנידערגעזעצט און האָט אפילו פערראויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— איהר פאָהרט מיטהעלפען „אָפּטרעטען"? — האָט ער מיך שטילערהייט געפרעגט, בכדי די שכנים זאָלען נישט הערען.

—איהר קאָנט שוין שלאָפען רוהיג, — האָב איך איהם געענטפערט — מיר וועלען שוין אַריינגאַרען דעם יאַפּאַנער אַזש קיין סמאָלענסק.

מיר האָבען זיך ביידע שטיל צעלאַכט.

— — — — — — — — — — — — — —

אין צוויי טעג אַרום בין איך אָנגעקומען קיין מאָסקווא.

דער איטאַליענישער פיזיאָלאָג מאָנטעגאַצצאַ האָט אין זיין צייט אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז יעדער מענש פערמאָגט אַ געוויסען ספּעציפישען ריח און האָט זיך בעמיהט צו בעווייזען, אַז אפילו די ליבע ענטשטעהט דעמאָלס, ווען עס טרעפען זיך אַ מאַנספּערשוין מיט אַ פרוי, וואָס האָבען דעם זעלבען ריח. ווי ווייט די טעאָריע איז אמת-וויס איך נישט און ס'לאָזט זיך וועגען דעם דיסקוטירען — דאָס אָבשוואַכען פון דער ליבע וואָלט מען, לויט דער טעאָריע, געמוזט ערקלערען דערמיט, וואָס ביי איינעם פון די פערליבטע איז דער ריח קאַליע געוואָרען... אָבער, אַז יעדע שטאָדט האָט איהר ספּעציפישען ריח, דאָס איז פאַר מיר קיין שום ספק נישט. וואַרשא האָט אודאי אַנ'אַנדער ריח, ווי למשל בערלין אָדער וויען.

ווי נאָר איך בין אין מאָסקווא אַרויס פון וואַגאָן, האָט מיר אַ זעץ געטהון אין נאָז אַריין אַנ'אויסטערלישער ריח, וועלכען עס איז מיר שווער צו בעשרייבען, קיין ריח ניחח איז דאָס אַלענפאַלס נישט געוועזן...

איך האָב מיך אין מאָסקווא אַרומגעדרעהט דריי טעג, די שטאָדט האָט אויף מיר געמאַכט אַנ'אומגעוועהנליכען רושם, אי פון אַ גרויסען כרך, אי פון אַ דאָרף. נעבען אַ גרויסאַרטיגען קאָמפּאָרטאַבלען האָטעל האָט מען געקאָנט זעהן אַ קליין נידריג הייזעל, וואָס איז געוועזן אויף דער צייט און האָט בדעה געהאַט אָט אָט זיך אַנידערצולעגען. אַלץ איז מיר דאָרט געוועזן עגזאָטיש, סיי די מענשען מיט זייער ספּעציפישער הלבשה, סיי די בנינים, אומעטום האָט זיך געלאָזט פיהלען די רוסישע אַטמאָספערע. אויף אַלץ איז געלעגען אַ באַציאָנאַלער שטעמפּעל. אַ שרעקליכען איינדרוק האָט געמאַכט דאָס

צלמ'ען זיך פון די איינוואוינער אויף יעדען טריט און שריט און דאָס קניען פאַר די אַלע קאַפּליצעס, וואָס געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָהל כמעט אויף יעדער גאַס. די איינוואוינער האָבען אויף מיר געמאַכט אַנ'איינדרוק פון קאַלטע, רוהיגע, בערעכענטע מענשען. אַ זייגער צעהן אין אָווענד איז שוין געווען אויף די גאַסען שטיל, ווי ביי אונז אין וואַרשא נאָך צוועלף. איך האָב אָבער געביטען מיין מיינונג, ווען איך האָב דערזעהן אין די הינטערשטאָדטישע רעסטאָראַנען, ווי די רוהיגע שטילע בעלי הבתים האָבען אונטער דער השפעה פון אַלקאָהאָל מעקומען אַ גאַנץ הייסען טעמפּעראַמענט, ווי זיי האָבען אין דער געזעלשאַפט פון גאַסען-פרויען צובראָכען די טייערסטע שפּיגלען, איינגעלעגט אויוועגס וכדומה.

אין מאָסקווא האָט מען שוין דעמאָלט געשפּירט די מלחמה, ס'זענען דאָרט געווען זעהר אַ סך מיליטערישע שפּיטעלער און אויף די גאַסען האָט מען געזעהן פיהרען קראַנקע און פערוואונדעטע. די מלחמה, ווי איך האָב שוין פריהער בעמערקט, איז געווען ווייניג פּאָפּולער אפילו אין רוסלאַנד, און דערפאַר האָט מען מיט אַלע כחות זיך בעמיהט צו דערוועקען ביי דעם המון דאָס געפיהל פון פּאַטריאָטיזם. אין די פענסטער פון פערשידענע געשעפטען, בפרט בוכהאַנדלונגען, זענען געווען אַרויסגעשטעלט הונדערטער פּאַטריאָטישע מודעות, בילדער און קאַריקאַטורען פון די שונאים. מען האָט געקאָנ ז זעהן, ווי אַ הויכער קאָזאַק שלינגט איין צום פרישטיק עטליכע קליינע יאַפּאַנער, ווי איין רוסישער זעלנער יאָגט מיט אַ קאַנטשיק אַ גאַנצע ראָטע יאַפּאַנער א. אַ. וו. הגם די אַלע קאַריקאַטורען זענען געווען אין אַ גרויסער סתירה מיט די אמת'ע געשעהענישען אויפ'ן פראָנט, זענען פונדעסטוועגען די שויפענסטער געווען בעלאַגערט פון הונדערטער לעדיגגעהערס, וואָס האָבען געשעפּט גרויס נחת און האָבען געשריגען הוראַ. ביי דער געלעגענהייט האָט זיך דער עולם פערנומען אַ ביסעל מיט גנב'ענען פון די קעשענעס און ס'האָבען נישט געהאָלפען די אויפשריפטען מיט גרויסע אותיות: „היט אייך פאַר גנבים!", וואָס זענען געהאָנגען אין די פענסטער, אַז מען שמועסט: פּאָניע-גנבו

אויף די דריי טעג, וואָס איך האָב פערבראַכט אין מאָסקווא, וואַרטענדיג אויפ'ן עקספּרעס קיין אירקוטסק, האָב איך גרשון בן גבריאל נישט בעדאַרפט קיין ערלויבעניש און דאָס איז געווען אַנ'אמת'ע נקמה אין ניקאָלאַי דעם צווייטען.

III

אינ׳ם עקספרעס קיין אירקוטסק

איך האָב צופיעל פעק. — דער עולם געזעגענט זיך. — די ביב־ליאָטעק. — פערשידענע גרופען. — א סוחר פון דער ערשטער גילדע. — איך האָב פראקטיק. — די נאכט־וויזיט. — די גרעניץ צווישען איירָאפּא און אזיע. — טשעליאבינסק.

איך בין פערפאָהרען אויפ׳ן מאָסקווע־קורסקי באַהנהויף, וועלכער האָט געמאַכט אַן׳איינדרוק פון א גרויסער, שמוציגער קאַזאַרמע. דער באַהן־טרעגער, אַן׳עלטערער ברייט־פּלייציגער קאַצאַפּ, האָט מיך בע־גריסט אויפ׳ן מיליטערישען אופן און האָט אָנגעהויבן אַראָבצושלעפען פון דער דראָזשקע מיין באַגאַזש, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ סך פּעק און פּעקלעך. אויב איך וועל בעקומען אַן׳אָרנטליכען טרינק־געלד — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — וועל איך דעם גאַנצען באַגאַזש אַריינפּאַקען אין וואַגאָן אַריין״. באַגאַזש קאָסט טייער. — האָט ער מיר ערקלערט, — און אויף אַ מלחמה מוז מען שפּאָרען. ער ווייס, מיט וואָס אַ מלחמה שמעקט, ער איז געווען אויף דעם טערקישען קריעג און איז געוואָרען אפילו פערוואונדעט.

איך האָב מסכים געווען. ער איז געבליבען שטעהן, האָט זיך געקראַצט אַביסעל אין קאָפּ, ער האָט אודאי געוואָלט נעביך וויסען קאָנקרעט, וויפיעל ער וועט בעקומען, ער האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, געשעמט, פאָרט אַ שטיקעל חבר... נאָך אַ קליינעם ישוב הדעת האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט און איך מוז מודה זיין, אַז ער האָט זיין חוב ערפילט בשלמות. אַי וואָס, ס׳איז אין דער אָבטיילונג נישט געבליבען קיין פריי אָרט פאַר מיר גופא, — דאָס איז ער שוין

נישט געווען שולדיג. שולדיג איז געווען די געזעלשאַפט פון די אינ־טערנאַציאָנאַלע שלאָף־וואַגאָנען, וואָס האָט איינגעריכטעט ווייניג אָרט פאַר׳ן באַגאַזש, שולדיג בין איך געווען, וואָס איך האָב מיטגעשלעפט מיט מיר אַזוי פיעל זאַכען, גלייך איך וואָלט געוואָלט עפּענען אין מאַנדזשוריען אַ געוועלב אַ חוץ די נויטיגע זאַכען האָב איך געפיהרט אַ פוד שאָקאָלאַד, אַ פוד צוקער, עטליכע פונט טהיי, אַ טוי־זענדער פּאַפּיראָסען. היינט מלבושים, וועש, וואָלענע קאָלדרעס, פוי־טערנע שטיוועל א. אַז. וו. אייגענטליך בין איך אויך נישט געווען שולדיג, איך האָב געגוג געקעמפּפט און האָב מיך געבעטען רחמים, אַז מען זאָל מיך בעפרייען פון דער גרויסער צאָהל פעק, ס׳האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען. מיין פרוי האָט געהאַט די בעסטע כּוונות, אָבער ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָט מען די אַלע זאַ־כען, וואָס איך האָב געפיהרט, געקאָנט בעקומען אין מאַנדזשוריען און אפילו ביליגער און פון דער גרויסער צאָהל פּעקלעך האָבען הנאָה געהאַט די טרעגערס און די גנבים.

דער דריטער קלונג.

איך בין געשטאַנען נעבען אַן־אָפענעם פענסטער אויפ׳ן קאָרי־דאָר גאַנץ אַליין, אַ ווילד פרעמדער, אָהן שום בעקאַנטע, אַרום און אַרום האָט מען זיך געקושט און געהאַלזט, מען האָט געוויינט ספּאַז־מירט און טייל האָבען דורכגעמאַכט דעם זעלבען גהינום, וואָס איך עטליכע טעג פריהער אין וואַרשא ביים אַרויספאָהרען.

דער צוג האָט אָנגעהויבען צו ריהרען. אַ יונגער אָפיציר האָט זיך קוים אַרויסגעריסען פון די אָרעמס פון אַן־אַלטיטשקער פרוי, וואָס האָט איהם צוגעדריקט צו איהר ברוסט מיט אַלע כּחות און איז אַרויפגעשפּרונגען אין וואַגאָן אַריין. „וואַסיאַ!״ האָט געשריען צו איהם אַ פרוי, וואָס האָט געמאַכט אַן־איינדרוק פון אַ מוהמע, זי איז מיטגע־גאַנגען לעבען צוג און האָט נישט אויפגעהערט צו ווישען די אויגען מיט אַ טיכעל — „וואַסיאַ, דאָס צאָהן־בערשטעל האָב איך אַריינגעלעגט אינ׳ם רויטען בייטעלע און דעם זייף...״ — מעהר האָט מען שוין נישט געקאָנט הערען, ווייל דער צוג איז זיך צוגאַנגען. די אַלטיטשקע איז געבליבען שטעהען אויף איהר אָרט ווי אַן־אומבעוועגליכע זאַך און איהר מיעדער בליק האָט אַריינגעדרונגען אין דעם וואַגאָן, וואו ס׳האָט זיך געפונען דאָס טייערסטע אין איהר לעבען, און דער וואַגאָן האָט זיך אַלץ מעהר דערווייטערט.

דער שלאָף-וואַגאָן, אין וועלכען איך האָב מיך געפונען, איז גע-וועזען איינגעאָרדענט מיט גרויס קאָמפאָרט, דער קאָרידאָר איז געווען לאַנג און האָט געהאַט צעהן פענסטער מען האָט געקאָנט דאָרט אַרומ-שפּאַצירען נישט ערגער, ווי אין דער „ליטעראַרישער אַלעע” אינ׳ם וואַרשאָווער זאַקסישען גאָרטען. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגען טייערע טעפּיכער, די וועגד זענען געווען אויסגעבעט מיט רויטע לע-דער און באַהאָנגען מיט טייערע שפּיגלען.. איך וועל מיך נישט שעה-מען און מודה זיין, אַז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך בעטרעטען אַזאַ שלאָף-וואַגאָן, איך בין פריהער געוועהנט געווען צו דעם צוג, וואָס געהט פון וואַרשא קיין אָטוואָצק און דערפאַר איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסען רושם. אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבען נעהנטער זיך צוצוקוקען צו די אַלע זאַכען, האָב איך מיך איבערצייגט. אַז דאָס לעדער אויף די וועגד און טעפּיכער אויף דער פּאָדלאָגע זענען געווען שרעקליך אומריין, און פול מיט שטויב. אויף די שפּיגלען זענען געווען ציי-כען נאָך פון פאַראַיאָהריגע פליגען און אפילו אָהן אַ שפּאַקטיוו האָט מען געקאָנט זעהען, ווי ס׳שפּאַצירען אַרום אויף די וועגד דיקע וואַנ-צען, טאַקי וואַנצען ממש. און דאַמאָלס האָב איך זיך צום הונדער-סטען מאָל איבערצייגט, אַז נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס ס׳בלישטשעט.

מיין קופּע, ווי אַלע אַנדערע, איז געווען קליין. ס׳איז דאָרט געווען הייס 17 גראַד — און דושנע, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ס׳איז דעמאָלס געווען זומער-לעב. איז אַלץ געווען איינגעאָרדענט, ווי אויף ווינטער. און צום שלאָפען האָב איך בעקומען אַ וואַרים אונ-טערבעט מיט גראָבע וואָלענע קאָלדרעס. קודם כל האָב איך געמאַכט אַ שטיקעל אָרדענונג אין מיין געפּעק בכדי ס׳זאָל בלייבען אַ שטיקעל אָרט פאַר מיין זינדיגען גוף, וואָס וועט מוזען דאָרט פערבלייבען גאַנצע זיבען טעג און אַכט נעכט. דערנאָך האָב איך איבערגעלעזען אַלע מודעות, וואָס זענען געהאָנגען אויף די וועגד און איך האָב מיך דערוואוסט, אַז איך בין פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלע מכשירים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפינען. נישט מאָראַליש, נאָר אפילו פינאַנ-ציעל, ס׳זענען געווען אויפגעגעבען אַלע פרייזען פון די זאַכען. דאָס וואַש-צימער איז געווען אַ זעהר קליינער, אָבער דערפאַר שפּיגלען וויפיעל דאָס הארץ האָט נאָר געגלוסט און זיי האָבען געקאָנט צו-פריעדענשטעלען נישטנאָר איין מאַנספערשוין נאָר אפילו פיער פרויען.

פון די מודעות בין איך אויך געוואָהר געוואָרען, אַז אינ׳ם עקספרעס איז אויך פאַרהאַן אַ ביבליאָטעק, וואו מען קאָן בעקומען רוסישע, דייטשע און פראַנצויזישע ביכער. דאָס דעקט שוין אַלע חסרונות, — האָב איך מיר געטראַכט און ס׳האָט מיר פשוט אימפּאָנירט. איך האָב מיך געווענדעט צום שווייצער, וואָס איז געווען אָנגעטהון עלעגאַנט, אָבער אומריין, מיט דער בקשה צו זאָגען מיר, וואו געפינט זיך די ביבליאָטעק; ער האָט אָבער פון איהר גאָרנישט געוואוסט. ער דיענט אינ׳ם עקספרעס, — האָט ער מיר ערקלערט, — ערשט פיער יאָהר און איז נאָך נישט גוט בעקאַנט מיט אַלע איינ־ריכטונגען. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ער לאַכט, ער האָט אָבער דאָס געזאָגט מיט גרויס ערנסט. איך האָב געמוזט אַליין זיך מטריח זיין זוכען די ביבליאָטעק. איך בין דורכגעגאַנגען אַלע וואַגאָנען און האָב זי נישט געפונען. ענדליך בין איך אַריין אין דעם שפּייזע־וואַגאָן, און דאָרט איז זי אויך נישט געווען. איך האָב מיך געווענ־דעט צום דירעקטאָר פונ׳ם עקספרעס, וועלכער איז געזעסען ביי זיין שרייב־טיש און האָט בעטראַכט אַלע פּאַסאַזשירען, וואָס זענען אַריין און אַרויסגעגאַנגען. ער האָט נעביך געהאַט אַ געשוואָלען פּנים, וואָס איבער דעם זענען געווען חילוקי דעות. יש אומרים, אַז די סבה פונ׳ם געשוואָלענעם פּנים זענען געווען קראַנקע ציין, ס׳זענען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געמיינט, אַז דאָס איז פשוט פון שכרות.

— אַ ביבליאָטעק? — האָט ער זיך געוואונדערט, קיין ביבליאָטעק אַזוי צו זאָגען, דאָס הייסט דאָס, וואָס מיר אינטעליגענטען פערשטע־העו אונטער׳ן נאָמען ביבליאָטעק, — אַזוינס איז דאָ נישטאָ, — האָט ער מיר ערקלערט. און ווער בעדאַרף זי אייגענטליך? ווען גלוסט זיך דאָס אויף דער רייזע צו לעזען? ס׳איז נאָר פאַרהאַן אַ קליינע שאַפע — ער האָט מיר מיט׳ן בערדיל אָנגעוויזען אויפ׳ן רעכטען ווינ־קעל פונ׳ם שפּייזע־וואַגאָן — וואו ס׳זענען דאָ עטליכע ביכער. ער האָט נעביך אָבגעזיפצט. אין דער שאַפע האָב איך געפונען עטליכע יאָהר־גענג פון רוסישע און פראַנצויזישע זשורנאַלען, בעדעקט מיט דיקען שטויב און דערצו גרויסע זקנים.

אויב דער אינהאַלט פון די שפּייזען, — האָב איך מיר אַ טראַכט געגעבען — איז אַזוי רייך ווי דער אינהאַלט פון דער שאַפע, וועל איך אודאי קומען קיין אירקוטסק, ווי איינע פון די מאָגערע קיה, וועלכע פּרעה האָט געזעהען אין חלום.

דער שפּייזע-וואַגאָן איז געווען פול אָנגעפּאַקט מייסטענטיילס מיט מיליטערלייט. ביי די טישלעך איז געווען געמיטליך און דאָס אינטערעסאַנטסטע איז געווען, וואָס מענשען, וועלכע האָבען זיך עטליכע שעה צוריק לגמרי נישט געקענט, מענשען פון פערשידענע קאַנטען און אפילו לענדער, זענען געזעסען צוזאַמען און האָבען צווישען זיך געשמועסט, ווי אַלטע בעקאַנטע. דער שפּייזע-וואַגאָן איז געווען דער צענטראַל-פּונקט פונ'ם גאַנצען צוג און האָט געמאַכט אַן'איינדרוק פון אַ קאָלאָניע, וואָס איז בעשטאַנען פון פערשידענע גרופּען, וואָס האָבען זיך קאָנצענטרירט אַרום די טישלעך. ווי אַזוי און פאַרוואָס בילדען זיך אין אַזעלכע בעדינגונגען פערשידענע גרופּען, — איז שווער צו זאָגען. ס'זענען אודאי פאַראַן פערשידענע סבות, אינערליכע צי אויסערליכע. צו מיר, למשל, האָט זיך צוגעזעצט אַן'אָפיציר, וואָס איז, ווי ער האָט מיר שפּעטער דערצעהלט, געבוירען געוואָרען אין וואַרשא און דאָרט איז ער אויך געוואָרען ערצויגען. ס'האָט איהם צו מיר עפּיס געצויגען, — האָט ער געזאָגט.

איך קאָן מיך נישט אונטערנעהמען צו לעזען דעם פּסיכאָלאָגישען פּראָבלעם, אָבער אַ פאַקט איז, אַז ס'האָבען זיך אין צוג געבילדעט עטליכע גרופּען, וואָס יעדע פון זיי האָט זיך פעסט געהאַלטען אויפ'ן גאַנצען וועג ביז אירקוטסק און נאָר גאַנץ זעלטען האָבען זיך די מיטגלידער פון איין גרופּע קאָמוניקירט מיט די מיטגלידער פון די אַנדערע.

ביי איין טישעל זענען געזעסען דריי הערען, צוויי באַהן-בעאַמטע און איין אָפיציר. אויפ'ן באַהן-הויף אין מאָסקווא האָבען זיי זיך נאָך נישט געקענט. זיי זענען געזעסען זעהר ערנסט און ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטען, אַז זיי זענען פערנומען מיט גאַנץ הויכע ענינים, אין אמת'ען אָבער האָבען זיי געגעסען ווייסען רעטעך מיט אוגערקעס און האָבען דעם מאכל פערטרונקען מיט עטליכע גלעזלעך בראָנפען. זיי זענען שטענדיג געזעסען און געגאַנגען צוזאַמען. זיי האָבען בעשטעלט די זעלבע מאכלים. אָבער גערעדט האָבען זיי צווישען זיך זעהר ווייניג. נאָר איינמאָל האָב איך בעמערקט, ווי איינער פון זיי האָט בשעת דעם מיטאָג-עסען דערצעהלט עפּעס פרעהליכעס, ווייל ער אַליין האָט זעהר געלאַכט, אָבער די אַנדערע צוויי האָבען דערויף נישט רעאַגירט און האָבען מיט אַ טיפען שטילשווייגען געגעסען ווייסען רעטעך. עטליכע סטאַציעס פאַר אירקוטסק זענען צוויי פון זיי

אויסגעשטיגען, דער דריטער איז נעביך געבליבען ווי אַ יתום, אָבער דעם אַפּעטיט האָט ער נישט פערלוירען. די דריי האָט, ווייזט אויס, פערבונדען דער ווייסער רעטעך מיט'ן שנאַפּס.

די נשמה פון אַנ'אַנדערען טישעל איז געווען אַ דאַמע פון אַ יאָהר פערציג, מיט אַ זעהר גראָבען אויסדרוק פונ'ם פּנים. ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרען, איז זי אַרויסגעקומען פון טאָטערען. גערעדט האָט זי הויך, מיט אַ קול פון אַ מאַנסביל און האָט דערביי זשעסטיקולירט נישט נאָר מיט די הענט, נאָר אפילו מיט די פיס. זי האָט דערצעהלט, אַז איהר מאַן איז אַ קאַפּיטאַן, וואָס געפינט זיך אויפ'ן פראָנט, זי ווייס אָבער נישט וואו. זי וויל איהם זעהר זעהען, נישט נאָר זי וויל, נאָר זי מוז, לענגער קאָן זי שוין נישט אויסהאַלטען. פאָהרט זי קיין כאַרבין, וואו זי וועט אודאי געוואויר ווערען, וואו איהר מאַן דער קאַפּיטאַן געפינט זיך. די עטליכע אָפיצירען, מיט וועלכע זי איז געזעסען, איז זעהר געפעלען די טעמא, זיי האָבען בכלל נישט געגלויבט אין דער גאַנצער מעשה מיט'ן מאַן. ס'האָבען זיך געשיט וויצען פונ'ם סעקסועלען לעבען און די דאַמע האָט גאָר געקוואָלען. שפּעטער האָבען די אָפיצירען אָנגעהויבען זי צו שרעקען, אַז מען וועט זי נישט אַריינלאָזען קיין מאַנדזשוריען. — „פאַרוואָס?״ — האָט זי זיך געוואונדערט. „פּשוט דערפאַר — האָט מען איהר געענטפערט, — ווייל אָהן דער ערלויבעניש פונ'ם שטאַב ווערען קיין מאַנדזשוריען נישט אַריינגעלאָזען קיין פרויען״. „אויך מיר אַ דאגה — האָט זי געענטפערט, אַרויסלאָזענדיג דעם רויך פונ'ם פּאַפּיראָס דורך די נאָזלעכער, — וועל איך מיך איבערטהון פאַר אַ מאַנספּערשוין״. מען האָט געקאָנט זיין זיכער, אַז בשעת הדחק וועט זי דאָס מקיים זיין.

ביי אַנדערע טישלעך זענען געזעסען עלטערע מיליטער-מענשען און האָבען גערעדט מכּח דעם קריעג. זיי האָבען צולעגט אויף די טישלעך מאַפּעס און האָבען קאָנטראָלירט אַלע ערטער, וועלכע זענען געווען אויפגעגעבען אין די צייטונגען און דערביי האָט מען זעלבסטפערשטענדליך קריטיקירט דעם גענעראַל-שטאַב, אַז יעדער פון זיי וואָלט גאָר אַנדערש געפיהרט און וואָלט שוין לאַנג צוקלאַפּט די „יאַפּאָשקעס״. אָבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען למראות עין, אין אמת'ען אָבער האָט מען עוסק געווען טאָג און נאַכט אין קאָרטען, מען האָט גוט געגעסען און געטרונקען און מען האָט געלעבט אַ גוטען טאָג.

דער אויבען-דערמאָהנטער וואַסיאַ איז אויך געווען שטאַרק פערנומען

מיט די קאַרטען און מיט איינער פון די באַרמהאַרציגע שוועסטער. אין פרייע מינוטען האָט ער געהאַלטען אין איין זוכען דעם זייף, פון וועלכען די מוהמע האָט נאָכגעשריגען אין מאָסקווא און האָט איהם נישט געקאָנט געפונען. און דערפאַר האָט ער זיך נעבעך טאַקי נישט געוואַשען. אָט אַזוי האָט פיעל-וועניג אויסגעזעהען די געזעלשאַפט אינ׳ם „עקספרעס״.

איך זאָג פיעל וועניג, ווייל ס׳זענען געווען אַריסטאָקראַטען און עטליכע אויסלענדער, וואָס זענען געזעסען אין זייער אָבטיילונג און האָבען זיך מיט קיינעם נישט געמישט; אפילו עסען פלעגט מען אַריינטראָגען אין די אָבטיילונגען. אינ׳ם שפייזע-וואַגאָן האָט מען געקאָנט בעקומען פון כל-טוב און נישט טייער, און די אַלע זאַפּאַסען, וועלכע איך האָב מיט מיר מיטגעשלעפּט, זענען געווען אינגאַנצען איבעריג, די היצען זענען געווען גרויסע, און פערשיעדענע עסענוואַרגען, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיר, האָבען אָנגעהויבען קאַליע צו ווערען, פּשוט צו שטינקען, און איך האָב זיי געמוזט בחרפתנו אַרויסוואַרפען. די בעדיענונג איז געווען נישט קיין שלעכטע. פאַר דרייסיג קאָפּיקעס טרינק-געלד האָט מען געקאָנט אַפילו בעקומען אַ „מערסי״. אויף די אוימלענדישע עקספרעסען קענען די קאָנדוקטאָרען גוט די געגענד און פון יעדען פלאַץ, וואָס מען זעהט אויפ׳ן וועג, פון יעדען טורם, דערצעהלען זיי אַ לעגענדע אָדער אַ היסטאָרישען פאַקט, אַנ׳אמת׳ע מעשה אָדער אַנאויסגעטראַכטע, אַבי דעם רייזענדען צו פעראינטערעסירען, אין דעם רוסישען „עקספּרעס״ האָבען די קאָנדוקטאָרען קיין שום אַהנונג נישט געהאַט דערפון.

אויף יענער זייט אוראַל האָב איך דערזעהען אַ גרויסען זעע, וועלכען איך האָב נישט געקאָנט געפינען אויף דער קאַרטע. וועלכע איך האָב געהאַט מיט מיר, ווען איך האָב דעריבער געפרעגט דעם שווייצער, וואָס האָט דאָרט געדיענט „ערשט פיער יאָהר״ האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס איז אַזאַ... אָרטיגע יעזי ראַ״. פון דאַמאָלס אָן האָבען מיר איהם מעהר שוין נישט געפרעגט און אַלע זעען, טייכען, בערג, וואָס מיר האָבען נישט געפונען אויף דער קאַרטע. האָבען מיר אָנגערופען „אָרטיגע״.

— וואוהין פאָהרט דער הער דאָקטאָר? — האָב איך אַמאָל פאַרנאַכט דערהערט נעבען מיר אַ שטימע, איך האָב מיך אומגעקוקט און האָב דערזעהען אַנ׳אַלטיטשקען הער פון מיטלען וואוקס. ער איז

געוועז פיין אויסגעגאָלט, אַ בייכיגער מיט אַ גאָלדענעם פּענסנע אויף דער נאָז, „מיין נאָמען איז ר. — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט — איך בין אַ סוחר פון דער ערשטער גילדע אין פעטערבורג און מיין זוהן איז אַ דאָקטאָר, וואָס געפינט זיך שוין דריי חדשים אין וולאַדיוואָסטאָק. דאָס אַלץ האָט ער אַרויסגעזאָגט אין רוסיש. אָבער מיט אַ שלעכטער אויסשפּראַך און פול מיט גרייזען. ער האָט זיך צו מיר צוגעזעצט, איהם, ווייזט אויס, האָב איך צו מיר צוגעצויגען. ער האָט בעשטעלט אַ פלעשעל אַפּאָלינאַריס, ווייל צו די היימישע מינעראַל וואַסער האָט ער נישט געהאַט קיין צוטרויען. „אויסלאַנד בלייבט שטענדיג אויסלאַנד״, — האָט ער אַ זאָג געטהון און דאָס איז איהם אַזוי שטאַרק געפעלען, אַז ער האָט זיך אַזש צולאַכט.

טרינקענדיג „אַפּאָלינאַריס״ האָט ער געלאַסען און באריכות מיר דערצעהלט, ביי וואָסערע אומשטענדען מען האָט זיין זוהן גענומען אויף די מלחמה. ווי זיין שנור האָט געוויינט און זיין זוהן האָט גע׳חלש׳ט. ער האָט זיך פערענטפערט, וואָס ער רעדט שלעכט רוסיש ווייל ער איז געוואוינט צו רעדען דייטש, ער פאָהרט אָפט אין די וואַרים-בעדער — האָט ער מיר ערקלערט — ווייל ער ליידט אויף גאַל-שטיינער, ווי די פראָפעסאָרען אין בערלין זאָגען. און אויף אַ פערהאַרטונג פון דער לעבער, לויט דער מיינונג פון די וויענער פּראָפעסאָרען. אין אויסלאַנד מוז מען רעדען דייטש, ווייל אַנדערש ווערט מען גרינג-געשעצט.

דער הער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדען, ער איז געוועזן כמעין המתגבר. איך האָב איהם געלאָזען רעדען, ווייל איך האָב שוין אַזאַ טבע, אַז ביי אַזעלכע געלעגענהייטען טראַכט איך גאָר וועגען עפּעס אַנדערש, דער הויפּט-געדאַנק מיינער איז געוועזן, ווי אַזוי ווערט מען איהם פּטור. ענדליך איז ער מיעד געוואָרען און האָט זיך אַ נעהם גענומען צו מיר. און דאָס איז שוין געוועזן ערגער. איך האָב איהם געמוזט דערצעהלען, ווי אַלט איך בין געוועזן, וואו און ווען האָב איך געענדיגט די אוניווערזיטעט, וויפיעל פערדין איך, פון וועלכע לעווינ׳ס בין איך. ווי אַזוי הייסט מיין פרוי פון צו הויזע, וויפיעל קינדער איך האָב, יונגלעך צו מיידלעך א. אַז. וו. די אַלע ידיעות האָבען איהם פערשאַפט גרויס פערגעניגען. ביי דעם אָוועגד-ברויט. וועלכען מיר האָבען שוין געגעסען ביי איין טישעל, האָט ער זיך ווידער צורעדט און איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז זיין ערשטע

פרוי איז געשטאָרבען אויף שווינדזוכט, די צווייטע — אויף אַ ראַק, און די דריטע, איז ברוך השם געזונד. זי איז שעהן, יונג און העכסט געבילדעט. זי רעדט אַזש אויף פינף שפּראַכען (כ'האָב אַזש אַ ציטער געגעבען). אָבער די קינדער פון די ערשטע צוויי פרויען האָבען זי נישט ליעב, הגם זי האָט זיי יאָ ליעב. איך בין געוואָהר געוואָרען פון נאָך אַ סך אינטימע זאַכען און ער איז בכלל געוואָרען מיינס אַ אוהב נאמן. אויפ'ן צווייטען טאָג צום פריהשטיק האָט ער מיר געבראַכט אַ בריף, אַדרעסירט צו דר. ר. אין וולאַדיוואָסטאָק, אָהן אַ מאַרקע, פערשטעהט זיך, — די בריעף, וואָס זענען געווען אַדרע-סירט אויפ'ן פראָנט זענען דעמאָלט פריי געווען פון פּאָרטע. און ער האָט מיך געבעטען אַריינצוּוואַרפען איהם אין כאַרבין, פּאָרט נעהנטער". אין סאַמאַראַ האָט ער פערלאָזט דעם צוג און האָט זיך מיט אַ סך פּאַסאַזשירען געקושט מיט מיר אויך.

שפּעטער בין איך צופעליג געוואָהר געוואָרען, אַז נאָך אַלט פּאַסאַזשירען האָבען בעקומען בריעף אַדרעסירטע צו זיין זוהן קיין וולאַדיוואָסטאָק, איך האָב מיר פאָרגעשטעלט די גדולה פון דעם זוהן צו בעקומען ניין בריעף אודאי מיט'ן זעלבען אינהאַלט.

אינ'ס עקספּרעס בין איך געווען דער איין און איינציגער אַרצט און איך האָב ברוך השם געהאַט אַ סך פּראַקטיק, און אַזוי ווי איך האָב מיט מיר געהאַט אַ קליין אַפּטייקעל פאַר'ן אייגענעם געברויך האָב איך געטיילט אויך רפואות פונקט ווי אַ האָמעאָפּאַטישער דאָקטאָר אין אַ קליין שטעדטעל. ס'מיינסט זענען געגאַנגען אָבפיהר-מיטלען און אָפּיום צו בויך-וועהטאָג. אויב איך וואָלט גענומען פאַר די רפואות און פאַר'ן בעהאַנדלען די קראַנקע געלד, וואָלט איך געמאַכט אַ מאַיאָנטעק. איך האָב געמוזט זיין אַ כל-בו. נור אַנ'אַקושער איז מיר נישט אויסגעקומען צו זיין.

אַ צוויי-יאָהריג קינד — אַזעלכע פּאַסאַזשירען זענען אויך געווען — האָט זיך אָבגעבריהט אַ פיסעלע און ס'האָט זעלבסטפערשטענדליך נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו שרייען. אין די סטאַטוטען פונ'ס עקספּרעס האָט מען דאָס נישט פאָרגעזעהן און פאַר וויינען האָט מען נישט בעדאָרפען צאָהלען. די באָבע פונ'ם קינד, אַנ'אַלטיטשקע פרוי, האָט עס מיר אַריינגעבראַכט, איך האָב דאָס פיסעל בעשמירט מיט וואַזעלין און דאָס קינד האָט זיך תיכף בערוהיגט. די אַלטיטשקע האָט זיך איבער-נעצלמט. „דאָס הייסט אַ גליק, וואָס ס'איז פאַרהאַן דאָ אַ דאָקטאָר"

האָנאָראַר, אַזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך נישט גענומען, בעסער געזאָגט, סען האָט מיר נישט געגעבען, אָבער דערפאַר האָט מען מיר געדריקט די האַנד, אַז זי האָט מיר אַזש וועה געטהון און מען האָט מיך בעשיט מיט ברכות. איינמאָל האָב איך אפילו געהאַט אַ נאַכט-וויזיט. איך בין געשלאָפען געשמאַק און איך האָב גראָד גע-האַט אַ גאָר פיינעם חלום. ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז אַלע וואַר-שאווער דאָקטוירים האָט מען גענומען אויף דער מלחמה און איך בין געבליבען אַנ'איין-און איינציגער דאָקטאָר — בשעת מעשה האָט זיך מיר דערמאָהנט דאָס בעקאַנטע סאָלדאַטען-ליעד.

„דריי דערפער, צוויי שטעטלעך, אַכט מיידען און איך איינער"

— אין מיין קאַבינעט האָב איך געהאַט צעהן טעלעפאָנען און ביי יעדען פון זיי איז געשטאַנען אַ סעקרעטאַר און האָט פערשריבען ווי-זיטען. אַזוי ווי איך בין נישט אומשטאַנד געווען אָנצונעמען, האָט מען געהייסען די קראַנקע קומען אין אַ האַלב יאָהר אַרום, אין ניין חדשים אַרום און אַלע האָבען געוואַרט. פּונקט בשעת דעם חלום האָט מען אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען אין די טהיר. זייענדיג פערשלאָפען, און אונטער דער ווירקונג פונ'ם חלום האָב איך אינ-גאַנצען פערגעסען, אַז איך בין אין וואַגאָן, וואָס לויפט אויפ'ן וויי-טען מזרח און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך ליעג ביי מיר אין דער היים אינ'ם בעט.

— ווער איז דאָרט? — האָב איך אַ פרעג געטהון מיט כּעס.

— איך בעט, אַז דער הער דאָקטאָר זאָל זיך מטריח זיין צו אַ קראַנקען, — האָט מען געענטפערט.

— איך געה נישט ביינאַכט, — האָב איך געענטפערט, — זאָל דער קראַנקער קומען אין אַ האַלב יאָהר אַרום.

— גאָט איז מיט אייך, — האָט מען געענטפערט — דער קראַנ-קער ליגט דאָ באַלד אין דער צווייטער אָבטיילונג און אָטעמט קוים.

ערשט דעמאָלט בין איך געקומען צו מיר און דער חלום איז פערשוואונדען געוואָרען. איך בין אויפגעשטאַנען, גענומען אויף מיר דעם מונדיר און בין אריין צום קראַנקען.

דער פּאַציענט, אַ מענש פון אַ יאָהר זעכציג, איז געזעסען אויפ'ן בעט בלוי ווי אַ מילץ און האָט שווער געסאָפּעט. ער האָט מיך נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און האָט אַליין אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אַז ער ליידט אויפ'ן האַרץ, און אַזעלכע אַטאַקען האָט

ער פון צייט צו צייט שוין עטליכע יאָהר און העלפט איהם נור וואַלעריאַנאַ, וועלכע זענען ביי איהם גראָד אויסגעגאַנגען.

—האָט איהר די טראָפּען? — האָט ער נעבּיך קוים אַרויסגע־רעדט — בּין איך געדעטעט. איך האָב איהם גענומען ביים דופק, וועלכער איז געווען הארט ווי אַ שטריקעל און האָט געקלאַפּט העכער הונדערט אין אַ מינוט. „פערלירט נישט די צייט, האָט ער גע־זאָגט, גיט די טראָפּען".

ווען איך האָב איהם אַריינגעבּראַכט דאָס פלעשעלע מיט וואַ־לעריאַנאַ טראָפּען, האָט ער שוין אויפגעלעבט. ער האָט אַליין זיך אָנגעגאָסען אויף אַ לעפעלע וואַסער אַ היבש ביסעל טראָפּען און האָט עס אויסגעטרונקען, ווי אַ שכּור טרינקט אויס אַ גוט גלעזעל בּראָנפען. איך בּין געבּליבּען ביי איהם זיצען. דער צושטאַנד זיינער איז טאַקי געוואָרען בּעסער און ווען ער איז איינגעשלאָפען און האָט אפילו אָנגעהויבען צו כראָפּען בין איך שטיל אַרויסגעגאַנגען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג אינדערפריה האָב איך דעם פּאַציענט געט־ראָפען אין שפּייזע־וואַגאָן בּיים פריהשטיק, גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט גע־ווען בּיינאַכט. ער האָט מיר זעהר געדאַנקט. וועגען אַזאַ נאַרישקייט, ווי האַנגאַראַריום האָט ער אינגאַנצען פערגעסען. הכּלל, ס׳איז געווען אַ טיפּישער וואַרשעווער נאַכט־וויזיט

דער עולם האָט געהאַלטען אין איין שפּיעלען אין קאָרטען און איך האָב זיי פּשוט מקנא געווען, וואָס זיי האָבּען אַ שטיקעל בּעשעפטיגונג.

איך האָב הנאה געהאַט צו זיצען נעבּען פענסטער און צו בּע־טראַכטען די געגענד לכל הפּחות, אַזוי ווי מען זאָגט, פונ׳ם פליה פון אַ פויגעל. די געגענד ביי דער וואָלגאַ איז זעהר אַ שענע, ס׳זענען פאַר־האַן ערטער, וואָס דערמאָהנען טיראָל אָדער די שווייץ. וואָס אמת, זעהט מען נישט ביי דער וואָלגאַ די ווילעס, פּאַלאַצען, טורעמלעך, וועלכע מען זעהט, למשל, בּיים רהיין, אָדער עבּען דאָס פעהלען פון וועלכער ס׳איז אַרכיטעקטור, די פרימיטיוויטעט האָט נאָך מעהר בּולט געמאַכט די שענקייט פון דער נאַטור. דער אוראַל האָט מיך אינגאַנצען פערשעמט, ער האָט אויף מיר נישט געמאַכט דעם געהעי־ריגען איינדרוק. וואָס אמת איז, מיר זענען דורכגעפאָהרען בּיים דרום זייט, דער צפון זאָל זיין מעהר אינטערעסאַנט. אָבּער אַלענפאַלס פאַר

דעם יעניגען, וואָס האָט געזעהען למשל די אַלפּען, האָט דער או-ראַל נישט מיט וואָס צו אימפּאָנירען.

די ליעבהאָבער פון טונעלען האָבען זיך שרעקליך ענטטוישט. ס'איז נישט געווען אפילו קיין איינציגער, וואו ס'זאָל זיין פינסטער ווי געהעריג. די פרוי פונ'ם קאַפּיטאַן האָט זיך געפיהלט פּשוט בע-ליידיגט, אַז אין אַזאַ אוראַל זאָל נישט זיין איין רעכטער טונעל, — האָט זי זיך געקלאָגט. דער אַלטאַי, וועלכען איך האָב געזעהן שפּע-טער, איז שוין געווען מעהר אינטערעסאַנט. דאָרט האָב איך בע-מערקט רויזען, וואָס זענען געווען עהנליך צו די אַזוי גערופענע אַלפּענרויזען, צווישען זלאַטאָאוסט און טשעלאַבינסק, נעהנטער צום ערשטען, האָב איך בעמערקט אַנ'אָבעליסק-מאַרמאָר, אויף וועלכע ס'איז געווען אויף איין זייט אַנ'אויפשריפט „אייראָפּאַ" — אַ ביסעל אויסגעריבען — און פון דער צווייטער זייט „אַזיאַ". וועגען דעם אָבעליסק האָב איך שוין געהאַט פריהער געלעזען און איך האָב דאַמאָלס געמיינט, אַז ער בעדאַרף מאַכען אויפ'ן רייזענדען אַ גרוי-סען רושם, אַ קליינינקייט — די גרעניץ צווישען „אייראָפּאַ" און „אַזיאַ". אין אמת'ען אָבער שפּירט מען דאָרט גאָרנישט דעם איבער-גאַנג. מען זעהט דאָרט נישט קיין שום שנוי, נישט אין דער נאַטור, נישט אין די בנינים און נישט אין דער בעפעלקערונג, וועלכע ווערט שוין פון סאַמאַראַ אָן זעהר פיעלפאַרביג. פאַרוואָס האָט מען גראָד דאָרט געמאַכט די גרעניץ — פערשטעה איך נישט. איך האָב געוואָלט מיך אַליין סוגערירען, אַז איך פיהל דאָרט דעם ריח פונ'ם וויגעל, וואו די מענשהייט האָט זיך ענטוויקעלט. עס איז מיר נישט געלונגען אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב געהאַט גראָד אַ קאַטאַר. ס'איז בכלל געווען שווער זיך איינצורעדען, אַז גראָד דאָרט אין די אָרעמע סטעפּעס האָט זיך געבילדעט די ערשטע צעלע (קעמערל). די ערשטע גרויסע סטאַציע פון סיביר „טשעלאַבינסק" האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַנ'אמת'ען מגדל בבל. איך האָב דאָרט געהערט כמעט אַלע אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע שפּראַכען, נעבען אַ פאַרשוין, וואָס איז געווען אָנגעטהון לויט דער לעצטער מאָדע מיט אַ צילינ-דער אויפ'ן קאָפּ, גערעדט האָט ער פראַנצויזיש — איז געזעסען אַ סאָטער אין אַ פוטערן היטעל און אין טיעפע קאַלאָשען, נישט קוק-קענדיג אויף די 32 גראַד היץ; נעבען איהם איז געשטאַנען אַ כינעזער מיט דער ליולקע אינ'ם מויל, אָדער גאָר אַ פּוילישער איד, וואָס

האָט פערקויפט ענגלישע סחורות און פערסישע דיוואַנען. נעבען אַנ׳עלעגאַנטע דאַמע אין פיינע שיכלעך אויף הויכע אָבצאַסען, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אויפ׳ן אָרעם פון אַ פאַצעט, וואָס האָט הויך גערעדט איטאַליעניש, איז געשטאַנען עפּעס אַ ווילדע פרוי אין צעריסענע קליידער און די הויכע שטיוועל זענען געווען פון וואָילאָק און געשריען האָט זי אויף עפּעס אַ משונה׳דיגען לשון. איך האָב דאָרט געזעהען פערשידענע קאָזאַקען, קירגיזען, באַשקירען וכדומה און דאָס אַלץ האָט געשריען, געווילדעוועט, געשטויסען, אַז איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

אַ גרויסען רושם האָט אויף מיר געמאַכט סיביר. די געגענדען, וואָס איך בין דורכגעפאָהרען, זענען געווען נישט נאָר שען, נאָר פּשוט מאָלעריש. קודם כל דער סטעפּ, ווי ווייט דאָס אויג דערגרייכט, דער גרויסער הימעל מיט׳ן ווייטען האָריזאָנט, אויף וועלכען מען זעהט אפילו נישט קיין צווייגעל. היינט די גרויסע ברייטע טייכען, וואָס אַקעגען זיי זעהט אויס אונזער אַ טייך פּשוט ווי אַ רינשטאָק. הויבט זיך ווידער אָן וואַלד, ציהט ער זיך מיילענווייז און איז אַזוי געדיכט, אַז ס׳איז דאָרט אַזש פינסטער.

דער גאַנצער וועג דורך סיביר איז דאַמאָלס געווען כמעט פּוסט אָהן אַ שום צייכען פון וועלכער ס׳איז קולטור ערשט נעבען קראַסנאָיאַרסק האָט מען געקאָנט בעמערקען אַ שטיקעל ישוב: די פעלדער זענען געווען פערזייהט און אויף די לאָנקעס איז געווען אַ סך בהמות.

אויף די גרעסערע סטאַציעס איז געווען פול מיט מענשען. וואָס האָבען אויף אונז אויסגעגלאָצט די אויגען, גלייך זיי וואָלטען געזעהען מענשען דאָס ערשטע מאָל. ס׳האָט זיך אין די אויגען געוואָרפען דאָס אומריינקייט, ביי אַ סך פרויען זענען די פּ״ס געווען אַזוי שוואַרץ, אַז לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז זיי טראָגען שוואַרצע שיך. די בעפעלקערונג פון סיביר מוז אודאי זיין פאַר אַנ׳עטנאָגראַף זעהר אינטערעסאַנט.

ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זעהען אין סיביר אַ געוויטער און איך וועל דאָס אייביג נישט פערגעסען. דער אונגעהויערער בלייענער הימעל האָט זיך ביי יעדען בליץ געשפּאָלטען אין פערשידענע ריכטונגען, יעדער דונער האָט געבילדעט אַ הערליכע ווילדע כראָמאַטישע גאַמע אין עטליכע רעגיסטערען. דער ווינד האָט געוואָיעט און

געוואַלדעוועט און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט דאָס יאָמערען און דאָס קרעכצען פון די אומגליקליכע, וואָס זענען דאָרט געפּייניגט געוואָרען. הייסט דער רעגען גופא, עפּעס אַן׳אמת׳ער מבול, וואָס האָט אין עטליכע מינוט געבילדעט אויף דער יבשה טייכען און טייכלעך. אונזער גרויסער, לאַנגער צוג, מיט דעם הויכען לאָקאָמאָטיוו, וואָס פלעגט שטענדיג אויסצוזעהן אימפּאָזאַנט צווישען דער פּוסטקייט פונ׳ם סטעפּ, אפילו דער קאָלאָס האָט באַלד ביי די ערשטע קלאַנגען פון דעם געוויטער, באַלד ביי די ערשטע דונערן און בליצען אויסגעזעהען, ווי אַ שפּיעלצייג, ווי אַ גאָרנישט. איך האָב מיר דאַמאָלס געטראַכט, אַז אויב בעטהאָווען וואָלט געהערט דאָס געוויטער אפילו דעמאָלס, ווען ער איז שוין געווען טויב, וואָלט זיין געוויטער אין דער פּאַסטאָראַל-סימפאָניע געווען וועניגער פיליסטעריש און אַ סך שטאַרקער.

אויפ׳ן אַכטען טאָג אין דער פריה זענען מיר אָנגעקומען קיין אירקוטסק.

מיר האָבען אָנגעהויבען אַרויסצונעהמען אונזערע באַגאַזשען און ס׳האָט געמאַכט אַן׳איינדרוק פונ׳ם 8 טען יולי פאַר דער מלחמה, ווען מען פלעגט זיך אַריבערציהען פון איין דירה אויף די צווייטע.

מיר האָבען זיך הערצליך געזעגענט, ווער ווייס, צי מיר וועלען זיך נאָך אַמאָל בעגעגענען. איך האָב קיינעם פון זיי שפּעטער נישט געזעהען. איך בין פערפאָהרען אין האָטעל „מעטראָפּאָל״, וואו איך האָב געמוזט לאַנג וואַרטען ביז איך האָב בעקומען אַ ביסעל וואַסער צום וואַשען, אָבער דערפאַר האָט דער דיענער געטראָגען אינ׳ם גאַרטעל אַן׳אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער.

IV.

ענדליך קום איך קיין כארבין

מיין פריינד ד״ר טומפאווסקי. – אירקוטסק. – דער באיקאל. – אינזשיניער שאפירא – איך פעדבלייב אין כארבין אלס רעזערוו־ארצט. – אלעקסיעיעוו טיילט אָרדערס.

אין אירקוטסק בין איך פערבליבען נאָר איין טאָג, בכדי צו קומען קיין כאַרבין צום טערמין. קודם־כל האָב איך אויפגעזוכט מיין פריינד ד״ר אַלעקסנדער טומפאָווסקי. וועלכער האָט דאָרט פּראַקטיצירט שוין עטליכע יאָהר. מיר האָבען איינצייטיג בעזוכט דעם מעדיצינישען פאַקולטעט אין ווארשא, פונ׳ם ערשטען קורס אָן זענען מיר געווען אוהבי׳ם נאמנים און אויפ׳ן פינפטען קורס האָבען מיר געוואָהנט צוזאַמען אויף מאַריאַנסקאַ 2. און האָבען זיך צוזאַמען צוגעגרייט צום דאָקטאָר־עקזאַמען. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ ליטוואַק און לעהרער פון העברעאיש — ער האָט געוואוינט אויף דער וואָלינסקאַ גאַס — האָט ער נישט געהאַט דעם מינדעסטען בעגריף פון אידישקייט און איז געווען שרעקליך פערפוילישט, ס׳איז פשוט שווער געווען דאָס צו פערשטעהן, ס׳איז אָבער דאָך אַ פאַקט און זיין פוילישקייט איז נישט געווען קיין אָנשטעל, ווי ביי אַ געוויסען טיפ אַסימיליאַטאָרען, נאָר אַן׳אמת, ער איז געווען אַן׳עהרליכער, סימפאַטישער, אינטעליגענטער יונגערמאַן. מיר פלעגען שעה־ענווייז דיסקוטירען און אפילו זיך שען צוקריגען, ווייל יעדער האָט געיואָלט דעם צווייטען איבערצייגען, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט אונזער פריינדשאַפט, יעדער פון אונז איז געווען טאָלעראַנט.

נאָך דער חתונה האָט ער זיך בעזעצט אין לאָדז, וואו ס׳האָט

זיך איהם ענטוויקעלט אַ גאַנץ שענע פּראַקטיק. וואָס האָט עס איהם בעוועגט צו פערלאָזען לאָדז און אַרויסצופאָהרען אַזש קיין אירקוטסק —ווייס איך נישט עד־היום.

די שמחה ביי אונזער בעגעגעניש איז געווען אין לשער. ס׳האָט זיך איהם דאָרט גאַנץ גוט געלעבט, הויפּטזעכליך האָט ער געהאַט בעציהונגען מיט דער אידיש־פּוילישער קאָלאָניע, וואָס איז בעשטאַנען פון געוועזענע „פּאָליטישע פערברעכער" גופא און פון קינדער אָדער אייניקלעך פון אַלטע רעוואָלוציאָנערען. צווישען די פּאָליטישע פערברעכער האָבען זיך אַריינגעשמוגעלט אויך פּשוטע פערברעכער, וואָס זענען געוואָרען דאָרט פערשיקט און קיינער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס.

אירקוטסק איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע צעוואָרפענע שטאָדט מיט זעהר לאַנגע און ברייטע גאַסען. הייזער זענען געווען נישט קיין סך און דער שטויב איז געווען אַ שרעקליכער, אַנ׳אמת אַזיאַטישער, די איינוואוינער האָבען אויף מיר געמאַכט אַ שרעקליכען רושם, אין יעדען דורכגעהער האָב איך געזעהען אַנ׳אונטערצינדער, אָדער אַ גזלן. מיין קאָלעגע האָט מיר געוויזען די שטאָדט. ס׳איז אָבער נישט געווען וואָס צו זעהן. איינע פון די גרעסטע פערגעניגענס אין אירקוטסק איז דאָ געווען אַראָבצופאָהרען אין אַ „טראָיקע" צו דעם טייך אַנגאַראַ, ביי וועלכען אירקוטסק ליגט און דאָרט עסען קאַוויאָר פון פרישׁ געפאַנגענע פיש. מיר האָבן דאָס אויך געטהון. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז לויט מיין גאַסטראָנאָמישער מיינונג, האָט עס נישט געהאַט קיין שום אידישען טעם.

אויפ׳ן צווייטען טאָג בין איך אָבגעפאָהרען אין דער ריכטונג פון כאַרבין. ביז אירקוטסק בין איך געפאָהרען ווי אַ פּריץ אינ׳ם „עקספּרעס" אין ערשטער קלאַס. פון אירקוטסק האָט זיך די זאַך געענדערט, קיין ערשטע קלאַס איז בכלל נישט געווען, אין דער צווייטער זענען געפאָהרען גענעראַלען. פּולקאָווניקעס און זייערע מקורבים, מייסטענטיילס באַרמהאַרציגע שוועסטער. מיר, דאָקטוירים און פּשוט׳ע אָפיצירען, האָבען געמוזט יוצא זיין מיט דער דריטער. זעלנער זענען געפאָהרען אין די „טיעפּלושקעס" פאַר 40 מענשען, אָדער 8 פערד. דאָס פאָהרען איז שוין נישט געווען, פערשטעהט זיך, אַזוי בעקוועם ווי אינ׳ם עקספּרעס. ס׳איז שוין נישט געווען קיין שפּייזעוואַגאָן. דער צוג האָט זיך געשלעפּט ווי אַ פוהר און אויף דער

ק״ענסטער סטאַציע איז מען אָבגעשטאַנען שעה׳ן ווייז, אָבער אויף די גרעסערע סטאַציעס האָט מען בעקומען עסען און טרינקען כּיד המלך. אינ׳ם צוג האָב איך מיך בעקענט מיט אַ סך דאָקטוירים, וואָס זענען געפאָהרען אין ווייטען מזרח.

דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען אידען פון רוסלאַנד. אויפ׳ן גאַנצען וועג איז געווען לעבעדיג און לוסטיג, מען האָט געשפּיעלט אין קאָרטען, מען האָט געטרונקען, געשפּיעלט אויף האַרמאָניעס אָ״ער אויף אַנדערע כּלים, מען האָט געפלירטעוועט מיט די שוועסטער. אויף די סטאַציעס האָט מען געטאַנצט אָדער מען איז געלאָפען אין וואַלד אַריין קלויבען יאַגאָדעס. ווען עמיצער פאַלט אַראָב פון אַ שטערן, וואָלט איהם גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז דאָס פאָהרט מען אויף אַ מלחמה.

דאָס בעסטע פון דער גאַנצער רייזע איז געווען דאָס אַרומפאָהרען דעם באַיקאַל אין אַ הערליכער, בעקוועמער שיף. אַזוי ווי צווישען די רייזענדער זענען געווען אויך פערשידענע אויסלענדער האָט די רייזע געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלען אויספלוג. אויפ׳ן שיף איז געווען אַנ׳אויסגעצייכענטער בופעט מיט כּל־טוב. אָבער דער עיקר איז געווען דאָס קאַלטע וואַסער. אַזאַ בע׳טעמ׳ט וואַסער האָב איך אין מיין גאַנץ לעבען נישט געטרונקען. איך האָב שפּעטער געטרונקען גוט קאַלט וואַסער אין וויען, וואָס ס׳קומט אַראָב פונ׳ם זעמערינג, איך האָב געטרונקען גוט קאַלט וואַסער אין אַראָזאַ, גלייך פון די גלעטשערס, אָבער דאָס אַלץ הויבט זיך גאָרנישט אָן אַקעגען דעם וואַסער אויפ׳ן בייקאַל.

נאָך צוויי וואָכען שלעפּען זיך זענען מיר ענדליך אָנגעקומען קיין כאַרבין.

ווען איך בין אַרויס פונ׳ם וואַגאָן און בין געבליבען אַליין, האָב איך מיר געשפּירט שרעקליך עלענד, פערוואָרפען פון דער היים אויף העכער צעהן טויזענד וויאָרסט אָהן אַ שום קרוב אָדער גואל. ווער ווייס, — האָב איך מיר געטראַכט, — וואָס מיך ערוואַרט דאָ און קודם כּל וואוהין פערפאָהרט מען. אויפ׳ן „עטאַפּ״ האָט זיך מיר נישט געגלוסט, ווייל אויפ׳ן וועג האָב איך מיך גענוג אָנגעהערט, וואָס פאַר אַנ׳אומריינקייט און אונאָרדנונג דאָרט הערשט.

ווי איך שטעה אַזוי אין פערלעגענהייט קומט צו מיר צו אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדיל און מיט גוטע שוואַרצע אויגען

און גיט מיך קורץ א פרעג: „ד״ר לעווין, פון ווארשא? „דער זעל־בער״ — האב איך געענטפערט.

דאס איז געווען אינזשיניער שאפירא, וואס האט פארנומען א הויכע שטעלע אויף דער באהן אין כארבין. א לובלינער, פון א אני־אריסטאקראטישער פאמיליע — אשר ראזענבלאט׳ס אנ׳אייניקעל — ער האט מיך באלד דערקענט איך האב איהם אין ערשטען אויגענבליק נישט דערקענט. ס׳איז לייכט זיך פארצושטעלען, ווי איך האב מיך דערפרעהט. „וואוהין פערפאהרט מען?״ — האב איך איהם געפרעגט. „איהר וועט פערפאהרען צו מיר״ — האט ער געענטפערט. „איך וואהן צוזאמען מיט׳ן אינזשיניער אסעד פון לאדז, זיין פרוי איז גראד נישטא, איך בין א בחור און איהר וועט ביי אונז זיין א ליבער גאסט״. זעלבסטפערשטענדליך האב איך מיך צוויי מאל נישט געלאזט בעטען און האב איהם געדאנקט.

נאך עטליכע שעה פון פערברענגען און שמועסען פון געמיינ־שאפטליכע בעקאנטע האב איך מיך דארט געשפירט ווי א תושב, שפעטער, ווי מיר וועלען זעהען ווייטער, האב איך געהאט צעהנדלי־גער גלגולים און יעדעס מאל, וואס איך בין געקומען קיין כארבין, בין איך פערפאהרען צו זיי, ווי אין אנ׳אייגענע היים, און א גרע־סערע גאסט־פריינדשאפט, וואס איך האב דארט גענאסען, איז גאר שווער זיך פארצושטעלען.

אויפ׳ן צווייטען טאג האב איך מיך פארגעשטעלט דעם ארטיגען אינספעקטאר פון דער סאניטארער אבטיילונג, דאס איז געווען אנ׳ עלטערער הער, א „סטאטסקי סאוויעטניק״ מיט א גאנץ פריינדליך געזיכט. אין דעם ביורא האט געהערשט אנ אונארדנונג, די מלחמה האט שוין געהאט געדויערט כמעט א האלב יאהר און ס׳איז נאך נישט געווען קיין שום ארגאניזאציע. ווען ס׳איז אנגעקומען קיין כארבין אין אנהויב פון דער מלחמה די ערשטע פארטיע דאקטוירים, האט מען זיי געפרעגט. צו וואס זענען זיי געקומען, אז מען בע־דארף זיי נישט. און דער אינספעקטאר האט זיי צעשיקט אין אנדע־רע ערטער, ווי וולאדיוואסטאק, כאבאראווסק וכדומה. אבער דארט האבען די דאקטוירים ווידער דערהערט דיזעלבע פראגע און א סך פון זיי האט מען צוריקגעשיקט קיין כארבין.

צוזאמען מיט מיר איז געקומען זיך פארשטעלען ד״ר סאמעט, מ[illegible]ער א גוטער בעקאנטער פון ווארשא, ס׳האט געדויערט א גוטע

שעה, ביז מען האָט אָבגעזוכט אונזערע פּאַפּירען. דער אינספּעקטאָר האָט אונז ערקלערט, אַז קיין פרישע שטעלעס זענען שוין אין זיין ראַיאָן נישטאָ, נאָר אָקאָרשט האָט ער ערהאַלטען אַ פּאָדערונג אויף אַ דאָקטאָר אויף אַן׳עטאַפּ אין מאָנגאָליען, אַ רוהיגע שטעלע,—האָט ער צוגעגעבען—מען וועט דאָרט קיין שאָס נישט הערען. על כּן, ווער פון אונז ביידע עס וויל די שטעלע, קאָן זי בעקומען. אויף אַזאַ רוהיגע שטעלע האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו פאָהרען, איך האָב געוואָלט זעהן די מלחמה און דעריבער האָב איך געבעטען דעם ד״ר סאַמעט, אַז ער זאָל אָננעהמען די שטעלע און ער איז בעשטאַנען. אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָב איך איהם בעגעגענט אין כאַרבין און ער האָט טאַקי גאָר קיין שום שאָס נישט געהאַט געהערט. איך בין פאָרלויפיג געבליבען אין כאַרבין אַלס רעזערוו-אַרצט, אַ דאָקטאָר, מיט וועלכען מען פערשטופּט פערשידענע לעכער. וואָס פאַר אַן׳אונאָרדנונג עס האָט געהערשט אין דער סאַניטאַרער אָבטיילונג אין כאַרבין, זאָל בעווייזען דער פאָלגענדער פאַקט:

ד״ר ש. פון וואַרשא האָט בעקומען אַ שטעלע פון אַן׳אַרצט ביי דעם שטאַב פונ׳ם הויפּט-פיהרער פון מיליטער אַלעקסעיעוו. ווען נאָך עטליכע מפּלות פון דער אַרמעע, איז דער לעצטער געוואָרען אָבגערופען פון מאַנדזשוריען צוריק קיין רוסלאַנד, איז דער שטאַב געוואָרען אויפגעלעזט, דער ד״ר ש. האָט אויך פערלאָזען זיין שטעלע און איז פערשריבען געוואָרען אין דער סאַניטאַרער אָבטיילונג אַלס רעזערוו-אַרצט. העכער אַ יאָהר האָט מען איהם קיין שום בעשעפטיגונג נישט געגעבען און ער האָט זיך דערמיט נישט אינטערעסירט און האָט זיך אין ביוראָ גאָרנישט געוויזען. קיין פענסיע האָט ער נישט גענומען, ווייל ער האָט געהאַט גליק אין קאָרטען-שפּילען און קיין געלד האָט איהם נישט געפעהלט. ערשט נאָך אַ יאָהר האָט ער זיך ענדליך געמאָלדען אין דער סאַניטאַרער אָבטיילונג און האָט געפאָדערט פענסיע פאַר די גאַנצע צייט. אויף דער פראַגע, וואו איז ער געווען די גאַנצע צייט, האָט ער געבעטען דאָס בוך פון די דאָקטוירים, וואו ער איז געווען פערשריבען אַלס רעזערוו-אַרצט און וואו ס׳איז געווען אָנגעגעבען זיין אַדרעס. „אַז איהר האָט מיך נישט גערופען—האָט ער געזאָגט צום אינספּעקטאָר—איז אַ סימן, אַז איהר האָט מיך נישט בעדאַרפט“.

צווי וואָכען האָב איך מיך אַרומגעדרעהט אָהן אַ שום בעשעפטיגונג ביז מען האָט מיך ציי טווייליג בעשטימט אַלס מיטגליעד פון דער א. ג. „קאָמיסיאַ דלאַ אָסמאָטראַ עשאָלאָנאָוו", ד. ה. אַ קאָמיסיע, וואָס האָט בעדאַרפט אונטערזוכען אַלע זעלנער, וואָס זענען אָנגעקומען פון רוסלאַנד קיין כאַרבין, איידער מען האָט זיי אַוועקגעשיקט איפ'ן פראָנט. איך מוז דאָ אונטערשטרייכען, אַז ס'מייסט האָבען זיך געקלאָגט אויף זייער געזונד־צושטאַנד די עלטערע זעלנער פונ'ם „זאַפּאַס". אָבער די יונגע זעלנער זענען געגאַנגען גערן אויפ'ן פראָנט, ווייל ס'איז געווען ידוע לכל, אַז דאָרט גיט מען גוט עסען. אָבער דאָס אַלץ איז גערעדט וועגען די, וואָס האָבען נאָך קיין פולווער נישט געהאַט געשמעקט, זיי זענען געגאַנגען אויפ'ן פראָנט צום ערשטען מאָל, אָבער צום צווייטען מאָל, נאָך אַ פערוואונדונג אָדער נאָך אַ קראַנקהייט, איז שוין דער חשק צום פראָנט געוואָרען אַ גאָר קליינער. פון דער צייט איז געבליבען אין מיין זכרון אַ קאָמישע סצענע. איינמאָל איז אָנגעקומען קיין כאַרבין אַן־עשאַלאָן פון אַ הונדערט זעלנער, עלטערע זעלנער פונ'ם זאַפּאַס. מיר האָבען זיי אויסגעשטעלט אין צווי שורות און האָבען אָנגעהויבען בסדר אויסצופרעגען יעדען פון זיי, אויב ס'פעהלט איהם עפּיס. דער ערשטער האָט אויף די פראַגע גאָרנישט געענטפערט, דער צווייטער אויך נישט, ענדליך האָט זיך דער דריטער אָנגערופען: „אויב דו — גאָר פשוט בלשון „אתה" — ווילסט מיט אונז רעדען, מוזטו שרייבען, ווייל מיר זענען אַלע טויבע".

צו וואָס האָט מען פערזאַמעלט אַזש הונדערט טויבע און צו וואָס האָט מען זיי געשיקט קיין כאַרבין, ווייס איך נישט עד היום. אונזער קאָמיסיע האָט שטענדיג געמוזט זיין ביי דער באַהן און מיר, דריי דאָקטוירים, האָבען געוואוינט אין אַ וואַגאָן.

איינמאָל האָב איך בייגעוואוינט, ווי דער דעמאָלסדיגער הויפט־פיהרער אַלעקסעיעוו האָט געטיילט אָרדערס. אויפ'ן באַהן־הויף איז אָנגעקומען אַ סאַניטאַר־צוג פון טיעפּלושקעס, וואו ס'זענען געווען פערוואונדעטע און קראַנקע. טייל פון זיי זענען געלעגען און געשמאַק געשלאָפען, און טייל זענען געזעסען און האָבען געשמועסט צווישען זיך. אַלעקסעיעוו מיט זיין סוויטע זענען געגאַנגען פון איין טיעפּלושקע צו דער אַנדערער, פאַר יעדער פון זיי איז געשטאַנען אַן אונטעראָפיציר, וועלכער האָט איבערגעגעבען ידיעות וועגען דעם

צושטאַנד פון די פערוואונדעטע, וואו זיי זענען געוואָרען פערוואונ־דעט וכדומה. אַלעקסעיעוו האָט אייגענהענדיג אַנידערגעלעגט אויף די בעמלעך אָרדערס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז על פּי טעות האָט אַלעקסעיעוו אַנידערגעלעגט צוויי אָרדערס אויף די בעט־לעך פון צוויי קראַנקע: איינער האָט געהאַט אַ געשוואָלענע קניע, אַ רעוואָלטאַט פון אַ נישט־שענער קראַנקהייט. און דער צווייטער האָט געליטען אויף מערידען, ס׳איז אָבער געווען פערפאַלען. „העלדען״ זענען זיי שוין געבליבען.

אין עטליכע וואָכען אַרום האָט מען מיך אָבגערופען פון דער קאָמיסיע און מען האָט מיך בעשטימט צייטווייליג אַלס אָרדינאַטאָר אין דעם 8־טען שפּיטאָל, וואָס איז געלעגען ערגעץ הינטער דער שטאָדט אינ׳ם „באָלניטשני גאָראָדאָק״, וואו ס׳זענען געווען אויסגע־בויט באַראַקען פאַר אַ סך שפּיטעלער.

זעלבסטפערשטענדליך האָב איך מיך אַהין אַריבערגעפּעקעלט.

V.

דער גירוש

דער שפיטאָל איז אייגענטליך אַ הקדש. — סאַמע ספּעציאַליסטען. דער אינספּעקטאָר מאַכט מיר אַ בעמערקונג. איך רעד איהם בלוי־מר׳שט אנטקעגען. — אַלס אַ שטראָף ווער איך ארויסגעשיקט אויפ׳ן פּראַנט.

דער שפּיטאָל נומער אַכט אין כאַרבין, אין וועלכען איך בין בעשטימט געוואָרען צייטווייליג אַלס אָרדינאַטאָר, איז געווען בעשטימט פאַר אינערליכע און אַנשטעקענדע קראַנקהייטען. אייגענטליך איז דאָס נישט געווען קיין שפּיטאָל, נאָר אַ פאַרצייטיגער הקדש. דאָס איז געווען אַ הילצערנער באַראַק מיט הילצערנע בעטלעך, אין וועל־כע ס׳זענען געלעגען זעקלעך מיט אַ ביסעלע שטרוי, אָבער אַזאַ גע־לעגער איז אויך געווען אַ לוקסוס, ווייל די צאָהל קראַנקע איז שטענ־דיג געווען גרעסער פון דער צאָהל בעטען, און אַ סך האָבען גע־מוזט ליגען נעבען אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע... ס׳איז נישט גע־ווען נישט קיין וועש, נישט קיין בעטצייג, נישט קיין כאַלאַטען, נישט קיין פאַנטאָפעל און נישט די נויטיגע רפואות. ס׳איז אפילו נישט געווען אַביסעל עסיג־זויערע אָדער אַנאַנדערע זויערע בכדי צו קאָנען פּרובען די השתנה אויף איי־ווייס. אייגענטליך זענען לויט דער מיינונג פונ׳ם אינספּעקטאָר און פונ׳ם הויפּט־דאָקטאָר קיין קראַנקע אויך נישט געווען. ס׳זענען געווען לויטער סימולאַנטען, ד. ה. אַזעל־כע, וואָס האָבען זיך געמאַכט קראַנק בכדי נישט צו געהן אויפ׳ן פראָנט און אַ מעשה נורא אַזעלכע סימולאַנטען פּלעגען שטאַרבען אָפט עטליכע אַ טאָג, ווער ווייס: אפשר האָבען זיי דעם טויט אויך סימולירט.

אין דעם שפּיטאָל האָב איך געהאַט אַ סך צו טהון, ווייל די איבעריגע דריי דאָקטוירים, וואָס זענען דאָרט געווען טעטיג, זענען ספּעציאַליסטען: איינער איז געווען אַן אָקוליסט, דער צווייטער — אַן אַקושער און דער דריטער גאָר אַ „קאַזיאָנני רב", וואָס האָט אין דער היים געפיהרט די מעטריקע-בּיכער, געהאַלטען פּאַטריאָטישע רעדעס אין אַ יומא דפגרא און מיט מעדיצין האָט ער שוין לאַנג נישט געהאַט צו טהון. ווען איך בין צום ערשטען מאָל געקומען צום הויפּט-דאָקטאָר פונ'ם שפּיטאָל זיך פאָרשטעלען, האָט ער מיך באַלד אַ פרעג געטהון, צי בין איך נישט חלילה קיין הויט־דאָקטאָר אָדער אַ ספּעציאַליסט פון ווענערישע קראַנקהייטען און ווען ער האָט דערהערט, אַז איך בין אַן'אינטערניסט, איז ער געוואָרען מלא שמחה „איך קאָן מיר קיין עצה נישט געבען מיט מיינע ספּעציאַליסטען — האָט זיך דער דאָקטאָר געקלאָגט, — קיין קימפּעטאָרינס און קיין אויגענקראַנקע האָב איך נישט און קיין „קאַהאַל" אויך נישט, ביי אונז ליגען אינערליכע און אַנשטעקענדע קראַנקע, אויף וועלכע מיינע ספּעציאַליסטען קאָנען זיך. ווי... ווי... אַ בעדער אויף מאַלעריי".

איך האָב מיך אינ'ם שפּיטאָל געשפּירט זעהר גוט, ווייל איך האָב געהאַט אַ פּאַסענדע טעטיגקייט. ויהי היום איז אין שפּיטאָל אריין פלוצלונג אַריינגעפאַלען דער סאַניטאַר-אינספּעקטאָר ד"ר ביסטראָוו — ביי זיך אין דער היים, אין קיעוו, איז ער, דאַכט זיך, געווען אַ קינדער־דאָקטאָר — דאָס איז געווען אַ בעיאָהרטער מענש מיט אַ רויטליכער נאָז, בשעת דעם רעדען האָט ער שווער געאָטהעמט. ער האָט אַודאי געמוזט זיין אַן'אַסטמאַטיקער. דער דעזשורני דאָקטאָר האָט איהם אָבגעגעבען על פּי דין אַ ראַפּאָרט וועגען דער צאָהל קראַנקע.

— „וויפיעל סימולאַנטען"? — האָט ער אַ פרעג געטהון מיט אַ פעלעכטער'ל. דאָס איז געווען איינע פון די פראַגען, אויף וועלכע דער, וואָס פרעגט, ערוואַרטעט נישט קיין תשובה.

איך האָב אָנגעהויבען צו דעמאָנסטרירען איהם די קראַנקע און ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען איינעם פון זיי, וואָס האָט געהאַט אַ כראָנישען הוסט און וועלכען איך האָב פערשריבען אַ רפואה „צעפּאַעליס".

— פאַרוואָס גיט איהר נישט דעם קראַנקען בעסער „איפּעקאַקואַנאַ"? — האָט מיך דער אינספּעקטאָר אַ פרעג געטהון איך בין

געוואָרען אַביסעל מטושטש, ווייל צעפּאַעליס איז אַ סינאָנים פון אי־פּעקאַקואַנאַ, ד. ה. ס'איז איינס און דאָס זעלבע. איך האָב איהם אָבער נישט געוואָלט פערשעהמען און איך האָב איהם געענטפערט על פי דין: „פלושאַיוס, איך וועל דאָס פערשרייבען".

מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַ אידישען זעלנער, וועלכער האָט געליטען אויפ'ן האַרץ.

„זעליג גרינבערג — אַ האַרצפעהלער" האָט דער אינספּעקטאָר הויך איבערגעלייענט פון דער קאַרטע, וואָס איז געהאָנגען איבער'ן בעט און האָט באַלד צוגעגעבען:

„יאָ, יאָ, אידען קרענקען אָפט אויפ'ן האַרץ". איך האָב אין זיין טאָן צ̅רויסגעשפּירט אַ שטיקעל איראָניע און אפשר האָט זיך מיר נאָר געדאַכט.

— אַזוי ווי ס'איז מיר בעקאַנט, עקסעלענץ, פון דער ליטע־ראַטור, — האָב איך דערויף בעמערקט, פערמאָגען טאַקי אידען ניי־גונגען צו פערשידענע קראַנקהייטען, ווי, למשל, נערווען-קראַנקהיי־טען, גיכט. צוקער-קראַנקהייט, אָבער פון אַ ספּעציעלער נייגונג צו אָרגאַנישע האַרץ־פעהלער האָב איך נישט געהערט און אויך נישט געלעזען. — איך בין מודה, אַז איך האָב דערמיט נישט געוואָלט זיין קיין מליץ יושר פאַר אידען, איך האָב אויך נישט געהאַט די מינ־דעסטע אַבזיכט צו בעליידיגען, חלילה, דעם אינספּעקטאָר. איך האָב פּשוט געוואָלט, אַלס יונגער אַרצט, אַרויסווייזען פאַר אַן עלטערען דאָקטאָר אַ שטיקעל בקיאות.

דער אינספּעקטאָר האָט מיך דורכגעדרונגען מיט זיין בליק און האָט מיר דערויף גאָר נישט געענטפערט. ער האָט אויסגעהערט דעם קראַנקען און האָט בעשטעטיגט, אַז איך האָב רעכט, אַז זעליג גרינ־בערג האָט טאַקי אַ האַרץ־פעהלער, ער האָט אונטערזוכט נאָך עטליכע קראַנקע, האָט געזוכט אין אַ בעטעל וואַנצען. וועלכע ער האָט גראָד נישט געפינען — זיי האָבען זיך אודאי בעהאַלטען, ווייל געווען זענען זיי — און האָט זיך אָבגעזעגענט, דאַנקענדיק דעם הויפּט־דאָקטאָר פאַר די גוטע אָרדנונג און בעהאַנדלונג, וואָס ער האָט קאָנסטאַטירט אינ'ם שפּיטאָל. מיט מיר האָט ער זיך אויך געזעגענט גאָר פריינדליך.

נאָך זיין אַוועקגאַנג האָבען מיר אַלע גראַטולירט און איך בין געווען, פערשטעהט זיך, זעהר צופרידען.

אין עטליכע שעה אַרום, ווען מיר זענען געזעסען גאַנץ געמיטליך

און האָבען געטרונקען טהיי איז אָנגעקומען צום הויפּט־דאָקטאָר אַנ׳־עקסטרא-פּאַפּיר פונ׳ם אינספּעקטאָר מיט אַ בעפעהל, ווי אַמגיכסטען אַרויסשיקען דעם אַרצט גרשון לעווין קיין לאָאַיאַן, וואו ס׳איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט. אַלע זענען געוואָרען עמפּערט. סטייטש... היתכן... פאַרוואָס? אַזאַ צביעות, אַזאַ פאַלשקייט! דער הויפּט־דאָקטאָר איז געוואָרען מלא כעס, ער האָט פּשוט נישט געקאָנט רוהיג איינזיצען אויף דער שטוהל.

„ווער וועט מיר פיהרען דעם שפּיטאָל? — האָט ער געשריען,— דער אַקושער מיט׳ן קאַזיאָנני ראַווין?" נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט ער מיר פאָרגעלעגט, אַז איך זאָל איהם אויסשרייבען אַ ראַפּאָרט, אַז איך בין קראַנק, מיט אַ פריהערדיגער דאַטע, און ער וועט שוין מאַכען, אַז איך זאָל לע"ע בלייבען אין כאַרבין. איך בין אָבער דערויף נישט בעשטאַנען. „אויב איהר געפינט — האָב איך געזאָגט, — אַז דער שפּיטאָל בעדאַרף מיך, טאָ פאָהרט אַריבער צום אינספּעקטאָר און ערקלערט דאָס איהם", דער הויפּט-דאָקטאָר האָט מיר געפאָלגט און איז אַריבערגעפאָהרען צום אינספּעקטאָר, צוריקגעקומען איז ער נעביך מיט אַנ׳אַראָפּגעלאָזטער נאָז, דער אינספּעקטאָר האָט איהם ערקלערט, אַז איך האָב איהם אָקעגענגערעדט און אַלס שטראָף שיקט ער מיך אויפ׳ן פראָנט.

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך פערלאָזט כאַרבין און פון דעם מאָמענט אָן האָט מען מיט מיר זיך אָנגעהויבען צו וואַרפען, ווי מיט אַ פערפּוילטען עפּעל: פון כאַרבין קיין מוקדען, פון מוקדען קיין טיעלין, פון טיעלין קיין גונדשולין און ווייטער קיין כאַרבין א. א. וו. לכתחילה בין איך דערפון געוועזן אונצופרידען און ס׳האָט מיך געקרענקט די אומגערעכטיקייט, אָבער שפּעטער האָב איך פון דעם וואַנדערן געהאַט אפילו הנאה, ווייל אַ דאַנק דעם האָב איך געזעהן די מלחמה. וואָלט איך געזעסען נאָר אין כאַרבין, וואָלט איך אפילו קיין שאָס נישט געהערט.

VI.

כאַרבין

פּונכוזען. — די רוסישע סאַטראַפּען. — כאַרבינער שטויב. — בלאָטע, היצען און פליגען. — די הערליכע נעכט. — די דירה. — אידישע דאָקטוירים פון אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען. — באַריטהערציגע שוועסטער. — אידישע פּערוואונדעטע. — די אידישע קהלה. — תשעה באב.

1

כאַרבין ליגט ביי דעם טייך סונגאַרי, וואָס איז נישט גלאַט אַבי עפּעס אַ טייך, נאָר אַ טייך מיט אַ גרויסען פּערנעהם, אינ'ם אַזיאַטישען סטיל, לאַנג און ברייט ווי דער גלות. ס'פּרוכּפּערן זיך אין איהם די שענסטע פישען און ס'טראָגען זיך אויף זיינע וואַסערן די גרעסטע שיפען. הינטער כאַרבין הענגט איבער דעם טייך אַ זעהר לאַנגע בריק, וועלכע דאָס רוסישע מיליטער האָט בשעת דעם רוסיש־יאַפּאַנישען קריעג אָבגעהיט טאָג און נאַכט, ווי אַן'אויג אינ'ם קאָפּ, וויל די כונכוזען האָבען געזאָלט גרויס חשק האָבען זי צוצושטערען. מער זענען דאָס געווען די כונכוזען, ווייס איך נישט עד היום הזה, איך האָב נישט די זכיה געהאַט צו זעהן אפילו קיין שאָטען פון עפּעס אַ כונכוז, והראיה — דער רעוואָלווער, וואָס איך האָב מיטגענומען אויף מלחמה ספּעציעל אַלס שוץ אַקעגען די כונכוזען, האָב איך לגמרי נישט בעדאַרפט און ער איז געבליבען רוהיג ליגען ביז צום סוף פון דער מלחמה אין מיין גרויסען און טיעפען קויש אונטער אַלע זאַכען, פאַרוואָס עפּעס אונטער אַלע זאַכען? פשוט דערפאַר,

ווייל איך בין ביי דער מיינונג, אַז נישט איינער פּעקעלט זיך אַרי־בער אויף יענער וועלט נור דערפאַר, ווייל דער רעוואָלווער ליגט פון אויבען, ביי יעדען מענש טרעפען זיך מאָמענטען ווען ס׳ווערט נמאס דאָס לעבען, אַז מען בעדאַרף אָבער עפענען דעם קויש און גריבלען טיעף, ביז מען געפינט איהם, ווערט מען אַביסעל אָבגע־קיהלט און מען פערלירט דעם חשק זיך צו פערניכטען. איך האָב מורא, אַז די גאַנצע מעשה מכח די כונכוזען איז געווען לא היתה ולא נברא און ס׳האָבען זי אויסגעטראַכט די צאַרישע זשאַנדאַרמען און פאָליציאַנטען, בכדי צו קאָנען שלאָגען און שלעפּען פאַר׳ן צאָפּ דעם ערשטען בעסטען כינעזער. אָדער גאָר אַריינוואַרפען איהם אין טייך אַריין,

דער נייער כאַרבין, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין בילדען, — בשעת מען האָט געבויט די מאַנדזשורישע באַהן נאָך פאַר׳ן קריעג און בשעת די מלחמה גופא, — איז געווען נישט קיין כינעזישע שטאָדט און נישט קיין רוסישע, דאָס איז געווען גיכער אַן׳אינטער־נאַציאָנאַלע שטאָדט וואוהין ס׳זענען זיך אָנגעלאָפען אַוואַנטוריסטען פון אַלע עקען וועלט, וואָס האָבען דאָרט געמאַכט פערמעגען דורך פערשידענע שווינדלערייען. די רוסישע שררות האָבען זיך דאָרט גע־פיהרט, ווי די אמת׳ע סאַטראַפּען, מען האָט גע׳גנב׳עט, וויפיעל מען האָט נור געקאָנט, און מען האָט געוואָרפען געלד פשוט אין בלאָטע אַריין. אַלע מלוכה־זאַכען האָט מען אינגאַנצען פערנאַכלעסיגט און מען האָט נור געטראַכט וועגען מאַכען פערמעגען און דאָס אייגענט־ליך איז געווען די הויפּט־סבה פון דער מלחמה.

אַלסביישפּיעל, ווי אַזוי די רוסישע שררות האָבען זיך דאָרט געוויילט קאָן דיענען דאָס, וואָס מיינער אַ גוטער בעקאַנטער, אַן־אינזשיניער, וואָס איז געווען בעשעפטיגט אויף דער באַהן, האָט איבערגעגעבען. עטליכע רוסישע געגעראַלען — האָט ער מיר דער־צעהלט — זענען אַמאָל געקומען אויפ׳ן א. ג. נייען באַנהויף, זיי האָ־בען זיך דאָרט שרעקליך אָנגעשכור׳ט. ווען זיי זענען געוואָרען גענצ־ליך בעוואוסטלאָז, האָבען זיי אַריינגערופען די פייערלעשער און האָ־בען זיי בעפויהלען אָנצולאָזען וואַסער אין דעם גרויסען זאַל ביז צו די טישען און האָבען אַהין אַריינגעוואָרפען פונ׳ם בופעט סאַרדינען, הערינג און פערשידענע מאַרנירטע פישען, אַליין האָבען זיי זיך אַני־דערגעזעצט אויף די טישען און האָבען מיט ווענדקעס געכאַפּט פיש...

דער אַלטער כּאַרבּין, עטליכע קילאָמעטער פון דעם נייעם, איז געווען בעוואוינט פון כינעזער און הגם ס'איז דאָרט געווען אַ כינעזיש טעאַטער, כינעזישע רעסטאָראַנען, כינעזישע בתי זונות וכדומה, האָט די שטאָדט פאָרט געמאַכט אַנ'איינדרוק גיכער פון אַ פּאַנאָראַמע, איידער פון אַנ'אמת'ער כינעזישער שטאָדט—ווי איך האָב מיך געקענט איבערצייגען, זעהענדיג שפּעטער אמת'ע כינעזישע שטעדט, ווי למשל, טיעלין, מוקדען און אַנדערע, — די כינעזער גופא האָבּן זיך דאָרט געשפּירט נישט ווי בּיי זיך אין דער היים, נאָר ווי געסט. אודאי צוליב די שכנות מיט דעם נייעם כּאַרבּין.

איך מוז אָבּער מודה זיין, אַז סיי אינ'ם נייעם כּאַרבּין, סיי אינ'ם אַלטען זענען געווען אַ סך טיפּישע כינעזישע זאַכען. אמת כינעזיש איז געווען דער שטויב, וואָס האָט אַלץ פערנעבעלט און פער־דונקעלט און פלעגט אַריינדרינגען אינ'ם גוף דורך אַלע ביינער נקבים און חלולים, און אַז גאָט האָט געהאָלפען און ס'האָט אָנגע־הויבען צו רעגנען פלעגט פון דעם אַלטען און נייעם כּאַרבּין ווערען אַ גרויסער טיעפער זומפּ, איינפאַכע מענשען האָבען דעמאָלט לגמרי נישט געקאָנט געהן, ווייל מען איז געזונקען אין דער בּלאָטע ביז צו די קניע און נישט איינער פלעגט איבערלאָזען דאָרט די שטיוועל מיט די קאַלאָשען, אַבּי ווי אַרויסצוראַטעווען דעם זונדיגען גוף. אַפילו די כינעזער, וואָס האָבען געטראָגען הויכע סאַנדאַלען, ווי שטאַלצען און וואָס זענען געוואוינט צו דער בּלאָטע משׁשת ימי בראשית, אַפילו זיי פלעגען קוים קריכען און אַ קליין וועגעלע פלעגען קוים קענען שלעפּען דריי—פיער פערד, נישט וואַרשאווער פערד, נאָר טאַקי סוסים ממש. די בּלאָטע איז אויך געווען אַנ'אמת כינעזישע, געדיכטע, ליימיג און פעט, זי פלעגט זיך צוקלעפּען צו די מלבושים. ווי אַ פּיאַווקע און ס'איז געווען זעהר שווער אָבצורייניגען. אַפילו מיין „דענשטשיק" וואָס איז געווען פון פּינסקער געגענד און אַ גרוי־סער מומחה אינ'ם ענין בּלאָטע, אַפילו ער פלעגט נעביך שוויצען און קרעכצען בשעת'ן רייניגען מיינע מלבושים און סוף כל סוף האָט ער געמאַכט אַ לאָך אין די הויזען.

אמת כינעזיש זענען געווען אויך די פליגען וואָס האָבען אויף קיינעם קיין כּבוד נישט געלעגט און פלעגען אונז פערביטערן דאָס לעבען פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. ביי אונז אין וואַרשא פעהלען דאָך אויך נישט קיין פליגען, אָבער זיי זענען יוצא נור

מיט זומען אַרום דער נאָז, מיט רוישען און טומלען. די כאַרבינער פליגען פלעגען אָבער גאָר נישקשה בייסען, און זייער ביס איז גע־ווען אַ ביס פון אַנ'עגדיש, פון אַנ'אמת'ען תלמיד חכם. פאַרוואָס זע־נען זיי געווען אַזוי בייז — ווייס איין גאָט, אפשר זענען זיי געווען פּאַציפיסטען און האָבען אַזוי אַרום אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט גע־גען דער מלחמה...

ווען איך בין געקומען אים יולי 1904 קיין כאַרבין האָט מען דאָרט די מלחמה כמעט נאָך גאָרנישט געשפּירט, ס'איז דאָרט געווען אַנ'אמת'ער אַזוי גערופענער „טיל", וואו מען האָט געלעבט אַ גוטען טאָג, געפלירטעוועט אויפ'ן גרויסען אופן, גע'שכורט און געשפּיעלט אין קאָרטען. דער גרעסטער אידעאַל פון יעדען, וואָס האָט געדיענט אויפ'ן פראָנט, איז געווען אַריינצוכאַפּען זיך לכל הפחות אויף עטלי־כע טעג קיין כאַרבין.

די היצען זענען דעמאָלט געווען זעהר גרויסע, העכער דריי־סיג גראַד אין שאָטען, נישט דערפאַר, ווייל אַלץ איז געווען דע־מאָלט צוהיצט איבער דער מלחמה, נאָר פשוט, ווייל אין יענע מקו־מות איז שטענדיג אין יולי זעהר הייס. באָדען האָט מען זיך נישט געקאָנט, ווייל דער אויבערשטער האָט בעשאַפען דעם גרויסען טייך סונגאַרי גראַד זעהר ווייט פון דער שטאָדט און די היצען האָבען אונז פערביטערט דאָס לעבען. יעדער פון אונז, וואָס איז געפאָהרען אויפ'ן ווייטען מזרח האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ פוטער, וואַרימע העמדלעך, וואַרימע זאָקען לאַנגע, ווי דער גלות, אַ הויכע פוטערנע פּאַפּאַכע, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ רבנישער ספּאָדעק און נאָך אַנדערע פערשיעדענע וואַרימע מלבושים, וואָס האָבן געזאָלט אונז בעשיצען פון די דאָרטיגע גרויסע פרעסט. אָבער אַז דאָרט ציהט דער אויבערשטער אָפּט אַרויס די זון פון איהר פוטערפּאַס, דערפון האָבען מיר גאָרנישט געוואוסט און די מיליטערישע שררות האָבען נישט געפונען פאַר נויטיג אונז וועגען דעם צו אינפאָרמירען און אפשר האָבען זיי אויך נישט געוואוסט, דערפאַר איז קיין שום וואונ־דער נישט, וואָס מיר האָבען געהאַלטען אין איין שוויצען, מיר זע־נען געווען שטענדיג נאַס, די קראַנקע און פערוואונדעטע זענען גע־ווען נאַס און מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, צי איז דאָס אַ הייצ־טיגער אָדער אַ נעכטיגער שוויס.

אַ גליק איז געווען, וואָס די נעכט זענען געווען אַביסעל קיה־

לער, די זומערדיגע נעכט אין מאַנדזשוריען זענען בכלל הערליכע. דער הימעל איז קלאָר אָהן אַ שום וואָלקנדעל, די שטערען גלאַנצען, ווי בריליאַנטען און בשעת ס׳שיינט די לבנה קאָן מען זעהן גאַנץ ווייט, ווייל דער האָריזאָנט ווערט נישט פערשטעלט מיט קיין איינ־ציג בוימעלע, מיט קיין איינציגען דאָרן אפילו. אָט די שענע אַבי־סעל קיהלערע נעכט האָבען אונז געגעבען כח אויסצוהאַלטען די גרויסע היצען, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען שוין זעקס אַ זייגער אין דער פריה. איך מוז נאָך צוגעבען, אַז צו אונזער גליק זענען דאָרט קיין פליי נישט געווען, אַפילו אום תשעה באב. פאַרוואָס? ווייס איך נישט, אפשר זענען די פליי פערבינדען מיט דער איי־ראָפּעאישער קולטור?

געוואוינט האָב איך פון אָנהויב ווען איך בין געוואָרען אָרדי־נאַטאָר אינ׳ם 8־ען שפּיטאָל אין אַ קאַזאַרמע, וואו עס זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער גרעסטער ענגשאַפט לערך פופציג פעלדבעט־לעך. אָבער אפילו די דירה האָט מען אויך געמוזט לאַפּען, ווייל בעלנים איז געווען אַ סך און דער שטאַב האָט זיך גאַנץ וועניג אינ־טערעסירט, וואו ס׳וואוינען די נישט שטאַב־אָפּיצירען בכלל ובפרט די דאָקטוירים, וועלכע מען האָט שטענדיג זעהר גרינגגעשעצט אינ׳ם רוסישען מיליטער ביז צו אַ... שלאַכט. דעמאָלט פלעגען אַפילו גע־נעראַלען טאַנצען אַרום דעם יונגסטען דאָקטאָרל פונקט, ווי אַ איד טאַנצט אַרום דעם קוימענקעהרער בשעת אַ שרפה. ערשט נאָך אַ חודש אַרומוואַלגערען זיך אין דער אומריינער קאַזארמע איז אונז, דריי קאָלעגען, געלונגען צו אָקופּירען אין דער שכנות פון דער קאַ־זאַרמע אַ קליין פיערקאַנטיג שטיבעלע. איך זאָג אָקופּירען, ווייל אין דער הינזיכט האָט געהערשט אַנ׳אמת׳ע אַנאַרכיע, און דאָס ווער עס האָט געכאַפּט, האָט ער געהאַט, פאַר אַ געשעהענעם פאַקט האָבען אַלע אַראָבגעבויגען די קעפּ פונקט, ווי ביי דער פעלקער-ליגע.

יעדער פון אונז דריי האָט פערנומען איין ווינקעל פאַר זיין בעטיל און דער פיערטער ווינקעל איז געווען רעזערווירט פאַר געסט, וואָס פלעגען קומען קיין כאַרבין פון פערשיעדענע מחנות. אונזער שטיבעלע האָט זיך מיט דער צייט אויסגעאַרבייט אַ שם פונ׳ם בעס־טען האָטעל, פונ׳ם בעקוועמסטען מקום־ללון. די פּאָדלאָגע פונ׳ם שטי־בעל איז געווען אַ שטיינערנע, פול מיט לעכער, וואָס זענען שטענ־דיג געווען אָנגעפילט מיט וואַסער פונ׳ם וואַשען זיך און וואו

ס׳פלעגען אַרומצושווימען טויטע פליגען, ווערים, שטיקלעך פּאַפּיראָסען וכדומה, די פענסטער האָבען געהאַט אייזערנע שטאַכעטען. ווייל פאַר דער מלחמה איז דאָס שטיבעל געווען אַ שפּייכלער, זעלבסטפער־שטענדליך איז אינ׳ם שטיבעל געווען שטענדיג פינסטער און דושנע. וואָס פאַר אַ קאָליר האָבען געהאַט די ווענד, ווייס איך נישט, ווייל זיי זענען געווען בעדעקט מיט שטויב שפּינוועבס, טשוועקעס, אויף וועלכע עס האָבען געהאָנגען אונזערע גאַרדעראָבע און כלי זין. דאָס שטיבעל איז געווען פול מיט זעק, קוישען און טשעמאָדאַנעו, אַלץ איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שטויב און מיר פלעגען האַלטען אין איין ניסען.

שטיהלען האָבען מיר פערמאָגט צוויי, איינע פון זיי איז געווען אָהן אַ רוקען און די הינטערשטע פיסלעך זענען געווען קורצער פון די פאָדערשטע און מען איז שטענדיג אויף איהר געזעסען רייטענדיג, ווער ס׳האָט געהאַט גליק האָט זיי געכאַפּט. דער דריטער האָט געמוזט זיצען אויפ׳ן בעטיל און די געסט זענען געזעסען אויפ׳ן טיש, אויף די קוישען און טשעמאָדאַנעו, אָדער זיי זענעז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן די ווענד. דער טיש גופא איז געווען אַ כל־בו; ס׳האָבן זיך אויף איהם געפונען פלעשער לעדיגע, כוסות, טעלער מיט רעשטלעך עסענוואַרג, קענלעך, בערשטלעך, ביכער, אַלטע צייטונגען, פּאַפּיראָסען, ליכט, צוקער וכדומה און אַלץ אָהן אַ שום אָרדנונג, מיינס־דיינס, דיינס—מיינס, אַנ׳אמת׳ע קאָמונע.

אונזער דענשטשיק פּיעשקאָוו, אַ הויכער פויער מיט געלע זומערשפּרענקעלעך אויפ׳ן פנים, איז געווען בטבע זעהר פויל און אָהן אַ שום איניציאַטיווע, ער האָט נור אויסגעפיהרט מעכאַניש אונזערע בעפעהלען, „פּיעשקאָוו, ברענג וואַרים וואַסער” און ער האָט געבראַכט, „פּיעשקאָוו, וואַש אויס די גלעזער” און ער האָט אויסגעוואַשען. און אַזוי ווי מיר פלעגען אַהיים קומען נאָר אויף עטליכע שעה אין טאָג און אַכט אַ זייגער פאַרנאַכט איז שוין פּיעשקאָוו געשלאָפען און זיין כראָפּען האָט מען געהערט פון איין עק קאַזאַרמע ביז צום צווייטען — ער פלעגט שלאָפען אין דער קאַזאַרמע — איז לייכט זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַנ׳אָרדנונג און וואָס פאַר אַ ריינקייט ס׳האָט ביי אונז געהערשט אין דער דירה. בשעת איך בין געווען אַ סטודענט איז אין מיין וואוינונג אויף מאַריאַנסקאַ אונטער׳ן דאַך אויך געווען אַ היבשע אונאָרדנונג און אפשר אויך נישט זעהר

ריין, ס'חאָט אָבער פאָרט געהאַט אַ שטיקעל חן, ס'איז געווען פאָרט אַ ביסעלע פּאָעזיע: אויף דער וואַנד איז געהאָנגען אַ פידעל און עט-ליכע פאָטאָגראַפיעס פון שענע מיידלעך. אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ שאַרבען פון אַ מענשליכען סקעלעט, אויסגעבעט מיט אַ בויגען פּאַפּיער. און אינ'ם שאַרבען איז געלעגען טהע, צוקער ולדומה אָבער אין כאַרבין איז די דירה געווען אַן'אמת'ער פּראָזאַאישער הקדש. נישט קוקענדיג דערויף איז מיר פאָרט שווער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, ווען איך האָב מיך שפּעטער פון דאָרט אַרויסגעצויגען אין שפּיטאָל אַריין. אַזוי איז שוין דער מענש. ס'איז מיר געווען אַ שאָד זיך צו שיידען מיט מיינע חברים טורנעל און טויבקין, וואָס זייער געזעלשאפט איז געוואָרען פאַר מיר אַ בעדערפניש. רבש'ע. פון וואָס אַלץ האָבען מיר נישט גערעדט און דיספּוטירט, עס פלעגען צווישען אונז פאָרקומען די גרעסטע מחלוקות איבער גאַנץ הויכע געזעל-שאַפטליכע און פּאָליטישע ענינים, דאָס גרעסטע מחלוקת איז פאָר-געקומען צווישען אונז ביים צוטיילען כינא און רוסלאַנד בפרט די לעצטע, ווייל טורנער האָט זעהר געהאַלטען פאַר די ווייסרוסען און טויבקין פאַר די אוקראַאינער און איך האָב געוואָלט פערזאָרגען די אידען. און אַז מיר זענען געוואָרען שוין אין גאַנצען הייזעריג און מיעד פון רעדען פלעגט זיך טורנעל אַנידערלעגען אויפ'ן בעטיל מיט רער מאַנדאָלינע און האָט אָנגעשפּיעלט אויף איהר אַ בעגרע-בונגס-מאַרש לכבוד דעם צאַר מיט זיינע אַלע יוצר משרתים, טויבקין האָט גלאַט אָנגעהויבען צו שעלטען פּאָניע גנב מיט די ערגסטע קללות, וואָס דער קאַזאַרמע לשון האָט נור פערמאָגט און איך האָב געענטפערט אמן אויף זולצער'ס שטייגער.

2

אויף אַ מאַנגעל פון אידען צווישען די מיליטער-דאָקטוירים אין כאַרבין האָט מען זיך נישט געקאָנט בעקלאָגען, ווייל דער גרעסטער טייל פון די אַ. ג. „יונגע אָרדינאַטאָרען" זענען געווען אידען, אָבער אַלע שטעלעס פון הויפּט-דאָקטוירים אין שפּיטעלער, אין די פּולקען ולדומה האָבען פערנומען רוסען. צווישען די לעצטע זענען אויך געווען עטליכע אידען, וואָס זענען שוין זעהר לאַנג גע-ווען מיליטער-דאָקטוירים אין סיביר און האָבען זיך געהאַט שוין

גענצליך פערפאַניעט... מיר האָבען זיך שוין אַזוי געהאַט צוגעוועהנט צו זעהען אין יעדען דאָקטאָר פון „זאַפּאַס" אַ איד, אַז מען האָט אָפט אָנגעהויבען צו רעדען אידיש מיט אַ שוואַרצחנו'דיגען פאַרשוין, וואָס מען האָט אויף זיין פנים געזעהען בפירוש דעם צלם אלקים און מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ סמארגאנער איד און דאָס איז גראָד געווען אַנ'עכטער רוס, וואָס האָט אַזוי פערשטאַנען אידיש, ווי אַ הוהן דעם בני אדם. די אידישע דאָקטוירים זענען געקומען קיין כאַרבין פון אַלע עקען פון דער מדינה. מען האָט געהערט רעדען רוסיש אין פערשיעדענע דיאַלעקטען, פויליש, דייטש און אויך אידיש מיט אַלע ביטשעווקעס און מיט אַ רעכטען נגון. צווישען די דאָקטוירים זענען געווען פאָרשטעהער כמעט פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען: סתם נאַציאָנאַליסטען, נאַציאָנאַליסטען לויט דובנאָוו'ן אָדער לויט פרצ'ן, חובבי־ציון לויט דעם אַלטען און לויט דעם נייעם נוסח, הערצליסטען, אחד־העם'יסטען, און אַפילו טיאָמקין-ביעלקאָווסקי — אוסישקיניסטען היינט סאָציאַליסטען און בונדיסטען. קיין אַסימיליאַטאָרען און משומדים האָבען אויך נישט געפעהלט. די אַסימיליאַטאָרען זענען געווען מייסטענטיילס פון פוילען און דרום-רוסלאַנד און זיי פלעגען מיט אַלע כחות זיך בעמיהען צו סימולירען גוים, אַז מען איז אָבער זיך צונויפגעקומען און ס'איז גראָד צווישען די פערזאַמעלטע נישט געווען קיין קריסטען, פלעגט זייער אידישקייט אויך אָנהויבען אַרויסצוקריכען, דאָס פנים האָט זיך עפּעס פערענדערט, די נאָז האָט זיך אַביסעל אויסגעצויגען און אַ טייל פון זיי פלעגען אַפילו מיטהעלפען זינגען פערשיעדענע חזנישע נגונים אָדער פאָלקס-ליעדער. זיי האָבען אָבער דאָס אַלץ אויסגעפיהרט עפּעס פערשעמט, אַז ס'איז געווען פשוט אַ רחמנות אויף זיי צו קוקען. ס'זענען אויך געווען, פערשטעהט זיך, דאָקטוירים אָהן אַ שום ריכטונג, וואָס האָבען נאָר געוואוסט, אַז זיי דיענען אין דער און דער אָבטיילונג, בעקומען כך וכך געהאַלט, כך וכך פּאַר'ן עסען וכדומה. צווישען די באַרמהערציגע שוועסטער איז נישט געווען קיין איין אידיש קינד אָבער איך מוז דאָ אונטערשטרייכען, אַז זיי פלעגען נישט מאַכען קיין שום חלוק צווישען אידישע און נישט-אידישע קראַנקע און פערוואונדעטע און פלעגען זיך בעציהען צו אַלע גוט. צווישען די באַרמהערציגע שוועסטער איז געווען זעהר אַ סך אַריסטאָקראַטקעס און איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי איינע פון זיי, אַ פאַרנעהמע דאַמע, אַ טאָכטער פון אַ גענעראַל, וואָס

איז דעמאָלט געווען דער העכסטער ריכטער אין דער אַרמעע, און אַ פרוי פון אַ זעהר הויכען בעאַמטען, האָט אָבגעוואַשען אַ פערוואונדעטען פוס פון אַ אידישען זעלנער און אויף איהר געזיכט האָב איך נישט בעמערקט דעם מינדעסטען ווידערווילען. דער גרעסטער טייל פון די שוועסטער האָבען געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט צו „ליעבע" און אין דער הינזיכט האָבען זיי אויך נישט געמאַכט קיין שום חלוק צווישען אידען און נישט אידען. אַבי מען האָט נור פערמאָגט די נויטיגע אייגענשאַפטען... צווישען די קראַנקע און פערוואונדעטע גופא האָט מען נישט בעמערקט קיין שום אנטאגאָניזם. אומגעקעהרט, אידען, קריסטען, מאַכמעדאַנער פלעגען צוזאַמען עסען און פערברענגען די צייט זעהר פריינדליך, דערצעהלענדיג איינע די אַנדערע פערשיעדענע עפּיזאָדען פון דעם קריעג.

צווישען די פערוואונדעטע זענען געווען אַ סך אידען און איך בין פעסט איבערצייגט, אַז די צאָהל פון אידישע פערוואונדעטע איז געווען פראָפּאָרציאָנעל נישט קלענער פון דער צאָהל פון פערוואונדעטע נישט־אידען, ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס דער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל איז נישט געוואָרען בעאַרבייט, עס וואָלט צונוץ געקומען נישט נור די גוים, נאָר אַפילו אונז גופא, אונז די א. ג. „אידישע אינטעליגענץ", וואָס האָט זיך ציגעוואהנט צו קוקען אויף יעדען אידישען זעלנער, ווי אויף אַ פייגלינג, וואָס זוכט דעם „פלען" (געפאַנגענשאַפט).

ס'זענען געווען אַ סך פערוואונדעטע אידישע זעלנער, וואָס פלעגען מיט גרויס התלהבות דערצעהלען, ווי אַזוי מען האָט זיך געשלאָגען און ווי אַזוי מען האָט גענומען די פּאָזיציע, ס'האָבען אַפילו נישט געפעהלט אַזעלכע, וואָס פלעגען אונז פרעגען, ווען וועלען זיי ווערען געזונד בכדי צוריקצוגעהן אויף די פּאָזיציע און זיך נוקם זיין אין'ם שונא.

איך מוז מודה זיין, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון אַזעלכע האָבען מיר נישט פערשטאַנען לגמרי.

עפּעס אַנדערש איז ערפילען אַ פליכט, דאָס האָבען מיר, אידישע דאָקטוירים, געטהון בשלמות, הגם מיר האָבען זעהר גוט פערשטאַנען, אַז די רוסישע שררות זענען אונז אַ סך גרעסערע שונאים, ווי די יאַפּאַנער, אָבער פון וואַנעט האָט זיך געקענט נעהמען ביי אַ אידען ענטוזיאַזם און התלהבות?

געלעבט האָט זיך דעמאָלט אין כאַרבין גאָרנישט שלעכט, די ערנעהרונג איז געווען אַ בעפרידיגענדע און פערהעלטניסמעסיג נישט טייער, מילך און פרוכט זענען נישט געווען, אָבער פלייש און אייער, וויפיעל מען האָט נור געוואָלט און אַלץ פריש, ווייל דער כינעזער האָט זעהר ליעב פערשטינקענע מאכלים, און בעהאַלט זיי פאַר זיך, ווי אַ דעליקאַטעס, וואָס דער אייראָפּעער איז גאָרנישט זוכה זיי צו עסען.

אַלצדינג האָט אונז פערזאָרגט דער כינעזער מיט'ן לאַנגען צאָפּ.— קיין כינעזישע פרויען האָט מען אין כאַרבין דעמאָלט נישט געזעהן, ווייל די מענער האָבען זיי אַרויסגעשיקט, ווי אויך די קינדער, אין טיעף-כינא — דער כינעזער איז געווען אַ קעכין, אַ בעקער, אַ בעל-מלאכה וכדומה. איך האָב מיך אַמאָל נישט געקאָנט איינהאַלטען פון געלעכטער, ווען דער דענשטשיק האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז געקומען די וועשין, און דאָס איז אויך געווען אַ זכר.

אויב פיזיש האָבען מיר זיך געשפירט נישט שלעכט, האָבען מיר אָבער גייסטיג זעהר אַ סך געליטען, אָהן אַ בוך, אָהן אַ וואָסערע ס'איז גייסטיגען פערגניגען און אַפילו אָהן אַ צייטונג, ווייל די צייטונגען, וואָס מיר פלעגען בעקומען פון דער היים נאָך דריי וואָכען, זענען געווען אמת'ע אָבגעשלאָגענע הושענות, און דערפאַר איז קיין וואונדער נישט, וואָס זעהר אַ סך אָפיצירען און דאָקטוירים האָבען אָנגעהויבען צו שכורען און צו שפּיעלען אין קאָרטען.

די אידישע קהלה אין כאַרבין איז דעמאָלט געווען נישט צאָהלרייך. אַ קליינעם טייל פון זיי האָב איך געזעהן אין דער שוהל אים תשעה באב צו קינות. די שוהל איז געווען הינטער דער שטאָדט אויף אַנ'אָרט, וואו דער כינעזישער געשטאנק איז געווען נישט צום אויסהאַלטען. דאָס איז אייגענטליך נישט געווען קיין ספּעציעלער בנין פון אַ שוהל, נאָר אַנ'איינפאַכע וואָהנונג פון צוויי צימער מיט אַ פּאָדערקויז. דאָס לעצטע האָט געשפּיעלט אַ ראָלע פון אַ פּאָליש. ס'זענען דאָרט געלעגען זעק, קעסטלעך, און פערשיעדענע אַנדערע חפצים, ווען איך וואָלט נישט געווען געוואוסט, אַז ס'איז אַ שוהל, וואָלט איך געמיינט, אַז ס'איז עפּעס אַנ'אונטער-געוועלב. אינ'ם גרויסען צימער האָבען געדאַווענט מאַנספּערשוינען, און אינ'ם קלענערען — פרויען. ווען איך בין אַהינגעקומען זענען נאָכנישט געווען קיין שום מתפללים. איך האָב שוין אַזאַ טבע אומעטום צו זיין פּינקטליך און דערפאַר האָב

איך מיך אין מיין לעבען שוין א שען ביסעל אויסגעוואַרט.

כ׳האָב אין דער שוהל געטראָפען נאָר דעם שמש. דאָס איז געווען אַ הויכער, דאַרער, פערשלאָפענער איד מיט אַ זעהר שיטער געלבערדעל, וועלכעס ער האָט געהאַלטען אין איין ציפען. ער איז אַודאי געווען אַנ׳אויסגעדיענטער זעלנער, ווייל ער האָט זיך געהאַלטען שטייף און האָט אַרומגעשפּרייזט אַזוי, גלייך מען וואָלט געשפּיעלט אַ מאַרש.

— דער עולם קומט עפּעס נישט, — האָב איך איהם געזאָגט, בכדי צו מאַכען אַ שטיקעל שמועס.

— ביי אונז אין כאַרבין יאָגט מען זיך נישט, — האָט ער געענטפערט מאַכענדיג צו מיר אַ גנבישען וואונק און טהוענדיק אַ ציפ דאָס בערדעל.

— וויפיעל אידען זענען דאָ אין כאַרבין? בין איך געווען נייגיעריג געוואָהר צו ווערען.

— זאָגען זאָגט מען, — האָט ער נעענטפערט, — אַז ס׳זענען דאָ עטליכע הונדערט טשעלאָוויעק, אָבער איך קען לעת עתה — איך בין דאָ דאָס ערשטע יאָהר — אַ זיבעציג פאַרשוין. אין קורצען — האָט ער נאָך אַ קליינער פּויזע צוגעגעבען — וועל איך מן הסתם אַלע קענען.

— ווי אַזוי? — האָב איך געפרעגט.

— ווי אַזוי? — האָט ער ווידער צו מיר געטהון אַ גנבישען וואונק — ס׳וועט קומען נאָווי גאָד און יום כפּור און דעמאָלט וועלען זיי אַלע אַהערקומען. אונזערע אידעלעך, האָט ער מיר מסביר געווען, האָבען שוין אַזאַ טבע, אַ גאַנץ יאָהר פערשטעלען זיי זיך פאַר אַמעריקאַנער, ענגלענדער, רייכע פּאָדריאַדטשיקעס און טשאָרט זנאַיעט פאַר וועמען, אַז ס׳קומען אָבער די ימים נוראים קריכט פון זיי אַרויס דער איד און דער קבצן.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צו פערזאַמלען.

אַזוי ווי די היץ איז געווען זעהר גרויס האָב איך מיך אַניידערגעזעצט אינ׳ם פּאָליש נעבען דער אָפענער טהיר און האָב מיך נייגיעריג צוגעקוקט צו אַלע, וואָס זענען אָנגעקומען, ס׳איז געווען אַנ׳אמת׳ער קבוץ גליות: ס׳זענען געקומען וואָהלינער אידען מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע היטלען אויפ׳ן קאָפּ, ראַזירטע אידען אָנגעטהון לויט דער לעצטער מאָדע אין ווייסע אַנצוגען פון טשעסונטשאַ מיט שטרויענע היט אויפ׳ן קאָפּ, אידען הויכע, ווי עוג מלך הבשן

מיט העמדלעך איבער די הויזען, פערגארטעלט מיט שווארצע גארטלען, אזוי ווי מען טראגט, אין סיביר, בייכיגע אידען, אנגעטהון אין שווארצען, ווי כלי קודש און פערשיעדענע אנדערע טיפען.

ס'זענען אויך געקומען פיער פרויען אנגעטהון אין ווייסע זיידענע קליידער, ווי ביי אונז צו כל-נדרי. זיי האבען געהאט נור איין קינה און איינע פון די פרויען האט זיך געווענדט צו דעם שמש מיט די ווערטער: „דאראגאאי רב מעשיל, גיט אונז פאזשאלויסטא נאך א קינה״ — דעמאלט בין איך געוואהר געווארען, אז דער שמש הייסט מעשיל — דער שמש איז געווארען נאך שטייפער, האט זיך א דרעה געטהון אויף די קנאכלען און האט קורץ געענטפערט: „סלושאיוס!״.

כ'בין געבליבען זיצען ביי דער אפענער טהיר, ס'האט זיך בעוויזען די לבנה, וואס האט בעלויכטען דעם גאנצען פלאץ ארום און ארום, פון דערווייטענס האט זיך געלאזט הערען א כינעזיש געזאנג, וואס איז געווען פול מיט שלשלת'ן און פזר'ס מיט דער בעגלייטונג פון א ציטרע, וואס איז געווען געשטימט גאר אויף אנ'אנדער טאן און דא נעבען מיר זענען געזעסען אויף נידריגע בענקלעך א פערציג מענשען מיט פערשיעדענע פנים'ער און פערשיעדענע אויסשפראכען און האבען געקלאגט אויפ'ן חורבן בית-המקדש. איין פראגע האט דעמאלט געגריבעלט אין מיין מוח און האט מיר קיין רוה נישט געגעבען: צי האט באמת די אלע דא צונויפגעבראכט איין אידעע, איין געדאנק, איין פערלאנג? אדער אפשר איז דאס נור א געוואוינהייט, ווייל אזוי האבען געטהון זייערע עלטערען און ווייל אזוי איז מען זיך נוהג אין אמסטערדאם, יוזעפאוו און אין אנדערע אידישע מקומות?

VII.

דער כינעזישער טעאַטער אין כאַרבין

לעבען דער נייער שטאָדט כאַרבין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו בילדען נאָך פאַר'ן רוסיש־יאַפּאַנישען קריעג און וואָס האָט אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען איך בין דאָרט געווען, נאָך נישט געהאַט קיין שום סטיל, קיין שום כאַראַקטער און די גרויסע אומ־געלומפּערטע מלוכה בנינים, וואָס זענען געווען צוואָרפען אויף אַ זעהר גרויסען שטח, האָבען געמאַכט אַן'איינדרוק פון עפּעס אַן'אָאַזע אין אַ מדבר, לעבען דער נייער אָנגעלאָפענער שטאָדט ליגט די אַ"טע שטאָדט כאַרבין, וואָס איז בעוואוינט פון כינעזער. די שטאָדט איז נישט אַזוי טיפּיש כינעזיש, ווי למשל, מוקדען, טיעלין וכדומה, אָבער זי האָט שוין אַ שטיקעל סטיל און טראָגט אויף זיך אַ מזרח־סטעמפּעל.

אַזוי ווי איך בין נור געוואָהר געוואָרען, אַז אין דעם אַלטען כאַרבין געפינט זיך אַן'אמת'ער כינעזישער טעאַטער בין איך געווען זעהר נייגיעריג איהם צו זעהן. די כינעזער, האָב איך מיר געטראַכט, זענען אַן'אַלט פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ הויכע קולטור, וואָס איז אויף אַ געוויסער שטופע פערגליווערט און פערשטאַרט געוואָרען, בעדאַרף ביי זיי פאָרט צו זיין אַן'אייגענאַרטיגער טעאַטער.

אַזוי ווי מיינע חברים האָבען עפּעס קיין גרויס חשק נישט גע־האַט זיך צו שלעפּען אין די אַלטע שטאָדט אַריין, דער מהלך איז געווען אַ גרויסער און די היץ און דער אַזיאַטישער שטויב זענען גע־ווען נאָך גרעסער, בין איך געגאַנגען אַליין, איך בין געקראָכען אי־בער די געסלעך. איך האָב מיך צוגעקוקט צו די פּאַנזעס אויף היהנע־רישע פיסלעך מיט די פּאַפּירענע שויבען, צו די פערפעצטע כינע־זער, וואָס האָבען געפּרעגעלט אויף דער גאַס פערשידענע מאכלים.

צו די פערשיעדענע קינצענמאַכערס, וואָס האָבען געשלינגען מעסערס און ענדליך בין איך צוגעקומען צום טעאַטער.

אינ׳ם ערשטען אויגענבליק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שטעה אין וואַרשא אויף מוראַנאָווער גאַס פאַר דעם אידישען טעאַטער עה״ש— נישט איינער פון די לעזער געדענקט איהם נאָך אַודאי — די זעלבע הילצערנע בודע, נור אַ גרעסערע, דאָס זעלבע שמאָלע פענסטעריל ביי דער קאַסע, דאָס זעלבע ענגשאַפט, דער זעלבער געשריי און געפילדער, דאָס זעלבע אומריינקייט, נור דער עולם—די שעהנע מאַנדזשורען מיט די ווייסע זאָקען און די שעהנע סאַנדאַלען, האָבען מיך דערמאָנט, אַז איך בין נישט אין וואַרשא אויף דער מוראַנאָווער גאַס, נור אינ׳ם אַלטען כאַרבין. קיין אַפישען זענען נישט געהאָנגען, און ווען זיי זאָלען אַפילו יאָ זיין, וואָלט איך זיי אַודאי נישט פערשטאַנען, אַפילו מיט די צוויי ווערטער-ביכער, וואָס איך האָב געטראָגען מיט מיר, ס׳האָט מיך בכלל נישט אינטערעסירט, וואָס מען שפּיעלט, איך האָב געוואָלט זעהן סתם דעם טעאַטער.

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אינווענינ האָב איך מיך געפונען אין אַ ים פון כינעזער, וואָס האָבען געקאָכט, געראָדערט, געשריען און זשעסטיקולירט מיט אַלע אברים און ווען איך וואָלט נישט דערזעהן אויבענאָן אַ סצענע מיט אַקטיאָרען, וואָלט איך געמיינט, אַז איך בין אויף אַ יאַריד. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט — דער פּלאַץ איז געווען גאָר פיין אומריין און בעדעקט מיט שטויב — און האָב אָנגעהויבען זיך צו צוקוקען, וואָס ס׳טהוט זיך אַרום מיר. דער אָרקעסטער, — אויב מען קאָן איהם אַזוי אָנרופען, — וואָס איז געשטאַנען פאַר דער ביהנע, איז בעשטאַנען פון לויטער קלאַפּאינסטרומענטען, דאָס הייסט, ס׳זענען געסאַנען אַ 12—10 פערשוין, וואָס האָבען מיט שטעקענס, עהנליכע צו וואַלגערהעלצער, געקלאַפּט אויף האָלץ, אויסענווענינ אָהן נאָטען. דער ריטם איז געווען אַ פערשיעדענער און האָט געהאַלטען אין איין בייטען זיך.

די ערשטע עטליכע מינוט האָב איך מיך גייגיעריג צוגעהערט און האָב געהאַלטען אין איין טראַכטען, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען, אָבער וואָס לענגער די קלאַפּערישע מוזיק האָט געדויערט, האָב איך אָנגעהויבען צו בעקומען אַ שרעקליכען קאָפּוועהטאָג און איך האָב געשפּירט, אַז אויב די מוזיק וואָלט געדויערט עטליכע שעה, ווי, למשל, ביי אונז אויף אַ סימפאָנישען קאָנצערט, וואָלט איך אָהן אַ שום

ספק משוגע געוואָרען. מיינע שכנים אָבער, די מאַנדזשורען, האָבען פון דער מוזיק געשעפּט נחת, וואָס מען האָט געקאָנט דערקענען אין אַלע זייערע העויות און אין אַלע זייערע בעוועגונגען. מן הסתם פערמאָגען זיי אַנדערע אויערען און אַנ'אַנדערען חוש השמיעה. האָב איך מיר געטראַכט. צו מיין גליק זענען די כּליזמרים מיעד געוואָרען און האָבען געמאַכט אַנ'הפסקה.

אויף דער סצענע האָט זיך געטהון אַ וועלט, ס'איז געווען אַ מישמאַש פון טעאַטער, קאַבאַרעט און צירק און אויסגעפיהרט האָבען דאָס נישט פערשיעדענע אַרטיסטען, נור איינע און די זעלבע, אָט האָט מען גערעדט צווישען זיך זעהר ערנסט כּמעט בסוד, אַלע זענען טרויעריג, ס'קומט פאַר אַ זעהר טראַגישער מאָמענט און תּוך כּדי דבור זענען די אַרטיסטען געוואָרען מלא שמחה, מען האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען, עטליכע האָבען געמאַכט פּשוטע קאָזיאָלקעס. און עטליכע זענען אַרויפגעשפּרונגען צום דרענגעל, וואָס איז געהאָנגען אין דערמיט סצענע און האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען פערשיעדענע גימנאַסטישע איבונגען.

אַודאי איז שווער צו קענען שילדערען אַ זאַך, וואָס מען פערשטעהט נישט איהר אינהאַלט, אָבער פאַר'ן אויג און פאַר'ן אויער איז די טעאַטער־פאָרשטעלונג געווען עפּעס שרעקליכעס, איך שטעל מיר נישט פאָר עפּעס ערגערס אין גהינום.

די אַרטיסטען זענען געווען לויטער מאַנספערשוינען. איינינע פון זיי זענען געווען פערשטעלט פאַר פרויען, אָבער דער גרים איז געווען פונקט, ווי פאַר 40—50 יאָהר ביי די פורים־שפּיעלער אין די קליינע שטעדטלעך. גערעדט האָבען די אַרטיסטען נישט מיט קיין נאַטירליכע שטימעס, נור עפּעס מיט אַ קווישש, גלייך עמיצער וואָלט זיי געדרוקט ביים גאָרגעל, דאָס נישט רעדען נאַטירליך ווערט אַודאי בעטראַכט ביי די כינעזער, אַלס קינסטלעריש.

קיין אַנטראַקטען זענען נישט געווען און פאַר'ן עולם זענען זיי געווען לגמרי איבעריג, ווייל בשעת דער פאָרשטעלונג גופא האָט מען זיך גאָר וואויל געוויילט, מען איז געזעסען געמיטליך, כּמעט נאַקעט, און מען האָט צווישען זיך גערעדט אַזוי הויך, אַז מען האָט די אַרטיסטען קוים געהערט, די היץ איז געווען, ווי אין אַ באָד אויף דער העכסטער פּאָליצע, ס'איז געווען חודש אָב און פון עפּעס אַ ווענטילאַציע איז נישט געווען קיין זכר. אַלע האָבען געשוויצט און איך,

פערשטעהט זיך בתוכם, און מען איז געווען נאַס, ווי אַ האָהן. נישט קוקענדיג דערויף האָט מען געטרונקען טעה און דוקא גוטען, שמעקעוו-דיגען, איך האָב אויך נאָכגעטהון און האָב געטרונקען עטליכע טאַסען טהע, אַבי צו לעשען אַביסעל דעם שרעקליכען דורשט אָבער וואָס טהוט מען צום שרעקליכען שווייס?

די כינעזער האָבען זיך געגעבען דערויף אַן׳עצה אויף אַזאַ אופן, צווישען עולם אין פערשיעדענע ערטער זענען געשטאַנען „באָיקעס״, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט פאַר זיך אַ טאָפּ מיט קאָכעדיג וואַסער, וואו ס׳זענען געלעגען דיקע טיכער. אויף אַ וואונק פון עמיצען פונ׳ם געעהרטען פובליקום, האָט איהם דער „באָיקע״ אַ ווארף געגעבען אַנ׳אויסגעדרוקט טוך, פון וועלכעס ס׳האָט געשלאָגען די פּאַרע, ווי פון אַ הייסען קעסעל, און האָט שטענדיג געטראָפּען. מיט דעם הייסען טוך האָט זיך דער פּערשוין גוט אויסגעריבען דאָס פּנים און די אויבערשטע טייל פונ׳ם גוף און האָט עס צוריקגעוואָרפען. דער „באָיקע״ האָט עס צוריק אַריינגעלייגט אינ׳ם טאָפּ אַריין און האָט עס געוואָרפען אַ צווייטען, אַ דריטען א. אַ. וו.

צי האָט מען דעפּאַר ספּעציעל בעצאָהלט, צי ס׳איז שוין געווען פערעכענט אינ׳ם בילעט — דאָס איז מיר אַרויס פונ׳ם זכרון.

דער סדר העולם איז שוין אַזוי, אַז דאָרט וואו מען איז, מוז מען נאָכטהון די אָרטיגע מנהגים, און איך האָב עס מקיים געווען: געשוויצט האָב איך אַפילו, מעהר פּאַר אַלע, ווייל איך בין נישט געווען נאַקעט, געזופּט ט.ע האָב איך גלייך מיט אַלע כינעזער, אָבער כאַפּען דאָס טוך און אָברייבען דעם גוף — אויף דעם האָט מיין היגיעניש־עסטעטישער חוש נישט דערלאָזען, דער שווייס איז אָבער גערונען פון מיר מיט אַזאַ קראַפט, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך בין געוואָרען אַ וואַסערפאַל און די היץ איז געווען פשוט צום חלש׳ען, וואָס־זשע טהוט מען?

ענטלויפט מען, הער איך אַנ׳עצה פונ׳ם לעזער און איך האָב טאַקי אַזוי געטהון.

VIII.

אין טיעלין צווישען כינעזער

מיר פאָהרען אויפ׳ן פראָנט. — לאַאָיאַן פאַלט. — מען פערהאַלט אונז אין טיעלין. — דאָס דאָרטיגע לעבען. — א כינעזער איינגעל, אלס משׁימשׁעראָנע. — א פאנזע מיט אבלים. — כינעזישע פאַגאָדעס. — דער כינעזישער גיהנם. — „דער פראָפען פון דער ערד״. — כינעזישע קברים. — די עקזעקוציע פון אָבהאַקען דעם קאָפּ (קאַנטאַמי).

1

ביי לאַאָיאַן איז פאָרגעקומען אַ פערביטערטע שלאַכט, וואו די רוסישע אַרמעע האָט געליטען אַ גרויסע מפלה. אַזוי ווי די צאָהל פון די פערוואונדעטע און קראַנקע איז געוועזן זעהר גרויס, האָט מען טע־לעגראַפיש אַרויסגעפאָדערט פון כאַרבין אַ גרויסען טראַנספּאָרט דאָק־טוירים און באַרמהאַרציגע שוועסטער. דאָס איז געוועזן כאַראַקטעריס־טיש פאַר דעם גאַנצען רוסיש־יאַפּאַנישען קריעג, אַז פון זעהר נויטיגע זאַכען האָט מען זיך דערמאָנט ערשט אין דער לעצטער מינוט.

דעם 21־טען אויגוסט 1904 אין אָוועגד זענען מיר אַ פיערציג דאָקטוירים און באַרמהאַרציגע שוועסטער אַרויסגעפאָהרען פון כאַרבין קיין לאַאָיאַן. צווישען די דאָקטוירים איז כמעט נישט געוועזן קיין כירורגען. ווייל מען האָט אַרויסגעשיקט פון כאַרבין אויפ׳ן פראָנט נישט די, וואָס קאָנען ברענגען נוצען די פערוואונדעטע, נאָר די יעניגע, וועלכע דער אינספּעקטאָר האָט געוואָלט בעשטראָפען. דער באַהן־הויף איז געוועזן איבערפולט פון בעגלייטער. ס׳איז געוועזן אַ גרויס געדרו־דער און אויף אַלע פנימ׳ער איז געוועזן אויסגעגאָסען עפּעס אַנ׳אומרוה

און אַנ׳אויפרעגונג. מיר האָבען נאָך קיין פולווער נישט געהאַט גע־שמעקט און מיר פאָהרען דאָס ערשטע מאָל אויף די פּאָזיציע, וואו מען וועט זיין נאָהענט צום שונא און מען וועט זיך בעקענען מיט דער אמת׳ער מלחמה. עטליכע יונגע שוועסטער, אָנגעטהון מיט גרויס געשמאַק, האָבען זיך שטאָלץ אַרומגעדרעהט און אין זייערע אויגען האָט מען געקענט לעזען דעם געדאַנק: „אָט זעהט, מיר פאָהרען אין די שלאַכט, וואו מיר וועלען זיין אונטער דעם שונא׳ס קוילען און מיר האָבען פּאָרט נישט קיין מורא״.

ביי אונז, יונגע דאָקטוירים, האָט דאָס הארץ געקלאַפּט גאָר פיין. מען האָט זיך אָבער געשטאַרקט און „געמאַכט לב״, ווי יאָסעל בדחן פלעגט הייסען דעם חתן פאַר דער חופּה און איינער האָט איינגע־רעדט דעם אַנדערען, אַז ער האָט נישט קיין מורא. אונזער קריגע־רישע שטימונג האָט זיך געלאָזט פיהלען באַלד ביים כאַפּען פּלעצער אין וואַגאָן. מען האָט זיך געשטופּט מיט׳ן באַגאַזש אויף וואָס די וועלט שטעהט. און אַזוי ווי מיר האָבען געבילדעט אַ גרופּע פון אַ צוועלף בעפריינדעטע דאָקטוירים, איז אונז געלונגען צו אָקופּירען אַנ׳אָבטיילונג, וואו מיר האָבען זיך איינגעאָרדענט גאָר נישט שלעכט.

מיר זענען אָבגעפאָהרען.

דער צוג האָט, ווייזט אויס, נישט געוואוסט, אַז מיר זענען גע־וואָרען אַרויסגערופען טעלעגראַפיש צו הילף, און האָט זיך געשלעפּט גאַנץ פּאַמעליך און געמיטליך. אויף דער קלענסטער סטאַציע איז מען געשטאַנען שעה׳נוויז, ווייל פון לאָאיאַן זענען אַלץ אין איינעם אָנ־געקומען סאַניטאַרע צוגען מיט פערוואונדעטע און קראַנקע. ווי ס׳איז נאָר אָנגעקומען עפּעס אַ צוג, האָט מען זיך געוואָרפען אויף די ריי־זענדע מיט פראַגען: וואָס הערט זיך? די לייכט־פערוואונדעטע זענען אַרויסגעקראָכען פון די וואַגאָנען און אַרום יעדען פון זיי האָט זיך באַלד געבילדעט אַ גרופּע נייגיעריגע, וואָס האָבען זיך צוגעהערט צו זייערע אַלע ערצעהלונגען, ווי חסידים צום רבי׳נס דרשה, הגם דער גרעסטער טייל פון די פערוואונדעטע האָט סתם פאַנטאַזירט און דער־צעהלט פערשיעדענע בבא־מעשיות. דער סך־הכל פון די אַלע ערצעה־לונגען איז געווען דער, אַז די יאַפּאַנער שלאָגען זיך ווי העלדען און אַז לאָאיאַן האַלט שוין ביים פאַלען.

וואָס ווייטער מיר זענען געפאָהרען, האָבען מיר אָנגעהויבען צו בעגעגענען פּלאַטפאָרמעס אָנגעלאָדען מיט פערשיעדענע האַרמאַטען,

ביקסען און אַנדערע כּלי־זיין און נעבען זיי און אויף זיי פערשיעדענע בעל־בתּישקייט, ווי צובראָכענע בענקלעך, מאַטראַצען, סאַמאָוואַרען וכדומה. מיר האָבען באַלד פערשטאַנען, אַז מען ענטלויפט גאָר אויפ'ן גרויסען אופן און מען פערכאַפּט מיט זיך, וואָס מען קאָן גאָר, פונקט, ווי מען ענטלויפט פון אַ שׂרפה.

אויף איינער פון די סטאַציעס זענען מיר ענדליך געוואָהר געוואָרען, אַז לאָאַיאַן איז שוין געפאַלען. אויף אַלע אונזערע פראַגען, פאַרוואָס האָט מען אָבגעטרעטען אַזאַ וויכטיגע פּאָזיציע, האָט אַ בעריהמטער פּולקאָווניק געענטפערט גאַנץ לאַקאָניש: „ס'שאַדט נישט, ס'איז אַזאַ טאַקטיק אַריינצונאַרען די יאַפּאַנער וואָס טיעפער און נעהנטער קיין רוסלאַנד". מיר זענען געוועז וואָס אמת איז נאָך „פריצען", אָבער געגלויבט האָבען מיר איהם פּאָרט נישט.

מיר זענען געפאָהרען ווייטער און אויף דער ערשטער גרעסערער סטאַציע גונדזשולין האָבען מיר צום ערשטען מאָל דערהערט אַ שאָס פון אַ האַרמאַט. אַלע האָבען זיך—צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען—אַביסעל דערשראָקען, ס'האָט זיך אַפילו געלאָזט הערען אַ קול: „לאָמיר אַנטלויפען, בכדי אַריינצונאַרען טיעפער דעם שׂונא". מיר זענען אָבער באַלד געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז אַ שאָס פון אַן'איינגענעם האַרמאַט, וואָס מען האָט אויסגעפּרובט, און אַלע האָבען זיך בערוהיגט.

אויף די סטאַציעס איז געוועז ווענינ עסענוואַרג און מיר האָבען זיך געשפּייזט מיט פערשיעדענע קאָנסערווען און טאַקע אַ ביסעל אונטערגעהונגערט אויך, וואָס עס האָט זעהר גוט געווירקט אויף די דיקע דאָקטוירים, וואָס פלעגען פאַר דער מלחמה אָפט פאָהרען קיין מאַריענבאַד.

צווישען אונזער חברה דאָקטוירים האָט זיך געפונען איינער אַ גרויסער נעוראַסטעניקער, וואָס האָט פּשוט געציטערט פון מורא פאַר'ן פראָנט און הגם ער האָט מיטגעפיהרט אַ פולען זאַק מיט קאָנסערווען האָט ער פון עגמת־נפש גאָרנישט געגעסען, אָבער אַנדערע האָט ער אויך נישט מכבּד געוועז. עטליכע קאָלעגען, וואָס דער הונגער האָט זיי זעהר צוגעדרוקט, האָבען דורכאויס געוואָלט אַרויסבעקומען פון איהם די קאָנסערווען. ס'איז זיי אָבער נישט געלונגען. ענדליך זענען זיי געפאַלען אויף אַן'המצאה, אַפילו נישט קיין שעהנע, אָבער וואָס טהוט מען נישט, אַז מען איז הונגעריג?

זיי האָבען אונטערגעשטעלט אַ דאָקטאָר, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ סאַניטאַר־צוג פון לאַאיאַן, און ער האָט דערצעהלט, אַז אין דער שלאַכט זענען געפאַלען אויך עטליכע דאָקטוירים. ווי דער „ציטערדיגער" דאָקטאָר האָט דאָס דערהערט איז ער נעבעך געוואָרען אויס מענש. „פאָהרט מען ווידער אויף אַ געוויסען טויט" — האָט ער געזאָגט אַ בלאַסער און אַנ׳אויפגערעגטער. — „וואָס בעדאַרף איך מיט מיר שלעפען אַ זאַק עסענוואַרג". ביי די ווערטער האָט ער אין וואַגאָן אויסגעשאָטען דעם זאַק מיט די קאָנסערווען, וועלכע זענען צוכאַפט געוואָרען כהרף עין.

נאָך פינף מעת לעת שלעפען זיך, זענען מיר ענדליך געקומען קיין טיעלין, וואוהין ס׳האָט זיך געהאַט איבערגעטראָגען דער שטאַב און פון וועלכען מיר האָבען געזאָלט בעקומען אינסטרוקציעס אויף ווייטער. וייל פאָהרען קיין לאָאיאַן האָבען מיר שוין נישט געקאָנט אָהן אַ יאַפּאַנישער וויזע.

אָנגעקומען קיין טיעלין זענען מיר שפּעט ביינאַכט. ס׳האָט אָבער דאָרט געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל, דער באַהן־הויף איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענשען און זייערע באַגאַזשען. דער בופעט איז געווען בעלאַגערט פון אַ המון הונגעריגע אָפיצירען. די כינעזישע „באָיקעס" זענען אַרומגעלאָפען ווי די פער׳סמ׳טע מייז, אָבער די אומגעדולדיגע אָפיצירען האָבען זיך אַליין אָנגעגאָסען טהע און האָבען זיך אַליין מטריח געווען מיט טעלערס אין קיך אַריין, וואו דער כינעזישער קאָך האָט אַרויסגעצויגען פונ׳ם קעסעל שטיקער פלייש מיט די הענד, וואָס זענען געווען פערוויקעלט אין אַ זעהר שמוציגען האַנדטוך. קיינער האָט אָבער דערויף נישט געלייגט קיין שום אַכט. דער אַרמענער וואָס איז געזעסען ביים בופעט, איז געווען טויט מיעד, ער האָט געדרעמעלט און האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָר דאַמאָלס, ווען עמיצער האָט געצאָהלט. די קעשענעס פון זיין, רעקעל זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט באַנקנאָטען און וייל ס׳האָט פערפעהלט קליינגעלד, האָט ער בכלל קיין רעשט נישט געגעבען.

נעבען די ווענד, אויף דער ברודיגער פּאָדלאָגע, האָבען זיך צולעגט אַ סך אָפיצירען און נישטקוקענדיג אויפ׳ן גאַנצען רעש און געפילדער, זענען זיי געשלאָפען גאַנץ געשמאַק און האָבען גאָר פיין געכראָפּעט, האָט מען עמיצען פון זיי אָנגעטרעטען אויפ׳ן פוס, האָט ער זיך אויף אַ מינוט אויפגעכאַפּט, האָט אַרויסגעלאָזט עטליכע פעסטע

רוסישע טויטע קללות און איז װידער איינגעשלאָפֿען.

נאָכדעם, װי מיר האָבן אַ ביסעל געשטילט אונזער הונגער און דורשט, האָבן מיר אָנגעהויבן צו קלערן מכּח אַ נאַכט־לעגער, און נאָך פֿערשידענע קאָמבינאַציעס און פּלענער איז געבליבן צו לעגן זיך שלאָפֿן תּחת כּפּת הרקיע נעבן דעם באַהן־הויף. מיר האָבן אויסגעשטעלט אונזערע צװעלף פֿעלד־בעטלעך, איינס נעבן דעם אַנדערן און מיר האָבן זיך אַנידערגעלעגט שלאָפֿן װי אין פֿריהלינג. נישט איינער פֿון די רייזענדע האָט אַוודאי געמיינט, אַז ס׳איז אַ לאַזאַרעט.

ס׳איז געװען אַ װאַרימע נאַכט. דער הערליכער מאַנדזשורישער הימעל איז געװען אָהן אַ שום פּגם, אָהן אַ שום װאָלקענדעל און האָט געלויכטען מיט זיינע אונצעהליגע שטערן. געלעגען זענען מיר רוהיג, װייל די פֿעלד־בעטלעך, הגם זיי האָבן געהערט צו פֿערשיעדענע סיסטעמען און זענען געװען קאָנסטרואירט אויף פֿערשיעדענע אופנים, האָבן דאָך געהאַט איין געמיינשאַפֿטליכע אייגענשאַפֿט, װאָס מען האָט נישט געטאָרט אויף זיי זיך ענערגיש איבערדרעהען. פֿון שלאָפֿען איז בכלל נישט געװען קיין רייד, װייל אַרום און אַרום האָבן מאַנעװרירט לאָקאָמאָטיװען און ס׳האָבן זיך ארומגעדרעהט אָהן אַ שום אויפהער זעלנער, אָפֿיצירען און שװעסטער. איך בין געלעגען מיט אָפֿענע אויגען און האָב מיר געטראַכט: „רבש״ע, דאָס אַלץ איז אפילו שעהן און אָריגינעל, אָבער פֿונדעסטװעגען, װען װעל איך דאָס פּאָרט שוין פּטור װערען?״

2

כּעלות זענען מיר אויפגעשטאַנען. אין דעם שטאַב זענען מיר געװאָהר געװאָרען, אַז מיר מוזען דאָ פֿערבלייבן עטליכע טעג. טיעלין איז דאַמאָלס געװען אַ מיטעל־גרויסע שטאָדט. דאָס איז שוין נישט געװען קיין אָנגעלאָפֿענע אינטערנאַציאָנאַלע שטאָדט, װי כאַרבין, נאָר אַן׳אמת׳ע כינעזישע מיט אַלע פּיטשעװקעס, מיט אַ געדיכטען שטויב, מיט אַ בלאָטע ביז צו די קניע און מיט אַ ריין כינעזישער בעפעלקערונג.

טיעלין שטעהט נישט ביי קיין טייך—די כינעזער האָבן בכלל פֿיינד װאַסער, — און איז אַרומגערינגעלט מיט שעהנע בערג, װעלכע

זענען דאַמאָלס אין אויגוסט נאָך געווען בעדעקט מיט גרינעם גראָז. אויף זיי האָבען זיך געפונען זעהר אַ סך קליינע טורעמלעך, אַלטע מצבות און „פּאַגאָדעס" מיט געטער. נישט איינמאָל בין איך דאָרט געזעסען איינער אַליין אויף אַ גרייז־גרויען פּעלז צווישען אַלטע מצבות דערוויטערט פונ׳ם לאַגער און פון די שפּיטעלער און נישט איינמאָל ביים זונאונטערגאַנג האָט זיך מיר געטראַכט, אַז איך הער עפּעס אי־בערמענשליכע קולות, עפּעס אַ סוד שיח שרפי קודש. ערשט דאַמאָלס האָב איך פערשטאַנען, וואָס הייסט זיין געשטימט מיסטיש און וואָס הייסט התבודדות.

מענשען, וואָס האָבען ליעב איינזאַמקייט און עס זענען זיי שוין נמאס געוואָרען די אַלפּען און די קאַרפּאַטען, וואָלט איך געראַטען צו פאָהרען אום זומער אויף די טיעלינער בערג.

די זעלבע בערג האָב איך געזעהן שפּעטער אום ווינטער און זיי האָבען נעבעך, געהאַט פערלוירען זייער גאַנצען חן. זיי זענען געווען אינגאַנצען נאַקעט, אַפילו אָהן שנעע. דורכגעשניטען מיט גרי־בער און פערשטעלט מיט שטעכעדיגען דראָט. די גאַנצע פּאָעזיע איז געהאַט פערשוואונדען: ס׳איז דאָרט געוואָרען אַ „פּאָזיציע".

דער טיפּ פון אַ מאַנדזשור איז אַ זעהר שעהנער. ביי די קאָס־טיליאַנער איז פערהאַן אַ שפּריכוואָרט, אַז אין וואַלענציא איז די ערד ווי וואַסער, און די מאַנספּערשוינען זענען ווי פרויען. דאָס לעצטע קאָן מען אויך זאָגען מכח די מאַנדזשורען, וואָס זענען זעהר פלינק און געשיקט און פערמאָגען אַ סך גראַציע און עלעגאַנץ. איך האָב אַמאָל אונטערגעהערט אין שפּיטאָל אַ שמועס צווישען אַ פערוואונדע־טען סאָלדאַט מיט׳ן פעלדשער, וועלכער האָט כאַראַקטעריזירט דעם מאַנדזשור אויף אַזאַ אופן: „ס׳איז דאָ אַ צאָפּ, ס׳איז דאָ אַ קליידעל, ס׳איז דאָ חן, און ס׳איז פאָרט נישט דאָס.

די מאַנספּערשוינען טראָגען לאַנגע צעפּ. וואָס לענגער די צעפּ זענען, איז מעהר אַריסטאָקראַטיש. האָט עמיצער קורצע האָר — טשע־פּעט ער צו אַ פאַלשען צאָפּ. אַזוי פיהרט מען זיך ביז 40 יאָהר. שפּעטער פערנאַכלעסיגט מען דעם צאָפּ און מען פערלאָזט אַ בערדעל און די וואָנסע הענגט טרויעריג אַראָב. אַזוי אַרום איז דער צאָפּ און דאָס בערדעל אַ אַרט מעטריקע. די פרויען זענען נישט איבעריג שעהן און טראָגען אין די געדיכטע האָר פונ׳ם קאָפּ אַ גאַנצען וואַלד פון פערשיעדענע שפּילקעס און אַנדערע בעשייניגונגען. זייערע פיס זענען

נישט אַזוי פערקרומט און דעגענערירט, ווי ביי די פרויען. וואָס וואוי־נען אין צענטראַל־כינא. אָבער קליין זענען זיי גענוג. די גאַנצע וועלט איז איין שטאָדט אין אומעטום פערלאַנגען מיר קרבנות פון יע־דען, וואָס איז פון אונז מעהר אָדער וועניגער אָבהענגיג. און דער קרבן גופא איז לויט דעם מנהג. ביי אונז אין איראָפא פערלאַנגען די מענער פון די פרויען אַ שלאַנקע פיגור און אַ שמאָלע טאַליע און די פרויען מוזען נעבעך אַ ביסעל אונטערהונגערען און זיך צערע;. אין כינא פערלאַנגען די מענער קליינינקע ווייבערשע פיסלעך און די פרויען מוזען קוועטשען זייערע פיס אין שמאָלע ענגע סאַנדאַלען. אפשר איז דאָס פראַקטיש, בכדי די פרויען זאָלען נישט קאָנען אנט־לויפען...

די רוסישע קאָלאָניע האָט זיך אין טיילין געהאַט קאָנצענטרירט נעבען דעם באַהן־הויף.

דאָרט האָבען זיך געפונען אַלע מיליטערישע שפיטעלער, דער רויטער־קרייץ, פערשיעדענע אַנשטאַלטען, געוועלבער, מאַגאַזינען, גאַסטהייזער, רעסטאָראַציעס מיט סעפּעראַטע קאַבינעטען, וואו מען האָט געשפּיעלט אין קאָרטען און וואו מען האָט פערלוירען אין איין אָווענד צעהנער טויזענדער רובעל. דאָס שעהנע געשלעכט האָט אויך נישט געפעהלט און, ליידער, איז זי בעשטאַנען פון לויטער אידישע קינדער. ס׳איז קיין שום וואונדער נישט, ווייל די רוסישע פרויען, וואָס האָבען געוואָלט זיך פערנעהמען אינ׳ם קריעג מיט פּראָסטיטוציע, זענען אַריינגעטרעטען אין דער אַרמעע אַלס באַרמהאַרציגע שוועס־טער.., אידישע פרויען האָט מען נישט גענומען. דערפון דאַרף מען נישט דרינגען, אַז אַלע שוועסטער האָבען זיך פערנומען מיט פּראָס־טיטוציע. זעהר אַ גרויסע צאָהל פון זיי זענען געווען אַנשטענדיגע פרויען.

די לעצטע געביידע פון דער רוסישער קאָלאָניע איז געווען די באָד. דאָרט האָט שוין אַ קלאַפּ געגעבען אין די נאָז אַריין דער ריח פון קנאָבעל און שווייס אַ סימן מובהק, אַז ס׳הויבט זיך אָן די כי־נעזישע שטאָדט

די פאָרשטאָדט איז אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער פון ערד און בלאָטע. די שטאָדט גופא האָט שוין אַ מויער פון שטיינער. די פאָר־שטאָדט און די שטאָדט בעשטעהען פון אַ לאַנגער ברייטער גאַס, וואוהין ס׳פאַלען אַריין רעכטס און לינקס קליינע און גרעסערע

געסלעך. פון ביידע זייטען פון דער הויפט־גאַס געפינען זיך נידריגע הייזלעך, וואו ס׳זענען דאָ געוועלבער און מאַגאַזינען. אויף דעם זעלבען אופן זענען געבויט אַלע כינעזישע שטעדט, וועלכע איך האָב געזעהען שפּעטער און זיי דערמאָנען די אַלטע שטעדט אין איטאַליען און אין טיראָל. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס אין די אַלטע אייראָפּעאישע שטעדט איז אויף די ענגע געסלעך פינסטער און די לופט איז אַ פערדאָרבענע נאָך פונ׳ם מיטעלאַלטער איבער די הויכע הייזער, וואָס געפינען זיך פון ביידע זייטען און לאָזען נישט אַריין נישט קיין לופט און נישט קיין זון. די כינעזער זענען אין דער הינזיכט שון קלוגער, ווייל זיי בויען גאַנץ נידעריגע הייזלעך און דערפאַר זענען די גאַסען בעגאָסען מיט זון און די לופט איז פערהעלטניסמעסיג אַ ריינע.

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין שטאָדט אַריין אַרום אַכט אַ זייגער אין דער פריה, איז שוין אויף דער הויפט־גאַס געווען אַ בעוועגונג, וועלכע איך האָב שפּעטער געזעהען נאָר אין פאַריז. אַ חוץ די כינעזער גופא, וואָס זענען זעהר ריהרעווּדיג, האָט זיך דאָרט געהאַט קאָנצענטרירט אַ גרויסער טייל פון דער רוסישער אַרמעע, וואָס האָט זיך געהאַט צוריקגעצויגען פון לאַיאָן.

ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער און וואָלט געוואָלט פאַרשטעלען ירושלים בשעת עלית־רגל, וואָלט איך, אַלס מאָדעל, גענומען טיעלין אין דעם מאָמענט, וואָס איך בעשרייב.

די הויפט־גאַס איז געווען פול מיט לעבען. די אויגען האָבען אַזש וועה געטהון פון קוקען אויף די אונאויפהערליכע בעוועגונג פון סוחרים און קונים, פון זעלנער פון פערשיעדענע אָבטיילונגען, פון פערד און אייזלען, וואָס זענען געווען בעלאָדען מיט פערשיעדענע משאות. פון וועגען אויף פיער און צוויי רעדער, אין וועלכע עס זענען געווען איינגעשפּאַנט בהמות און מענשען. די גאַנצע בעוועגונג איז געווען אָהן אַ שום אָרדנונג. די בהמות האָבען אַרויסגעוויזען זייערע מוזיקאַלישע פעהיגקייטען און האָבען אַרויסגעלאָזט משונה׳דיגע קולות און די רעדער פון די פערשיעדענע וואָגענס, וואָס די כינעזער האָבען אַ מנהג זיי נישט צו שמירען, האָבען זיך געבייזערט, געקרעכצט און געזיפצט. די גאַס איז געווען פול מיט ליאַרם און געפּילדער. מען האָט געשטויסען איינער דעם אַנדערען און קיין „פאַרדאָן" האָט מען נישט געהערט. די גאַנצע בעוועגונג איז בכלל געווען

אַ כאַאָטישע און דערין טאַקע איז געלעגען אַ געוויסע שעהנקייט. די סוחרים, וואָס זענען געשטאַנען פאַר זייערע געוועלבער, האָבען אויף אַ הויך קול רעקלאַמירט זייער סחורה און האָבען נישט געלאָזט קיי-נעם רוהיג פערבייגעהן. אויף דער ערד אין דער בלאָטע זענען גע-לעגען בלינדע און קאַליקעס, כמעט נאַקעטע, און האָבען געריסען ביי די פאָלעס.

אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ גרופּע כינעזער, וואָס האָבען לי-ציטירט די זאַכען פון אַנ'אָרימען בעל-חוב. איינער פון זיי האָט הויך בעוויינט זיין ביטערען גורל און אַ צווייטער האָט נאָך העכער גע-לויבט די חפצים, וואָס ווערען פערקויפט. ביי טישלעך זענען געזעסען „נביאים״, וואָס פאַר אַ געוויסען אָבצאָהל האָבען זיי פאָרגעזאָגט די צוקונפט. די נביאים האָבען געטראָגען גרויסע ברילען, וואָס זענען אין כינא אַ סימבאָל פון ערנסט, וויסענשאַפט און קונסט און דערפאַר טראָגען אויך ברילען ריכטער, העכערע בעאַמטע, געלעהרטע וכדומה. גאָר אין מיטען האָט זיך אַ כינעזער געלערענט פאָהרען אויף אַ וועל-ליסאָפעד און עפּעס אַ גאַנצע משפחה איז זיך גלאַט געגאַנגען שפּאַ-צירען מיט גרויס פערגעניגען.

נישט קוקענדיג אויף דאָס גרויסע ענגשאַפט, איז דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע און פאַמיליען-לעבען פאָרגעקומען אויף דער גאַס, מען האָט דאָרט געקאָכט און געבאַקט און מען האָט שטעהענדיגער-הייט געגעסען געמיטליך. אין די „רעסטאָראַציעס״ האָבען אַ סך „געסט״ אַליין געפּרעגעלט אויף די פאַנען זייערע בעליעבטע מאכלים, מיים-טענטיילס „קניזשעס״. בעלי-מלאכות האָבען געאַרבייט, פרויען האָבען געזויגען זייערע קינדער און האָבען בעזאָרגט זייער בעל-הבתישקייט, מען איז געזעסען אויף אסיפות וכדומה. און דאָס אַלץ איז געשעהן כמעט אין בלאָטע.

מיר איירָאָפּעער האָבען געקאָנט געהן נאָר האַרט ביי די גע-וועלבער, וואו ס'איז שוין געווען אַ ביסעל אויסגעטראָטען.

3

אויפ'ן וועג האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט עפּעס אַנ'אָבגעריסען כינעזיש אינגעל, וואָס האָט מיר פערזיכערט, אַז ער קאָן גאָר וואויל רוסיש. אין אמת'ן אָבער האָט ער געקענט נאָר אַ צעהן-פופצעהן

רוסישע ווערטער, מייסטענטיילס די גראָבע און זידעל־ווערטער. נישט קוקענדיג דערויף האָט ער ביי מיר בעקומען די שטעלע פון אַ פיהרער און דאָלמעטשער. צו איהם האָבען זיך ביסלעכווייז צוגעטשעפּעט נאָך עטליכע באָרוויסע און נאַקעטע אינגלעך, וואָס האָבען אויך געוואָלט בעדינען דעם „קאַפּיטאַנאַ“ — ביי זיי איז אויך פערהאַן קאָנקורענץ — מיין הויפּט־פיהרער האָט זיי אַפילו פון צייט צו צייט צעיאָגט מיט דעם קאַנטשיק, וואָס ער האָט געטראָגען אין דער האַנד, ס'האָט אָבער ווייניג געהאָלפען, זיי זענען ווידער צוריקגעקומען און איך האָב געהאַט אַ גאַנץ שעהנע לויה.

איך האָב מיך אָנגעהויבען אַרומשלעפּען אין די געסלעך, און האָב מיך צוגעקוקט מיט גרויס נייגיעריגקייט צו יעדער זאַך, ווייל איך האָב דערזעהן פאַר מיר גאָר אַנ'אַנדער וועלט, נאָר די אַפּטייקען זענען עהנליך צו אונזערע, און עס איז גאַנץ מעגליך, אַז מיר האָבען נאָכגעמאַכט די כינעזער ביים איינאָרדענען די ערשטע אַפּטייקען. די אַפּטייקערס טראָגען אויךברילען. עהנליך זענען אויך די געוועלבער, ווי אויך די תנועות, העויות און די זשעסטיקולאַציע פון די סוחרים און קונים. דינגען־דינגט מען זיך אַ סך מעהר ווי ביי אונז אין די אידישע געוועלבער. איז אויב דער כינעזישער סוחר האָט פערלאַנגט פאַר אַ זאַך, למשל, פינף רובעל, האָט מען געקאָנט זיין איבערצייגט, אַז ער וועט עס אַוועקגעבען פאַר 50 קאָפּיקעס. חשבונות מאַכט דער כינעזער הויך מיט אַ ספּעציפישען נגון. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, ווי דער כינעזישער סוחר איז געזעסען ביים בוך און האָט געמאַכט חשבונות, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס זיצט אַ איד און לערנט משניות.

דאָרט, אין טיעלין, בין איך אויך דערגאַנגען, אַז דער סאַמאָוואַר איז נישט קיין רוסישע ערפינדונג, ווי איך האָב שטענדיג געמיינט. דער פּראָטאָטיפּ פון סאַמאָוואַר איז דער גרויסער כינעזישער טשייניק.

אַרומדרעהענדיג זיך אַזוי אין די געסלעך פון טיעלין, האָב איך פּלוצלינג דערהערט פון דערווייטענס עפּעס אַ ווילדע מוזיק, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ סקריפּען אויף אַ פידעל און אַ קלאַפּעריי אויף אַ פּויק. מיט דער כינעזישער מוזיק האָב איך שוין געהאַט דאָס פערגעניגען זיך צו בעקענען אין כאַרבינער טעאַטער, אָבער דאָס, וואָס איך האָב דאָ געהערט, איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. מיין פיהרער האָט מיר

געוואָלט ערקלערען, וואָס דאָס בעדייט, ער האָט אָבער נעבען נישט
געקענט. ער האָט געדרעהט מיט'ן קאָפּ, ער האָט זשעסטיקולירט מיט
אַלע אברים, ער האָט גערעדט חצי רוסיש און חצי כינעזיש — און
עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. „פּוטונדאַ״ האָב איך איהם געזאָגט,
דאָס הייסט, איך פערשטעה נישט, און ער איז געוואָרען נעבעך זעהר
טרויעריג. מיר זענען נעהנטער צוגעגאַנגען צו דער קאָנצערט-האַלע,
פון וואַנען ס'האָבען זיך געלאָזט הערען די אויסטערלישע קלאַנגען.
דאָס איז געווען אַן'איינפּאַכע כינעזישע „פּאַנזע״. ביים אַריינגאַנג זע-
נען געשטאַנען צוויי גרויסע מענשליכע פיגורען פון האָלץ, אָבגע-
מאַליעוועט מיט אַ מיתה־משונה קאָליר. זייערע פּנים'ער זענען געווען
נישט קיין מענשליכע, נאָר פון חיות, פערקרימטע, מיט אַן'אויסדרוק,
ווי זיי וואָלטען חוזק געמאַכט פון דער גאַנצער וועלט. די פיגורען
זענען געשטאַנען אויף איין פוס און דעם צווייטען האָבען זיי גע-
האַלטען אין דער לופטען, איינגעבויגען אין דער קניה. איינע פון די
פיגורען האָט געהאַלטען אין דער האַנד עפּעס אַזוינס, וואָס איז גע-
ווען עהנליך צו אַ שווערד און די צווייטע — אַן'איינגעבראָכענעם
שטעקען. די פיגורען זענען געווען אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב מיך
נישט געקאָנט איינהאַלטען פון געלעכטער. ס'איז אַודאי אַ צירק, האָב
איך מיר געטראַכט, און איך בין אַריינגעגאַנגען אין די פּאַנזע. לינקס
ביי דער טהיר זענען געשטאַנען צוויי גרויסע פערד פון פּאַפּיער,
איינס ווייס און דאָס צווייטע שוואַרץ. די גאַנצע פּאַנזע איז געווען
אָנגעשטעלט און בעהאָנגען מיט חיות, עופות און בהמות, מיט פער-
שיעדענע שפּילעכצען, אַלץ פון ווייסען פּאַפּיער, און ביי דער קלענ-
סטער בעוועגונג האָט אַלץ געפלאַטערט און געציטערט. אין דער מיט
פּאַנזע איז געשטאַנען דער אָרקעסטער, וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי
פידלער און צוויי פּויקער. אויבענאָן האָב איך דערזעהן אַן'אַרט אַל-
טאַר, אויף וועלכען עס האָבען געברענט אַ סך דינע ליכטלעך. נעבען
דעם אַלטאַר זענען געזעסען עטליכע עלטערע און יונגערע כינעזער.
איך בין געבליבען שטעהן פערוואונדערט און האָב נישט פערשטאַנען,
וואו בין איך, ווייל צו קיין צירק איז דאָס לגמרי נישט געווען
עהנליך.

צום גליק האָט איינער פון די מוזיקאַנטען פערשטאַנען אַ ביס-
סעל רוסיש און ער האָט מיר אויף אַ צעבראָכענעם לשון ערקלערט,
אַז דאָ קומט פאָר אַ טרויער איבער דעם טויט פון בעל-הבית, און

אַז די, וואָס זיצען אויבענאָן, זענען קינדער און אייניקלעך פונ׳ם פערשטאָרבענעם.

איך בין צוגעגאַנגען צו די אבלים, וואָס האָבען מיך אויפגע־נומען זעהר גאַסטפריינדליך. איינער פון זיי, ווייזט אויס, דער עלט־סטער, האָט מיר אונטערגערוקט אַ בענקעל צום זיצען, און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, האָט מען מיך מכבד געווען מיט אַ טאָס שמעקעדיגען טהיי און מיט עטליכע קליינטשקע שטיקעלעך קאַנדעל־צוקער אויף אַ קליין טעלערעל.

אַ ביסעל ווייטער פון דעם אַלטאַר זענען געזעסען עטליכע פרוי־ענצימער און האָבען געגעסען. דערזעהענדיג מיך, זענען צוויי פרויען ענטלאָפען אין צווייטען צימער. די איבערגעבליבענע האָבען זיך צו־געקוקט צו מיר און האָבען געשמייכעלט. ענטלאָפען זענען די על־טערע פרויען, געבליבען זענען די יונגערע, וואָס האָבען זיך, ווייזט אויס, שוין צוגעוואוינט צו די רוסען און האָבען נישט קיין מורא געהאַט.

קיין שום אומעט האָב איך נישט בעמערקט; אומגעקעהרט, אַ חוץ דער שרעקליכער מוזיק איז געווען אַ פרעהליכע געמיטליכע שטימונג. און איך האָב עס אייגענטליך פערשטאַנען, ווייל אויב מען גלויבט טאַקע באמת אין השארת הנפש, אַזוי ווי די כינעזער, איז דאָך דער טויט נאָר אַן איבערגאַנג צו אַן אַנדער לעבען און אפשר צו אַ בעסער לעבען, הייגט פאַרוואָס זאָל מען זיין טרויעריג? בפרט, אַז געשטאָר־בען איז אַן אַנדערער.

איך האָב אויסגעטרונקען דעם טהיי, וואָס איז געווען זעהר אַ גוטער, און דאָס האָט מיך גדאָד זעהר געוואונדערט ווייל אין דער שווייץ פלעג איך שטענדיג בעקומען דעם ערגסטען שווייצער־קעז. גערעדט האָב איך נישט, גאָר פשוט דערפאַר, ווייל כינעזיש האָב איך נישט געקענט, און רוסיש אָדער אַן אַנדער שפּראַך האָבען זיי נישט געקענט. איך האָב געהאַט ביי מיר, וואָס אמת איז, אַזש צוויי ווער־טער־ביכער: כינעזיש—דייטש און רוסיש — כינעזיש, אָבער ווערטער־ביכער האָבען שוין אַזאַ טבע, אַז זיי קענען נוצליך זיין נאָר דעם, וואָס קען די שפּראַך. הכלל, גערעדט האָב איך נישט, אָבער אַז מ׳בעט זיצען און אַז מען בעקומט אַ פיינע טאָס טהיי, מוז מען דאָך עפּעס טהון, האָב איך געשמייכעלט. זיי האָבען אויך געשמייכעלט. אָבער ווי לאַנג קאָן מען שמייכלען? ענדליך בין איך אויפגעשטאַנען,

האָב אַלע בעגריסט און בין אַרויסגעגאַנגען, פערוואונדערט פון אַזאַ מאָדנע טרויער און פון די איינפאַכע קינדער־שפּילעכלעך, וואָס האָבען זיך אַזוי לאַנג קאָנסערווירט ביי אַזאַ אַלט קולטור־פאָלק, ווי די כּי־נעזער. ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז אין די אַלע פיגורען, וואָס האָבען אָנגעפילט די פאַנזע, האָט געשטעקט אַ סך סימבאָליסטיק

4

איך האָב געבעטען מיין פיהרער, אַז ער זאָל מיך צופיהרען צו דער גרעסטער פאַגאָדע. די כינעזער זענען נישט פרום, דאַווענען זעהר זעלטען. אָבער נישט קוקענדיג דערויף האָבען זיי זעהר אַ סך פאַגאָדעס כּמעט יעדער גרעסערער סוחר האָט אויפ'ן הויף אַ קליינע פאַגאָדע, וואָס איז געווידמעט איינעם פון די געטער. מייסטענטיילס דעם גאָט פון האַנדעל און רייכטום, ווייל די כינעזער זענען זעהר מכבד עשירים.

פאַר'ן אַריינגאַנג פון דער פאַגאָדע, צו וועלכע מיין טשיטשע־ראָנע האָט מיך צוגעפיהרט זענען געשטאַנען צוויי הויכע, הילצערנע זיילען און עטליכע קליינע שטיינערנע און אויף זיי האָבען זיך גע־פונען געשטאַלטען פון קליינע לייבען מיט פערקרומטע פּנים'ער.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין הויף. ס'איז מיר אַקעגענגעגאַנ־גען אַ גרייז־גרויער כינעזער, אָנגעטהון אין אַ לאַנגען שוואַרצען אַנ־צוג. מיר האָבען זיך בעגריסט. ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דער פריסטער פון דער פאַגאָדע. ער האָט גערעדט גאָרנישט שלעכט רוסיש.

דער הויף איז געווען וויסט און פערלאָזען. ס'איז פשוט שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ שמוץ עס האָט דאָרט געהערשט. ס'האָבען זיך דאָרט אַרומגעדרעהט אַ סך הונד און חזירים, וואָס האָ־בען געלעבט צווישען זיך בשלום ושלוה. מען האָט זיך נישט בע־דאַרפט קריעגען, ווייל בלאָטע איז געווען גענוג פאַר אַלע.

אויפ'ן הויף זענען געשטאַנען צעוואָרפען עטליכע בנינים. דער פריסטער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין דעם גרעסטען בנין, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט. איך האָב דאָרט געטראָפען אַנ'עלטערען רוסישען בעאַמטען אין דער געזעלשאַפט פון עטליכע באַרמהאַרציגע שוועסטער, וואָס האָבען אויך בעקוקט די פאַגאָדע.

רעכטס האָב איך דערזעהן אַ גרויסען פּסל פון קאָנפוציוס, דעם כינעזישען געזעצגעבער, אין דעם געשטאַלט פון אַן׳אַלטען מאַן. זיין פּנים איז געווען זעהר סימפּאַטיש, און עס זענען געווען אויף איהם אויסגעגאָסען די בעסטע מידות אין דער וועלט. דער שנור־באָרד איז געווען זעהר אַ לאַנגער און האָט געגרייכט כמעט ביז צו די אַקסלען. עס איז נישטאָ וואָס אַנ׳אמת מיט וואָס זיך צו בעריהמען, אָבער איך מוז פּאָרט מודה זיין, אַז אין מיין לעבען האָב איך מיך גענוג אָנ־געזעהן שפּינוועבס אין די חדרים, שולען, בתי־מדרשים, שפּיטעלער און אין די וואוינונגען פון אָרעמע קראַנקע, אָבער אַזעלכע דיקע שילטען שפּינוועבס, וואָס זענען געלעגען אויפ׳ן אונגליקליכען קאָנ־פוציוס און אויף דער שטוהל, אויף וועלכער ער איז געזעסען. האָב איך אין מיין לעבען נישט געזעהען. עס האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק, אַז ער איז איינגעוויקעלט אין אַ וועלאָן. די פּאַגאָדע איז געווען בכלל פול מיט שמוץ, און ווען נישט די געצען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען און וואָס האָבען דאָס אַלץ מקבל באהבה געווען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ שטאַל פון אַ קליינשטעדטעלדי־גער קרעטשמע. פאַר די מעהר חשוב׳ע געצען — ביי זיי זענען אויך פערהאַן פערשיעדענע מדרגות — זענען געשטאַנען אייזערנע פאַנען, וואָס זענען געווען פול מיט אַש און רעשטלעך פון קליינע ליכטע־לעך. פאַר אַנדערע געצען זענען אויף די טישלעך געלעגען לאַנגע הילצערנע שטעקעלעך מיט פערשיעדענע אויפשריפטען, וואָס לויט זיי זאָגען די פּריסטער נביאות, וואָס עס וועט פּאַרקומען אין דער צו־קונפט.

— „פאַרוואָס איז דאָ אַזוי אומריין?“ — האָב איך געפרעגט דעם פּריסטער.

— „איינמאָל אין יאָהר ווערט די פּאַגאָדע אויסגערייניגט“ — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ געוויסען שטאָלץ און מען האָט גע־קאָנט דערקענען, אַז דער צושטאַנד פון דער פּאַגאָדע האָט לגמרי בע־פרידיגט זיין געפיהל פון ריינקייט.

אין דער מיט פּאַגאָדע איז געשטאַנען אַ גלעזערנער קאַסטען, וואו עס זענען געזעסען אַ פּאָר־פאָלק, צוויי זעהר שעהנע יונגע גע־צען. דער קאַסטען איז געווען פערמאַכט און מען טאָר איהם נישט עפענען. עס איז איבעריג צוצוגעבען, אַז ער איז געווען בעדעקט מיט אַ דיקען שטויב און מיט שפּינוועבס. „אין דעם צימער רעכטס — אין־

זייער עס־צימער״, האָט מיר ערקלערט דער פריסטער. „אין דעם צימער לינקס — איז זייער שלאָף־צימער. יעדען פריהמאָרגען ווערט פאַר זיי אַנידערגעלעגט עסענוואַרג און אין יעדען אָווענד מאַכט מען פערטיג דאָס געלעגער״.

— „צי האָט איהר אַמאָל געזעהען, ווי זיי עסען?״ — האָב איך געפרעגט דעם פריסטער.

— „חס ושלום״ — האָט ער געענטפערט מיט שרעק. „דער יעניגער, וואָס וואָלט דאָס געזעהען, וואָלט באַלד געשטאָרבען״.

אין די אַנדערע צימערען פון דער פּאַגאָדע איז געווען איליוסטרירט אויפ'ן גרעבסטען אופן אין פערשיעדענע פלאַסטישע בילדער דער כינעזישער גיהנום. דעם גן־עדן זייערען האָב איך נישט געזעהען, אָבער דער גיהנום איז אַ שרעקליכער און מען האָט געקאָנט דערפון לייכט דרינגען, אַז מען געפינט זיך אין אַ הייליג אָרט פון אַ פאָלק, וואָס בענוצט זיך אין די געריכטען בכדי צו דערגעהן דעם אמת, מיט די שרעקליכסטע ענויים און טאָרטורען און וואו טויט־שטראָף איז אַ טאָג טעגליכע זאַך. די ענויים, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זענען פאָרגעשטעלט גאַנץ פלאַסטיש־ נעבען יעדען זינדער, וואָס ווערט געפייניגט, שטעהט פון איין זייט עפּעס אַנ'איסטערליש בעשעפעניש מיט אַ סאַרקאַסטיש געלעכטערעל אויף די ליפען — דאָס איז דער שטן — דער קטגור — און פון דער אַנדערער זייט אַ געץ מיט אַ פאַן פאַר זיך — דאָס איז דער שופט. די אופנים פון פייניגען זענען פערשיעדענע און אין דער הינזיכט זענען די כינעזער זעהר אָריגינעל און זיי וואָלטען אויף אַ קאָנקורס פון ענויים בעקומען די ערשטע פּרעמיע. איך וועל בעשרייבען אייניגע פון זיי: דער זינדער הענגט אויף אַ רעהר פון אַנ'אויווען, וואָס איז אַזש ווייס פון דער גרויסער היץ און ווערט ביסלעכווייז געבראָטען. דער זינדער איז צוגעבונדען מיט די פיס צו דעם באַלקען פון סופיט און דער קאָפּ זיינער ליגט אין אַ טאָפּ מיט וואַסער, וואָס האַלט אין איין קאָכען. צום זינדערס בויך איז צוגעבונדען אַ טאָפּ, אין וועלכען עס געפינען זיך עטליכע הונגעריגע שטשורעס, וואָס בעמיהען זיך מיט די צייהן אַריינצוקריכען אין די געדערים אַריין. א. אַ. וו.

די שרעקליכע בילדער און דער שטאַרקער געשטאַנק האָבען ביי מיר אַרויסגערופען איבעל און קאָפּ־וועהטאָג. איך האָב געגעבען דעם פריסטער עטליכע מטבעות, ווי אויך די יונגלען, וואָס האָבען מיך

בעגלייט און זיי האָבען אָנגעהויבען זיך גאָר פיין צו שלאָגען בשעת דער חלוקה. איך בין אַרויסגעגאַנגען און מיר האָט זיך געדאַכט, גלייך איך וואָלט געווען אין כנען אין תּרח'ס צייטען. דער בעאַמטער מיט די באַרמהאַרציגע שוועסטער זענען אויך אַרויסגעגאַנגען און מיר זע־נען געגאַנגען צוזאַמען. איך האָב טיעף אָבגעזיפצט. געלויבט איז גאָט, האָב איך מיר געטראַכט, וואָס ער האָט מיך נישט בעשאַפען קיין כּי־נעזער. נאָך די אַלע צרות, וואָס מיר ליידען זיך אָן אויף דער וועלט אין חדר, אין גימנאַזיום, אין דער אוניווערזיטעט, אויף אסיפות אין פּילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטליכע חברות, נאָך די אַלע ענויים און יסורים, וואָס מיר טראָגען איבער אין דעם יאָמער־טהאָל אויף דער וועלט, נאָך ליידען אַזוי פיעל אויף יענער וועלט, — איז דאָך טאַקי בעסער נישט בעשאַפען צו ווערען. אָבער הערר מעפיסטאָ, וואָס האָט נישט געוואָלט בלייבען אין וואַרשא און איז מיט מיר מיטגעפאָהרען אויפ'ן ווייטען מזרח, האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פון מיר אַ ביסעל חוזק. „וואָס וואונדערסטו זיך עפּעס אַזוי שטאַרק אויף די כינעזער?"— האָט ער גע'טענה'ט, „צי דו האָסט שוין גאָר פערגעסען, ר' קרוב, די הייליגע אינקוויזיציע מיט איהרע טאָרקוועמאַדעס, וואָס האָבען דיך געפּייניגט ביים לעבען נישט ערגער, ווי די כינעזער? צי האָסטו פערגעסען די פּאָגראָמען?" „זעהר ריכטיג, פריץ־לעב" — האָב איך איהם געענטפערט, „אָבער דערפאַר האָבען מיר דאָך בעקומען אויף יענער וועלט גרויסע פּאָרציעס שור הבר מיט'ן לוית'ן!"

מיר זענען געגאַנגען שווייגענדיג און זענען צוגעקומען צום טויער פון דער שטאָדט. דאָרט איז געשטאַנען אַ קליינער טורעם.

— צי איהר זעהט דעם טורעם?" — האָט מיך געפרעגט דער בעאַמטער.

— איך זעה — האָב איך געענטפערט, — „אַ טורעם, ווי אַלע אַנדערע כינעזישע טורעמס".

— „איהר זענט אייך טועה" — האָט ער מיר איבערגעשלאָגען די רייד, „דאָס איז נישט קיין איינפאַכער טורעם, ער הייסט דער פּראָפּען פון דער ערד, ווייל די כינעזער גלויבען, אַז אין דעם אָרט האָט דער אויבערשטער בשעת דעם מבול פערשטאָפּט די ערד און דער מבול האָט אויפגעהערט".

— „ווי איך האָב געהערט" — האָב איך דערויף בעמערקט, — „געפינט זיך דער טורעם, וואָס ווערט גערופען „דער פּראָפּען פון דער

ערד״, נישט דאָ, נאָר נעבען לאאָיאַן״, מיט דער בעמערקונג האָב איך נישט געהאַט דעם מינדעסטען חשק צו דערצערנען דעם בעאַמטען, איך האָב נאָר געוואָלט בעווייזען אויך אַ שטיקעל בקיאות. דער בע־אַמטער איז אָבער געוואָרען מלא כעס, אפשר דערפאַר, וואָס איהם האָט נישט געפּאַסט צו פערלירען זיין אויטאָריטעט ביי די באַרמהאַר־ציגע שוועסטער.

— „דער מבול איז געווען?״ — האָט ער מיך אַ פרעג געטהון.

— „מיר וועלען אָננעהמען, אַז ער איז געווען״ — האָב איך געענטפערט.

— „מ י ר װ ע ל ע ן אָ נ נ ע ה מ ע ן, אַז ער איז געווען״ — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ שטעכעדיג שמייכעלע.

— „אַזוי! נו... גוט... דער מבול האָט אויפגעהערט?״

— „דאָס אַודאי״.

— „היינט, אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ נפקא מינה, צי ס׳איז גע־ווען אַ תיבה, אָדער אַ טורעם, אין טיעלין אָדער אין לאאָיאַן? אַבי ס׳איז געווען!״ — האָט ער געענדיגט און האָט אַ קוק געטהון מיט צופרידענהייט אויף די שוועסטער.

— „זעהר ריכטיג״ — האָב איך געזאָגט, — „אָבער פאַרוואָס זענט איהר אַזוי אין כעס? ס׳איז דאָך נישט אייער טורעם!״

— „ווייל איך האָב נישט ליעב קיין פילאָזאָפען, וואָס האַלטען אין איין פרעגען קשיות״ — האָט ער געענטפערט. — „אין דער פאַ־גאָדע האָט איהר אויך דעם פריסטער דעם קאָפּ פערדרעהט מיט פער־שיעדענע פראַגען״. ביי די ווערטער האָט ער מיר דערלאַנגט צוויי פינגער האַרטע, ווי אייזען און איז צוריק מיט די שוועסטער אין שטאָדט אַריין. איך האָב געשפּירט, אַז ווען נישט מיין אָפיצירישער מונדיר, וואָלט ער מיך אַודאי געהייסען איינזעצען. „מיינע אַלע בייזע חלומות, וואָס ס׳האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט דאָס יאָהר און פאַראַיאָהרען. זאָלען אויסגעהן צו זיין קאָפּ און צו זיין לייב און לעבען״ — האָב איך גע־זאָגט אויפ׳ן קול צו מיר אַליין.

איך בין אַרויס הינטער דער שטאָדט. אַלע פעלדער אַרום זע־נען געווען פול מיט בערגלעך פון פערשיעדענער הויך. אַזוי ווי איך בין שפּעטער געוואָהר געוואָרען, זענען דאָס כינעזישע קברים, וואָס אונטערשיידען זיך נאָר מיט זייער הויך, ווייל די מעהר חשוב׳ע מתים בעקומען נאָכ׳ן טויט עטליכע לאָפּאַטעס בלאָטע מעהר, ווי די פּשוטע

מתים. זיי טהוען אייגענטליך קלוגער, ווי מיר, וואָס מיר זענען זיך נוהג אַזוי ביים לעבען...

די כינעזער זענען מקבר די מתים וואו ס'איז: ביי זיך אינ'ם הויף אינ'ם גאָרטען אָדער מייסטענטיילס אויף די פעלדער הינטער דער שטאָדט. דער בית־הקברות איז אָהן אַ שום פּאַרקאַן, אַ מצבה זעהט מען זעלטען, ס'איז לייכט צו פערשטעהן אַז די הונגעריגע הינט און די חזירים, וואָס זייער צאָהל איז אין מאַנדזשוריען גענוג גרויס, בעל־הבתי'ווען דאָרט, ווי ביי זיך אין דער היים. דאָס איז אַ זעהר אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג: פון איין זייט אַ שטאַרקע אמונה אינ'ם לעבען אויף יענער וועלט (השארת הנפש) און אַ גרויסער קולט פון כבוד אב אַפילו נאָכ'ן טויט. — אין דעם בעשטעהט אייגענטליך כמעט די גאַנצע רעליגיע פון די כינעזער — און פון דער צווייטער זייט די גרעסטע גרינגשעצונג פון די קברים, אַ חוץ די קברים פון די מלכים. און אויב עמיצער מיינט, אַז די כינעזער זאָרגען נאָר פאַר דער נשמה און נישט פאַר'ן גוף, איז ער זיך טועה, וויל פאַר דעם כינעזער איז די גרעסטע חרפה בעגראָבען צו ווערען אָהן עפּעס אַ טייל פונ'ם גוף. און ווען אַ פערברעכער, למשל, ווערט געקעפּט, בעמיהען זיך זיינע קרובים מיט געלד אָדער פּראָטעקציע אַרויסצובעקומען דעם קאָפּ כדי איהם צו בעגראָבען צוזאַמען מיט'ן גוף. אַפילו די סריסים ווערען נישט אָנגענומען אינ'ם קייזערליכען הויף, אויב זיי ברענגען נישט מיט זייערע אויסגעשניטענע אברים. די כירורגען ווייסען פון דעם סוד און קאָנסערווירען די אויסגעשניטענע אברים אין עסיג, אָדער אין ספּירט, כדי שפּעטער זיי צו פערקויפען פאַר אַ סך געלד.

די קבורה איז ביי די כינעזער פערוויקעלט מיט אַ סך מנהגים און דער מת ווערט נישט אַזוי גיך בעגראָבען, ווי ביי אונז. דער מת ווערט אַריינגעלעגט אין אַנ'אָרון אין די זעלבע מלבושים, ווי ביים לעבען. די הענט ליגען אויף דער ברוסט און מען שטעקט אַריין אין זיי אַ בייטש, כדי ער זאָל זיך קאָנען ווערען אָקעגען די הינט, וואָס לאָזען נישט רוהען אַפילו אויף יענער וועלט. דער אָרון בלייבט שטעהן אין פאָדער־הויז אָדער אין דער שטוב גופא, אָפטמאָל אַפילו עטליכע חדשים, וויל דער טאָג פון דער קבורה איז אָבהענגיג פון אַ סך זאַכען, ווי, למשל, פונ'ם חודש, פונ'ם שטאַנד פון די שטערען ובדומה. נעבען אָרון צופיסענס ברענט אַ נר־תמיד. ס'האָט מיר דערצעהלט

אַ קאָלעגע, וואָס האָט געוואוינט לאַנג אין מאַנדזשוריען, און האָט זיך בעקענט מיט אַלע דאָרטיגע מנהגים, אַז די כינעזער בענוצען אָפט דעם אָרון במשך פון עטליכע חדשים אַלס אַ טיש און מאַכען זיך גאַנץ ווייניג דערפון, וואָס דער מת פוילט און פונ'ם אָרון שלאָגט אַ שרעק־ליכער ריח. דאָס פערשאַרפט נאָך זייער אַפּעטיט. שטאַרבט אַ זוהן, בשעת דער פאָטער לעבט נאָך, טאָר ער נישט קומען צו קבורה פאַר דעם פאָטער'ס טויט. דאָס איז איינער פון די דינים פון כינעזישען כבוד־אב.

5

נישט קוקענדיג אויפ'ן קריעג האָבען די כינעזער געוואוינט אין טיילין גאַנץ געמיטליך אין די „פאַנזעס" צוזאַמען מיט די חזירים און מיט די הינט, וועלכע זיי האָבען זעהר ליעב און האָבען זיך ער־נעהרט מיט ירקות און מיט אַלץ, וואָס לעבט, אַפּילו מיט אומפלייט...

די צאָהל איינוואוינער האָט דעמאָלט דערגרייכט ביז פופציג טויזענד. איך האָב זיי, פערשטעהט זיך, נישט אונטערזוכט, די פּע־סער זייערע האָב איך אויך נישט קאָנטראָלירט און פונדעסטוועגען קאָן איך פערזיכערען, אַז צווישען זיי איז נישט געווען קיין אייב־ציגער איד און אַפּילו נישט קיין כינעזער בן דת משה.

פאַרוואָס בין איך עפּעס אַזוי זיכער? ווייל איך בין דאָרט געווען גראָד אין די טעג, ווען די אידישע אומה לאָזט זיך לייכט דערקענען, הגם זי גאָלט זיך אָב, אָדער טראָגט אַ לאַנגען צאָפּ. איך בין דאָרט געווען אום ראש־השנה.

איך געדענק אַ הערר אין צירין, ער האָט געהאַט אַ בוכהאַנ־דעל און איך פלעג דאָרט זיין אַ יוצא ונכנס. אויסגעזעהן האָט ער ווי אַ טיפּישער שווייצאַר, פּשוט אַן'איינציקעל פון ווילהעלם טעל. גע־רעדט האָט ער שווייצאַריש, אַז איך האָב איהם קוים פערשטאַנען. אויף די רוסישע סטודענטען און נאָכמעהר אויף די סטודענטקעס פלעגט ער אויסרעדען אסור לדבר — אונטער דעם נאָמען „רוסישע" האָט מען דאַמאָלס געמיינט אידען—וועגען שחיטה האָט ער גערעדט מיט שוים אויף די ליפּען. וואָס־זשע טהוט גאָט? בעגעגען איך איהם ערב יום־כיפּור פאַרנאַכט נעבען דער סינאַגאָגע אין אַ צילינדער אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ ווייסען שניפּס. ער איז געגאַנגען געאָרעמט מיט אַ נידעריגער

דיקער פרוי, וואָס איז געווען זעהר עהנליך צו איינער פון בשן׳ס קיה. זי איז געווען אָנגעטהון אין זיידענס פון קאָפּ ביז די פיס און אויף אַלע דיקע פינגער האָבען געגלאַנצט גאָלדענע רינגען מיט בריליאַנטען. אין דער לינקער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ מיקראָסקאָפּיש טלית־זעקעלע, בשעת ער האָט מיך דערזעהן, איז ער נעבעך רויט געוואָרען. איך האָב אויף איהם געקוקט מיט גרויס נקמה און ער האָט דאַמאָלס געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון דעם שווייצער־קעז, וואָס טויבע די פּוטער־אידענע פלעגט צו מאַכען אין לובלין הינטער׳ן שלאָס. איהר קעז האָט אויסגעזעהן פּונקט ווי שווייצער־קעז, די לעכער זענען אויך געווען עהנליך, נאָר דער ריח איז געווען אַ ביסעל אַ שלעכטער..

אין טיעלין האָב איך נישט געפונען נישט קיין סינאַגאָגע, נישט קיין שוהל אָדער בית־המדרש, און אַפילו נישט קיין שטיבעל, און מיר, עטליכע דאָקטוירים מיט אַ מנין זעלנער, האָבען זיך אום ראש־השנה פערזאַמעלט אין אַ קאַמער אָהן פענסטער, און איך מוז מודה זיין, אַז די גאַנצע קראַפט און מאַיעסטעט פון „ונתנה תוקף” האָב איך ערשט דערשפּירט דאָרט צווישען די זעלנער און באַראַבאַנשטשיקעס — פּויקער בלע״ז — הגם ס׳האָט קיינער נישט געזונגען מיט קאָלאָראַטורען און רולאַדען אַלאַ מאַזיני.

אויף דער גאַס האָב איך אום ראש־השנה בעגעגענט אַ שוואַרצען יונגעמאַן, וואָס איז געווען אָנגעטהון אין אַ לאַנגען שוואַרצען ראָק, אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ הויכע יאַרמולקע און אונטער׳ן אָרעם האָט ער געהאַלטען אַ דיקען ספר. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ קאַנטאָר, אָדער אַ פּרעדיגער, אָבער מיט דער הילף פון אַ ווערטער־בוך בין איך פון די פערבייגעהענדיגע געוואויר געוואָרען, אַז דאָס איז אַ קאָרעאַנישער פּריסטער. נישט קוקענדיג דערויף בין איך פּאָרט צו איהם צוגעגאַנגען, ווייל עס קאָן זיך אַמאָל טרעפען, האָב איך מיר געטראַכט, אַז אין דער הויט פון אַ קאָרעאַנישען פּריסטער ליגט פּאָרט אַ ליטוואַק, איך האָב מיר אָבער איבערצייגט, אַז ער איז אין אמת׳ן אַ גוי גמור.

נישט ווילענדיג האָב איך אין טיעלין בייגעוואוינט אַנ׳עקזעקוציע פון אָבהאַקען דעם קאָפּ (קאַנטאַמי), וואָס אָהן דעם קאָן נישט עקזיסטירען קיין שום אָרענטליכע כינעזישע שטאָדט. געהענדיג אויף דער הויפּט־גאַס האָב איך בעגעגענט אַ פּראָצעסיע, וואָס ביי אונז אין

איירָאפּא קאָן מען זי זעהען נאָר אין טעאַטער אויף די אַלטע איטאַליענישע אָפּערעס. פּאָראויס זענען געריטען אויף פערד צוויי העראָלדען, וואָס האָבען געבלאָזען אויף לאַנגע טרומייטען, ווי אין „אאַידאַ״, נאָך זיי האָט מען געטראָגען אונטער אַ חופה דעם העכסטען שופט — אַ בעיאָהרטען כינעזער מיט אַ פּאָר גרויסע ברילען, פון הינטען איז געריטען אַ גרויסע כינעזישע קאַוואַלעריע־אָבטיילונג און צווישען די רייטערס האָב איך דערזעהן עטליכע איינפאַכע פוהרען, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען עטליכע יונגע מענשען. זיי זענען געווען אויסגעטהון נאַקעט ביז צום נאָפּעל. זייערע הענד זענען געווען פון הינטען שטאַרק פערבונדען מיט שטריק און זייערע פיס זענען געשטאַנען אין לעכער פון גראָבע ברעטער. די פערבייגעהענדע רוסישע זעלנער האָבען מיר ערקלערט, אַז דאָס זענען פערברעכער פערמשפּט׳ע צום טויט.

איך האָב ערגעץ געהאַט געלעזען, אַז די כינעזער געהען צום טויט קאַלטבלוטיג רבונו של עולם! דאָס האָט אַוודאי געשריבען אַ מענש, וואָס האָט דאָס קיינמאָל נישט געזעהען. די פּנים׳ער פון די פער׳משפּט׳ע זענען געווען שרעקליכע. שוואַרץ ווי די ערד. די אויגענעפּעל זענען געווען גרויס, און דער קוק זייערער איז געווען, ווי ביי משוגעים. זיי זענען געווען געבונדען און אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט מיליטער, און פונדעסטוועגען האָבען זיי מיט די פערצווייפעלטע אויגען געזוכט אַנ׳אָרט, אפשר איז מעגליך צו ענטלויפען. איך געדענק, ווי אין חדר האָב איך אָפּט געזעהן אַנ׳אויטאָ־דא־פע, וואָס דער בעהעלפער האָט אויסגעפיהרט אויף די געכאַפּטע מייז. די דראָטענע שטייג, וואו די מייז האָבען זיך געפונען, האָט ער אָנגעפּאַקט מיט שטיקלעך פּאַפּיער, וועלכע ער האָט בעגאָסען מיט נאַפט און האָט זיי אונטערגעצונדען. די אומגליקליכע מייז האָבען זיך געבען געוואָרפען פון איין וואַנד צו דער אַנדערער, האָפענדיג צו געפינען אַנ׳אָרט צו ענטלויפען.

דער רבי מיט דעם בעהעלפער און מיט די תלמידים האָבען זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקען און זענען שיעור נישט צוזעצט געוואָרען פון געלעכטער. די פער׳משפּט׳ע אויף די פוהרען האָבען מיט זייער אויסזעהן דערמאָנט די ברענענדיגע מייז. אָבער דאָסמאָל האָט זיך מיר נישט געלאַכט. נאָך די פוהרען איז נאָכגעלאָפען אַ גרויסער המון. איך האָב נישט געהאַט דעם מינדעסטען חשק בייצוּוואוינען די טויט־שטראָף,

ווייל זעהענדיג די פנים׳ער פון די פער׳משפט׳ע איז מיר שוין קאַלט געוואָרען אין אַלע אברים. אָבער דער המון האָט מיך מיט צוויי קאָ־לעגען מיטגעשלעפט אַ הונדערט טריט. און איידער איך האָב מיך אומ־געקוקט, איז שוין כונדערוויטענס אָבגעשפרונגען אַ קאָפּ און פון דעם קערפּער האָט אַ שפּריץ געטהון בלוט, ווי פון אַ פאָנטאַנקע. אַ הויכער כאַאָ — אונזער בראַווּאָ — האָט פערהילכט די לופט.

איך האָב מיך קוים אַרויסגעקריגען. פון די צוויי קאָלעגען, וואָס זענען דאָרט איבערגעבליבען, איז איינער צוריקגעקומען בלייך, ווי קאַלך, איך האָב איהם קוים דערקענט. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך. דער צווייטער, אַ וועניג עמפּפינדליכער פער־שוין, איז דאָרט געווען ביז׳ן סוף און האָט גאַנץ קאַלטבלוטיג דער־צעהלט, ווי אַזוי דאָס קעפּען איז צוגעגאַנגען.

ס׳געהט צו זעהר פלינק, האָט ער געזאָגט. תלינים זענען פער־האַן דריי: איינער פון זיי שטעהט פון פאָרענט און מיט׳ן שטריק, וואָס איז פעכט צוגעבונדען צום צאָפּ, ציהט ער דעם קאָפּ פון פער־משפט׳ען צו זיך, דער צווייטער שטעהט פון הינטען און ציהט מיט דעם שטריק, מיט וועלכען עס זענען פערבונדען די הענט, דעם גוף צו זיך און דער דריטער האַקט אָב מיט איין קלאַפּ דעם קאָפּ מיט אַ שאַרפער האַק.

דער המון שרייט כאַאָ, נישט ווייל ער איז אַנ׳אכזר און בלוט־דורשטיג, נאָר פון צופרידענהייט, אַז דער פער׳משפט׳ער האָט זיך נישט געמאַטערט און איז מאָמענטאַל גע׳הרג׳עט געוואָרען.

דאָס קעפּען פון פיער פער׳משפט׳ע האָט, ווי דער קאָלעגע האָט איבערגעגעבען, געדויערט אינגאַנצען עטליכע מינוט. די תלינים קע־בען גוט זייער פאַך.

צו דער פראַנצויזישער גיליאָטינע זענען נאָך די כינעזער נישט דערוואַקסען.

XI.

אינ׳ם פיערטען סיבירישען פאָלק

אינ׳ם פאָלק. — אנ׳אמת׳ע זומער-תאוינונג. — פאר א שלאכט בע-קומען די אָפיצירען פערשיעדענע וועהטאָגען. — איך ווער צייטווייליג קאָמענדאנט אין א צייטווייליגען סאניטארען צוג. — דער שלעכטער סאניטאריש-היגיענישער צושטאנד. — איך געה צוריק אין רעזערוו.

נאָך עטליכע טעג מנוחה אין טיעלין האָט מען אָנגעהויבען אונז צו צושיקען אין פערשיעדענע מקומות, בכדי צו פערשטאָפען די לע-כער, וואָס האָבען זיך געבילדעט נאָך דער מפלה ביי לאַאָיאַן סיי אין די פאָלקען, סיי אין די שפיטעלער. מיט דעם מאָמענט, וואָס מיר האָבען בעקומען פערשיעדענע בעשטימונגען האָט זיך אונזער קאָ-לאָניע דאָקטוירים, וואָס האָט זיך געהאַלטען פון כאַרבין אָן צוזאַמען סאָלידאַריש, צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, פונקט ווי אין לעבען, אויף שטאָלצע און צופרידענע — די, וואָס האָבען בעקומען צייטווייליגע שטעלעס אין שפיטעלער—אין אויף דערשלאָגענע און אונצופרידענע—די, וואָס האָבען געמוזט פאָהרען אויפ׳ן פראָנט.

דער פראָנט האָט געהאַט אַ שלעכטען שם. הגם עס איז געווען אַ ידוע לכל, אַז דאָס עסען איז אַ סך בעסער, ווי אין די שפיטעלער און אַז קיין אַרבייט איז לגמרי נישטאָ ווען עס איז רוהיג. פאַר אַ שלאַכט האָט מען אויך נישט מורא געהאַט, ווייל דאָקטוירים זענען דאַמאָלס געווען אויסער געפאַהר. דער עולם האָט אָבער מורא גע-האַט פאַר׳ן לויפען. עס איז געווען אַ מלחמה, אויף וועלכער מען

האָט געהאַלטען אין איין לויפען, נישט דוקא ווען די יאַפּאַנער האָבען געיאָגט, נאַר ביי דעם מינדעסטען שאָרך. עס איז געווען אַנ'אמת'ע תוחלה.

אין מיין זכרון איז געבליבען אַ קליינשטעדטעלדיגער דאָקטאָר, אַ גרויסער נעראַכטעניקער, וואָס האָט שרעקליך מורא געהאַט פאַר'ן פראָנט. האָט איהם דער אויבערשטער געבענשט מיט אַנ'אָנצינדונג פונ ם .נאָגעל אויפ'ן גראָבען פינגער פון דעם רעכטען פוס און ער פלעגט אונטערהינקען, אָבער נאָר דאַמאָלס, ווען ער פלעגט געהן אין קאַנצעלאַריע געוואָהר ווערען, וואוהין מען וועט איהם פערשיקען. זאָל דער סעקרעטאַר זעהן... האָט ער בעקומען אַ שטעלע אין אַ שפּיטאָל, האָט ער אויפגעהערט צו הינקען. האָט מען ווידער אָנגעהויבען צו רעדען פון טראַנסלאָקאַציעס, האָט ער ווייטער אָנגעהויבען צו הינקען. אַזאַ קונציגער נאָגעל איז דאָס געווען. דער דאָקטאָר האָט מיר דערמאָהנט מיינעם אַ בעקאַנטען פון אָדעס, וואָס פלעגט דערצעהלען, אַז וויבאַלד מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען מלחמות, האָט ער קודם כל אַרויסגענומען אַ טערקישען פּאַס...

איך האָב בעקומען אַ צייטווייליגע שטעלע אין פיערטען סיבירישען פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען הינטער מוקדען, און איך האָב עס מקבל באהבה געווען. אין דער מלחמה, ווי אויך שפּעטער אין דער וועלט־מלחמה, בין איך שטענדיג געווען אַ פאַטאַליסט און בין אָהן חכמות געגאַנגען אַהין, וואוהין מען האָט מיך געשטופּט.

ביז מוקדען בין איך געפאָהרען מיט דער באַהן און פון מוקדען זענען מיר, פיער דאָקטוירים, — אויפ'ן זעלבען אָרט זענען איינער נעבען אַנדערען געשטאַנען פיער סיבירישע פּאָלקען — געגאַנגען צו פוס, ווייל עס איז געווען אַ קליינער מהלך.

אינ'ם פּאָלק בין איך אָנגעקומען אַרום צוועלף בייטאָג און איך האָב מיך תיכף ומיד פאָרגעשטעלט דעם הויפּט־דאָקטאָר. דאָס איז געוועזען אַנ'עלטערער מענש, אַ גרויליכער מיט אַ זעהר גרויסען פליך. ווי איך בין שפּעטער געוואָהר געוואָרען איז דאָס געווען אַנ'אַלטער בחור, עפּעס אַ מיזאַנטראָפּ, וועלכער האָט זיך מיט קיינעם נישט געמישט, געוואוינט האָט ער אין דעם וועגעלע מיט'ן רויטען קרייץ, וואָס יעדער פּאָלק פלעגט צו האָבען פאַר זעלנער, וואָס זענען קראַנק געוואָרען אויפ'ן וועג. דאָרט איז ער געשלאָפען און דאָרט האָט ער געגעסען איינער אַליין. אינ'ם פּאָלק האָט ער געהאַט אַ שם פאַר אַ

משוגענעם און קיינער האָט זיך צו איהם נישט געווענדעט. פון איהם בין איך געגאַנגען פאַרשטעלען זיך דעם פּאָלקאָווניק, וועלכען איך האָב געטראָפען פונקט ביי מיטאָג אין דער געזעלשאַפט פון אַ צוואַנ-ציג אָפיצירען און אַ פּאָפּ. קיין שטוהלען און קיין טיש איז נישט געווען. מען איז געזעסען אויף אַ לאָנקע אין דער פאָרם פון אַנ׳-עיגול, ווי אַרום אַ קיילעכדיגען טיש, און בכדי צו האָבען וואוהין אַראָב-צולאָזען די פיס, איז געװען געמאַכט אַרום און אַרום אַ טיפער גרובען.

דער פּאָלקאָווניק מיט דער חברותא האָבען מיך זעהר פריינד-ליך אויפגענומען און מען האָט מיך טאַקי אויפ׳ן רעכטען אמת פער-בעטען צום עסען: „אפשר ווילט איהר, דאָקטאָר, אַ גלאָז מינכנער?״— האָט מיך געפרעגט דער אָפיציר, הממונה אויף בעל-הבתישקייט. „זעהר גערן״ — האָב איך געענטפערט, זייענדיג פעסט איבערצייגט, אַז ער מאַכט חוזק. אָבער ווי פערוואונדערט בין איך געווען, ווען דער דענשטשיק האָט אַנידערגעשטעלט נעבען מיר אַ גלאָז שפּאַטען.

נאָכ׳ן עסען האָב איך ערלעדיגט אין דער קאַנצעלאַריע די נויטיגע פאָרמאַליטעטען און דער אָפיציר, דער בעל-הבית, האָט מיך פערבעטען אין זיין געצעלט, וואו איך האָב געטראָפען נאָך צוויי אָפי-צירען און דעם פּאָפּ. מען איז דאָרט געזעסען גאַנץ געמיטליך און מען האָט געטרונקען קאַווע מיט בענעדיקטינקע. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט דער פּאָלק געהאַט אַ גרויסען זאַפּאַס פון כל טוב, וואָס זיי האָבען אין זיין צייט בעקומען פון פּאָרט-אַרטור.

איך האָב מיך אין פּאָלק געשפּירט זעהר גוט. די לופט איז געווען אַ ריינע, די ערנעהרונג אַ גוטע און בעשעפטיגונג כמעט גאָר-נישט. אַנ׳אמת׳ע זומער-וואוינונג. איין זאַך איז געווען אונאַנגענעהם, וואָס די נעכט זענען שוין געווען קאַלטע, אָבער דער עבד כנעני, דער דענשטשיק, האָט מיך יעדע נאַכט אַרומגעלעגט מיט אַזוי פיעל זאַכען, אַז ס׳איז מיר געווען וואַרעם און איך געדענק נישט די צייט, אַז איך זאָל אַזוי געשמאַק שלאָפען, ווי דאַמאָלס.

דער צווייטער „יונגערער דאָקטאָר״ אינ׳ם פּאָלק איז געווען אַנ׳-אמת׳ער מיליטער-אַרצט, אַ וואוילער יונג פון פּעטערבורג. מיר זע-נען געוואָרען בעפריינדעט און ער האָט מיר איבערגעגעבען פּרטים פון די הינטער-קוליסען פונ׳ם פּאָלק, ווי איינער וויל דעם צווייטען אַרויס-בייסען. ווי מען בענקט נאָך אַנאָרדער וכדומה. איינמאָל, ווי מיר זע-נען אַזוי געזעסען אינ׳ם געצעלט און האָבען געשמועסט, איז אַריינגעקומען

דער פּאָלקאָווניק און האָט זיך געקלאָגט אויף בויכוועהטאָג. מיר האָבען איהם געגעבען עטליכע טראָפּען אָפּיום. ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, זאָגט צו מיר דער קאָלעגע: „איהר ווייסט, עס איז אַ שלעכטער סימן, עס וועט אַודאי אין קורצען פאָרקומען אַ שלאַכט, ווייל דער פּאָלקאָווניק האָט שוין בעקומען בויכוועהטאָג". „דאָס חזר'ט זיך איבער יעדעס מאָל פאַר אַ שלאַכט"—האָט ער מיר ווייטער ערקלערט—„יעדער פון זיי וואָלט דעמאָלט געוואָלט אַריינכאַפּען זיך אין אַ שפּיטאָל". מיר האָבען נאָך נישט געהאַט געענדיגט אונזער געשפּרעך, ווי עס איז אַריינגעקומען דער קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן און האָט געבעטען אַ פּראָשעק צו קאָפּוועהטאָג. אַזוי ווי דער קאָלעגע האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט עטליכע שלאַכטען, האָב איך איהם געפרעגט, צי דאָקטוירים זענען דאַמאָלס אויך אין געפאַהר? ער האָט מיר ערקלערט, אַז ניין. „מען שטעלט אונז אַפילו אַמאָל אויף אַ געפעהרליך אָרט — האָט ער געזאָגט — אָבער מיר רוקען זיך אָב אַ ביסעלע ווייטער, וואו עס דראָהט נישט קיין געפאַהר, בפרט אַז מיר ווייסען פאָראויס, אַז מען וועט באַלד ענטלויפען".

דעמזעלבען אָווענד איז צו מיר אַריינגעקומען דער אָפיציר הממונה על הבעל-הבתישקייט און האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל איהם אָבשיקען אין שפּיטאָל אַריין, ווייל ער האָט האַרצקלאַפּעניש. אַהאַ — האָב איך מיר אַ טראַכט געטהון — דאָס איז געווען דער שפּאַטען און די בענעדיקטינקע! איך האָב איהם אונטערזוכט און האָב איהם געפונען פעליג געזונד. זעלבסטפערשטענדליך, האָב איך איהם אָבגעזאָגט און ער איז אַרויסגעגאַנגען ברוגז.

אין אַ צעהן טעג אַרום איז טאַקי פאָרגעקומען אַ שלאַכט, אין וועלכער אונזער פּאָלק האָט גענומען אַ גרויסען אָנטייל, אָבער איך האָב זי נישט בייגעוואוינט, ווייל עטליכע טעג פריהער האָט מען מיך דעלעגירט קיין כאַרבין צו ברענגען מעדיקאַמענטען, וועש און פערשיעדענע אַנדערע נויטיגע זאַכען. צו הילף האָט מען מיר מיטגעגעבען אַ פעלדשער, אַנ'עלטערען זעלנער פון זאַפּאַס. אין טיעלין האָט ער ביי מיר געבעטען אַ אורלויב אויף צוויי טעג, ווייל ער האָט דאָרט געהאַט אַ געוועלב, אין צוויי טעג אַרום האָט ער געזאָלט קומען צו מיר קיין כאַרבין. איך האָב איהם אָבער שוין מעהר נישט געזעהן.

איך האָב אין כאַרבין אַלץ ערלעדיגט און בין צוריקגעפאָהרען אין פּאָלק אַריין, הגם מען האָט מיך געוואָרענט, אַז איבער דער

שלאַכט, וואָס קומט־פאַר נישט ווייט פון מוקדען, ווען איך דעם פּאָלק נישט געפונען. ווען איך בין אָנגעקומען קיין מוקדען, האָט פשוט די ערד געציטערט פון דער שיסעריי און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט געוואָהר ווערען, וואו איז ערגעץ דער פּאָלק. איך האָב דאָרט געטראָפען דעם „קאַזנאַטשעי" פון פּאָלק, וועלכער האָט אויך נישט געוואוסט, וואו דער פּאָלק איז, און מיר האָבען זיך אָבגערעדט צו־זאַמען צו פאָהרען, וויבאַלד מיר וועלען האָבען אַ ריכטיגע ידיעה. איינער אַ וויצלינג האָט מיר אַפילו געראַטען זיך צו ווענדען טעלע־גראַפיש צום יאַפּאַנישען שטאַב. דאָרט — האָט ער געזאָגט — וועט מען אייך שוין גוט אינפאָרמירען, וואו אייער פּאָלק געפינט זיך. געוואוינט האָב איך אין אַ וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן באַהנ־הויף, און וועלכען מען פלעגט עטליכע מאָל אין מעת־לעת איבער־רוקען אויף פערשיעדענע ליניעס. איך האָב איהם געמוזט שטענדיג אַרומזוכען.

אויפ'ן באַהנהויף איז געווען איינגעאָרדענט דאַמאָלס אין אַ גרוי־סען געצעלט אַ פערבאַנדאַזשירונגס-פונקט. וואו ס'זענען געווען בע־שעפטיגט עטליכע דאָקטוירים. איך האָב פשוט געהאַט געוויסענסביסען אַרומצודרעהען זיך פוסט און פאַסט, ווערהענד אַנדערע אַרבייטען ביי־טאָג און ביינאַכט און איך האָב אָנגעהויבען דאָרט צו אַרבייטען פריי־וויליג עטליכע שעה אין טאָג. אַמאָל פאַרנאַכט האָט מיך איינער פון די קאָלעגען געבעטען, אַז איך זאָל איהם פערטרעטען ביז צוועלף, ווייל ס'זענען געקומען בעקאַנטע שוועסטער, מיט וועלכע ער וויל פערברענגען דעם אָוועגד. איך בין בעשטאַנען. אַרום צעהן, ווען ס'איז געווען גראָד שטיל און איך האָב געלעזען אַ בוך, איז פלוצלינג אַריינ־געפאַלען מיט גרויס אימפעט עפּעס אַ גענעראַל און טהוט מיר אַ זאָג: „אין אַ שעה אַרום וועט איהר אָבפאָהרען קיין כארבין מיט אַ סאַני־טאַר-צוג — 800 פערוואונדעטע. אַזוי ווי ס'איז דאָ ווענִיג פרייע אָפי־צירען, וועט איהר אויך זיין דער קאָמענדאַנט פונ'ם צוג. פערשטאַ־נען?" — „עקסעלענץ!" — האָב איך געענטפערט — „איך קאָן נישט אָבפאָהרען פון דאַנען, ווייל איך מוז פאָהרען אין פּאָלק אַריין". „צי איהר ווייסט, ווער איך בין?" — האָט ער שטאָלץ אַ פרעג געטהון און נישט וואַרטענדיג אויף תשובה האָט ער צוגעגעבען: „איך בין גענעראַל יעזיערסקי, נאַטשאַלניק איבער דעם סאַניטאַרען טייל פונ'ם גאַנצען ראַיאָן. איך בעפעהל אייך! אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט

איהר בעקומען אלע נויטיגע פאפירען און פינף הונדערט רובעל אויף ערנעהרען די פערוואונדעטע, צו הילף וועט מיט אייך מיטפאהרען אנ׳ארצט פונ׳ם רויטען קרייץ". ער האט אבגעזאגט און איז פערשוואונדען געווארען. איך בין אריבערגעלאפען אין וואגאן צו׳ריין נאך מיינע זאכען. צום שלים-מזל האב איך איהם געמוזט ארומזוכען א גוטע האלבע שעה.

ארום צוועלף בין איך מיט מזל געווארען א קאמענדאנט פון א סאניטארען צוג. ס׳איז טאקי געווען א גרויסער כבוד אבער איך האב פארט געהאט א ביסעל מורא, ווייל דער קאמענדאנט איז פעראנטווארטליך פאר אלץ, פאר׳ן ערנעהרען און בעהאנדלען די פערוואונדעטע, פאר דערווירטשאפט וכדומה, אבער געה מאך בעסער!

דער סאניטארער צוג איז געווען א צייטווייליגער, צונויפגעשטעלט פון די בעקאנטע טיעפלושקעס, אהן דעם מינדעסטען צייכען פון וועלכע ס׳איז בעקוועמליכקייטען, אהן שום נויטיגע מכשירים אפילו אהן א קוך, און עסען און טרינקען פאר די פערוואונדעטע האב איך געמוזט קויפען אויף די שפייז-פונקטען. ס׳האט געדויערט עטליכע שעה, ביז איך מיט מיין געהילף האבען ווי ס׳איז בעקוקט די פערוואונדעטע. דער גרעסטער טייל פון זיי, סיי זעלנער סיי אפיצירען, האבען געהאט וואונדען אינ׳ם בויך און געלעגען זענען זיי אלע כמעט אויף דער בלויזער פאדלאגע און די וואגאנדלעך האבען זיך געטרייסעלט בשעת דעם פאהרען, ווי אין קדחת. דאס הארץ האט וועה געטהון דאס צוצוקוקען, ס׳איז געווען אנ׳אמת׳ער גיהנום אויסצוהערען דאס קרעכצען און דאס יאמערען פון די אומגליקליכע פערוואונדעטע און נישט צו קאנען זיי העלפען מיט וואס ס׳איז. אויף די קלענסטע סטאציעס האב איך געמוזט פערהאלטען דעם צוג, ווייל אויפ׳ן וועג זענען א סך געשטארבען און איך האב זיי געמוזט איבערגעבען דעם ארטיגען זשאנדארם, וועלכער איז געווען פערפליכטעט זיך צו בעשעפטיגען מיט דער קבורה. יעדער פערוואונדעטער האט בעדארפט האבען א צעטעלע, אויף וועלכען ס׳איז געווען אויפגעשריבען זיין נאמען און דער נאמען פונ׳ם פאלק, וואו ער האט געדיענט. אבער זעהר א סך האבען די צעטעלעך נישט געהאט און מען האט נישט געוואוסט, וועמען בעגראבט מען.

פארטאג זענען מיר אנגעקומען אויף א גרעסערע סטאציע—דעם נאמען געדענק איך נישט—וואו ס׳איז געשטאנען א הערליכער סאניטא-

צוג מיט אַלע בעקוועמליכקייטען, וואָס האָט זיך געקליבען קיין מוק־דען אויפצונעהמען פערוואונדעטע. איך האָב מיך נישט געפוילט און האָב געהייסען אויפוועקען דעם הויפט־דאָקטאָר פונ׳ם צוג. איך האָב מיך ענטשולדיגט. די זאַך איז זעהר דרינגענד. — האָב איך ער־קלערט, — מענשען מיט וואונדען אינ׳ם בויך ליגען כמעט אָהן שום מעדיצינישע הילף אויף דער פּאָדלאָגע, די טיעפלושקע טרייסעלט שרעקליך און זיי פאַלען נעבעך, ווי די פליגען. וואָס איך פערלאַנג? איך פערלאַנג, אַז ער זאָל ביי מיר צונעהמען לכל הפחות די אַלע, וואָס האָבען אינערליכע וואונדען. דער הויפּט־דאָקטאָר איז נישט בע־שטאַנען.

„זאָלט איהר צו מיר נישט האָבען שפּעטער קיין פרעטענזיע״— האָב איך געזאָגט אויפגערעגט, „אַז איך וועל באַלד איבער דעם טע־לעגראַפירען צו טרעפּאָוו׳ען — ער איז געווען דאַמאָלס דער הויפט־נאַטשאַלניק איבער דער סאַניטאַרער טייל פונ׳ם גאַנצען פראָנט. — „טעלעגראַפירט!״ — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט קאַלטבלוטיג. איך בין צרויסגעגאַנגען פונ׳ם דאָקטאָר אַפילו אָהן אַ זייט געזונד. אָבער תוך כדי דבור האָט מיך דער דאָקטאָר צוריקגערופען. אייגענטליך טאָר ער דאָס נישט טהון, האָט ער מיר ערקלערט. אָבער, ווי איך האָב איהם איבערגעגעבען, איז די לאַגע פון די פערוואונדעטע אַ זעהר שרעקליכע, נעהמט ער די אחריות אויף זיך און וועט ביי מיר צו־נעהמען די בויך־פערוואונדעטע. ס׳איז מיר אַראָבגעפאַלען אַ שטיין פונ׳ם האַרץ. פאַר אַ יאָהר אַכצעהן האָט מיך אַמאָל אויף קראָקאווער פאָרשטאָדט אין ווארשא אָבגעשטעלט אַנ׳אָפיציר. — „איהר דערקענט מיך אודאי נישט״ — האָט ער צו מיר געזאָגט, — „אָבער איך האָב אייך באַלד דערקענט, אַ דאַנק אייך בין איך געבליבען לעבען, איך בין איינער פון די, וואָס זענען געווען פערוואונדעט אינ׳ם בויך און איהר האָט אונז איבערגעטראָגען אין סאַניטאַרען צוג פון מאַריאַ פיאָדראָוונאַ״.

מיר זענען ווייטער געפאָהרען. אין טיעלין האָב איך מיט דער עלטסטער „שוועסטער״ איינגעקויפט די נויטיגסטע מכשורים, ווי, למשל, טשייניקעס, טעפּלעך, האַנדטיכער וכדומה. אַז די זעלנער וועלען די אַלע זאַכען אין כאַרבין צונעהמען — איך וויל נישט זאָגען אַוועק־גנב׳נען — און אַז איך וועל מוזען דעם דעפיציט דעקען פון מיין אייגענער קעשענע, — דאָס איז מיר דאַמאָלס גאָרנישט איינגעפאַלען.

גאַנצע צעהן מעת לעת האָט געדויערט, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין כאַרבין. דאָס איבערגעבען די פערוואונדעטע אין שפּיטעלער איז נישט געווען אַזוי לייכט, ווי ס׳רעדט זיך. די סטאַציע איז בכלל נישט געווען פאָרגעברייט צו אַזאַ גרויסער צאָהל צוגען, וואָס זענען אָנגעקומען פון דרום. מען האָט געהאַלטען, וואָס אמת איז, אין איין פערמעהרען די צאָהל ליניעס, אָבער דער צוטריט צו זיי איז געווען זעהר בעשווערט, דער צוג, וועלכען איך האָב געפיהרט, האָט זיך אָבגעשטעלט. אויב איך בין מיך נישט טועה, אויף דער 18־טער ליניע, אַלע זיעבצעהן זענען געווען כמעט פערשטעלט מיט וואַגאָנען און מען האָט געמוזט די פערוואונדעטע שלעפּען דורך די וואַגאָנען אָדער אָפטמאָל אַפילו אונטער די וואַגאָנען. דאָס האָט פערנומען זעהר אַ סך צייט, נישט רעדענדיג שוין פונ׳ם צער, וואָס עס האָבען געליטען דערביי די פערוואונדעטע און די סאַניטאַרען. נאָכ׳ן אָבגעבען די פערוואונדעטע אין די שפּיטעלער האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון מאַכען חשבונות, אָבגעבען דאָס בעל־הבתישקייט, פערפערטיגען סטאַטיסטיק וכדומה. ווען איך בין פריי געוואָרען בין איך געווען פּשוט גליקליך און בין צוריקגעפאָהרען קיין מוקדען זוכען דעם פּאָלק אַזוי ווי עס איז שוין געווען נאָך דער שלאַכט האָב איך לייכט אָבגעזוכט. אַ חוץ די צוויי דאָקטוירים האָב איך דאָרט נישט געטראָפען קיין איין און איינציגען אָפיציר פון די פריהערדיגע. טייל זענען גע׳הרג׳עט געוואָרען, טייל זענען עוואַקואירט געוואָרען אָדער האָבען בעקומען אַ פערוואונדונג אָדער אַ קראַנקהייט. ס׳איז געוואָרען גאָר אַ פרישער פּאָלק.

דער הויפּט־דאָקטאָר איז אויף מיר אַרויף מיט אַ „ויצעקו״: וואו בין איך אַזוי לאַנג געווען? ער האָט שוין געוואָלט שרייבען אַ ראַפּאָרט, אַז איך האָב דעזערטירט, נאָר דער יונגערער דאָקטאָר האָט איהם דערפון אָבגעהאַלטען. אָבער ווען איך האָב איהם געוויזען דעם בעפעהל פון דעם גענעראַל יעזיערסקי, האָט ער זיך באַלד בערוהיגט.

אַזוי ווי דער דאָקטאָר, וועמען איך האָב געהאַט פערטרעטען אינ׳ם פּאָלק, איז שוין געהאַט צוריקגעקומען, האָב איך שוין אינ׳ם פּאָלק נישט געהאַט וואָס צו טהון און בין צוריק אָבגעשיקט געוואָרען אין רעזערוו. בין איך, הייסט עס, צוריקגעפאָהרען קיין כאַרבין.

פונ׳ם פּאָלק זענען מיר געבליבען צוויי גוטע זאַכען: ערשטענס האָב איך די זכיה געהאַט צו זעהען די קיה פונ׳ם גענעראַל פאָן־

שטאקעלבערג, וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט פון אונזער פּאָלק — די קיה האָט ער מיטגעפיהרט פון אייראָפּא. צווייטענס, האָב איך דאָרט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען געריטען אויף אַ פערד און ס'איז גאָרנישט געווען אַזוי שווער, ווי איך האָב מיר דאָס געהאַט פאָר־געשטעלט. דאָס פערד האָט געהאַט אַ גוטען זאָטעל, דער דענטשטשיק האָט מיך זעהר פלינק אַרויפגעזעצט און איך האָב געריטען כאחד האדם. וואָס אמת איז, די שקאַפּע, אויף וועלכער איך האָב די זכיה געהאַט צו רייטען צום ערשטען מאָל, האָט געהאַט משותלח'ס יאָהרען און איז קוים געקראָכען.

דאָ האָט מען מיך ווידער בעשטימט אַלס אָרדינאַטאָר אין אַ שפּיטאָל, אָבער אין אַ חודש אַרום בין איך געוואָרען אַ מיטגליעד פון דער „עוואַקואַציאָנס־קאָמיסיע״. אַ ביסעל שפּעטער האָט מען מיך גע־שיקט קיין מוקדען, וואו איך האָב געאַרבייט אָדער אין אַ שפּיטאָל אָדער אין פערשיעדענע קאָמיסיעס אָדער געפיהרט קראַנקע און פער־וואונדעטע. אַזוי האָט מען זיך מיט מיר אַרומגעוואָרפען און נישט נאָר מיט מיר, נאָר כמעט מיט אַלע דאָקטוירים. די סאַניטאַרע אָבטיי־לונג האָט מעהר נישט געהאַט וואָס צו טהון, נאָר איבערצוואַרפען דאָקטוירים פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען. ווי אַזוי דאָס האָט בע־ווירקט אויף די מעדיצינישע־סאַניטאַרע טעטיגקייט — איז לייכט צו פערשטעהן.

X.

ערב יום כפור אויף די קברים פון די קיסרים הינטער מוקדען

דער פאָלק אין שכנות פון די קברים פון די כינעזישע קיסרים אין פולין. — אויסטערלישע חלומות. — מיר קלייבען זיך אויף די קברים. — די ראָמאַנטישע שוועסטער. — מיר בעקוקען די גרויסע געביידע, וואו ס'געפינען זיך די קברים. — אין פאַרק זיצען עטליכע אידישע זעלנער און זאָגען תהלים.

דער פיערטער סיבירישער פאָלק איז געשטאַנען אין פולין, אַ קליין דערפעל עטליכע וויאָרסט הינטער מוקדען. אַ דערפעל, ווי אַלע כינעזישע דערפלעך — מיט אַ „פּאַגאָדע", אַ דרויסען־בלאָטע און אַ פּאָר צעהנדליג הונגעריגע הינד, וועלכע זענען באַלד געקומען צו אונז מקבל פנים זיין און האָבען אָנגעמאַכט אַ שרעקליכען געוואַלד, בייסענדיג איינער דעם אַנדערען, נישט נאָר איבער אַ פעטען ביין, נאָר אַפילו איבער אַ פערדאַרט שטיקעל ברויט.

אונזערע געצעלטען זענען געשטאַנען האַרט נעבען אַ הויכען באַרג, צעוואַקסען מיט אַ געדיכטען וואַלד. פון זאַבאַיקאַליע אָן האָבען מיר אין גאַנץ צפון-מאַנדזשוריען קיין בוימעל פאַר די אויגען נישט געזעהן; די לעבעדיגע כינעזער האָבען פיינד שאָטען, ערשט נאָכ'ן טויט פלאַנצט מען זיי אויפ'ן קבר אַ בוימעל, דערפאַר האָט מיך דער וואַלד ראַפּטום אויף אַ גלאַטער עבענע זעהר פער'חידוש'ט.

– וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ באַרג מיט אַזאַ געדיכטען וואַלד? האָב איך געפרעגט אַ כינעזער עפּעס אויף אַנ'אויסטערלישער שפּראַך, האַלב־רוסיש, האַלב־כינעזיש.

איך ווייס נישט, אויב דער כינעזער האָט מיך פערשטאַנען, נאָר ער האָט אויסגערייניגט די נאָז, אָבגעווישט מיט'ן אַרבעל און האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען מיט אַלע אברים און האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. ס'געהט אָבער נישט, ד. ה. ביי איהם געהט עס גאַנץ גוט, נאָר איך און די, וואָס שטעהען נעבען מיר, פערשטעהען נישט קיין איינציג וואָרט. זאָגט איך וואָס איהר ווילט, אַפילו אַ כינעזער איז שווער צו פערשטעהן, אַז מען קען נישט קיין כינעזיש. די פאָר כינעזישע ווערטער, מייסטענס שימפף־ווערטער, וועלכע מיר האָבען יאָ געקענט, האָבען טאַקע נישט געקלעקט.

איינער פון די קאַנצעלאַריע־שרייבערס, אַנ'עלט רוסישער פערשוין, האָט אָנגעהויבען זיך שטאַרק צו בייזערען. „אַ העזה — זאָגט ער — פון אַ בלאָטיגען כינעזער, וואוינט אין רוסלאַנד (אין מוקדען זענען שוין דעמאָלט אַלע שילדען געווען אויף רוסיש) און קען נישט קיין רוסיש!״.

דער כינעזער האָט נישט פערשטאַנען, וואָר ער זאָגט, און האָט בחנ'ודיג געשמייכעלט.

אַרויסגעראַטעוועט האָט אונז אַנ'אָפיציר, אַ זעהר פרעהליכער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט געקענט די געגענד נאָך פון דער כינעזישער „עקספעדיציע״. י ע נ ס בלוט־פערגיסען האָט אַפילו די זכיה נישט געהאָט צו בעקומען דעם נאָמען פון אַ מלחמה, מען איז יוצא געווען מיט אַנ'„עקספעדיציע״, און וואָס איז דאָס אַנ'„עקספעדיציע״, — ווייסען מיר דאָך שוין...

— די בערג מיט די וועלדער, וואָס איהר זעהט דאָ, האָט בערייט דערצעהלט דער קאַפּיטאַן: דאָס זענען די קברים פון די כינעזישע קיסרים פון דער מאַנדזשורישער דינאַסטיע מינגאַ.

- אַזוי! האָט זיך אונווילענדיג אַרויסגעריסען פון אַלע. מיר זענען געבליבען שטעהן, ווי פערגליווערט, אָט דאָס. הייסט עס, איז דאָס.

ס'איז געווען אַ הערליכער הערבסט־אָווענד, אויף וועלכען ס'קאָן זיך ערלויבען טאַקע נאָר מאַנדזשוריען. דער הימעל — בלאָה און ריין אָהן אַ קלענסטען פלעקעל און די גרויסע לבנה קוקט אונז אָן מיט אַ פאָר פערטראַכטע איראָנישע אויגען. לינקס פון אונז — אַנ'עבענע גאָר אָהן אַנ'עק, מען זעהט די גאַנצע געגענד ווי אויף דער האַנד, און נישט ווייט שלענגעלט זיך אַ טייך, וועלכער זעהט אויס אינ'ם שיין פון דער לבנה, ווי אויסגעגאָסען זילבער. רעכטס — הויכע וואַלדיגע

בערג, און דאָרט ליגען די קיסרים. זיי ליגען שוין אַ פּאָר טויזענד יאָהר און בעווייזען גרויסע וואונדער, אפשר אַ סך מעהר, ווי ביים לעבען.

מיר זענען געשטאַנען, ווי פערכשופ׳ט.

איינער פון די דאָקטוירים, אַ גרויסער גבור, כל זמן ער האָט נישט געהערט שיסען, האָט פאָרגעלעגט צו געהן אויף די קברים טאַקע באַלד ביינאַכט. די בארמהערציגע שוועסטער פון דעם נאָהענטען שפּיטאָל, וואָס זענען געקומען צו אונז צו געסט זענען באַלד בעשטאַנען; דער קאַפּיטאַן האָט אָבער ערקלערט, אַז ביינאַכט לאָזט מען דאָרט נישט אריין, דאָס איז איינס, און חוץ דעם איז דאָרט פּשוט פינסטער.

— ביי דעם שיין פון דער לבנה, זאָגט ער: איז טאַקע זעהר אנגענעהם, ראָמאַנטיש, אָבער זעהן קאָן מען גאָרנישט.

מיר האָבען אָבגעלעגט אויף מאָרגען.

צו וועטשערע האָבען זיך צו אונז פערוואַלגערט צוויי הונגעריגע פערשוינען, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז זיי זענען קאָרעספּאָנדענטען, און אַ פּאַסטאָר, וועלכער איז געווען מעהר דורשטיג ווי הונגעריג. דער לעצטער און אונזער קאַפּיטאַן האָבען אָנגעהויבען צו ווייזען זייערע חריפות אין כינעזישע זאַכען. איינער פון די קאָרעספּאָנדענטען האָט אויך פערזיכערט—וואָס אמת איז, ערשט נאָך דער פינפטער כוסה— אַז ער קען כינא ווי זיינע פינף פינגער פון דער רעכטער האַנד, — אין דער לינקער האָט ער געהאַט נאָר פיער. און מעשיות זענען געפלויגען אָהן אַ שיעור, חעכער פון אַלע אָבער האָט געשריען דער קאַפּיטאַן, ער האָט געשאָטען מעשיות אַזוי ווי פון אַנ׳אַרבעל. עד היום הזה ווייס איך נישט, ווער פון זיי האָט מעהר ליגענס געזאָגט. צווישען אַנדערע וויכטיגע זאַכען זענען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז אַזעלכע קייזערליכע קברים זענען דאָ אַרום מוקדען דריי, נאָר דאָ אין פולין זענען עס די עלטסטע, און ס׳איז דאָ וואָס צו זעהן; די בערג זענען נישט קיין נאַטירליכע, נאָר ספּעציעל געשאָטען און פערנעהמען עטליכע צעהנדליג ווערסט, און אויף זיי האָט מען געפלאַנצט בוימער, וועלכע זענען אַלט אודאי טויזענד יאָהר.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געפאַנטאַזירט; איין חלום איז געווען מורא׳דיגער, ווי דער אַנדערער. ס׳האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, דאָס אַלטע היילינגע אָרט אין לובלין מיט די הויכע בערג און די אַלטע

מצבות פון בעריהמטע צדיקים. איך האָב געזעהן, ווי די כינעזישע קיסרים שוועבען אַרום צווישען די מצבות, קלאַפּען מיט פליגעל, ווי די קראָהען, און אַרום זיי געהען גאַנצע מחנות פון זעלנער אָנגע־טהון אין ווייסען און שרייען: „זדראַוויאַ זשעלאַיעם!" איך האָב גע־דאַנקט גאָט, אַז ס'האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען.

זיעבען אַ זייגער אין דער פריה זענען מיר שוין געווען אויף די פערד. דער קאַפּיטאַן, דער וועג־ווייזער, פּאַראַוויס און פון הינטען אַ פּאָר דאָקטוירים, אַ פּאָר שוועסטער, די קאָרעספּאָנדענטען מיט'ן פּאַס־טאָר און אונזערע וואַפּענטרעגער, ד. ה. די דענשטשיקעס.

די לופט איז געווען זעהר פריש, אָבער קאַלט, ווייל די זון איז געשטאַנען נאָך הויך און האָט ווייניג געוואַרימט.

מיר זענען לאַנגזאַם געריטען נעבען באַרג.

מיין שכן, אַ אידישער דאָקטאָר, איז געווען זעהר סענטימענטאַל. „דאָ, זאָגט ער, אויפ'ן מזרח, צווישען בערג, איז אַלץ מיסטיש. און דאָס — ער האָט געוויזען אויף אַ שוועסטער, נעבען וועלכער ס'איז געריטען אַנ'„אמת'ער" מיליטער־אַרצט, בעוואַקסען ווי אַ נאַף — דער־מאָהנט מיר אליעזר'ן, אברהם אָבינו'ס קנעכט מיט רבקה'ן".

— מען בעדאַרף האָבען, האָב איך איהם געענטפערט: אַ זעהר רייכע פאַנטאַזיע צו פערגלייכען די פּאָרען. ערשטענס, זענען יענע געריטען אויף קעמלען; און צווייטענס, איז רבקה געווען אַ ביסעל יונגער און אודאי אַ גרעסערע צנועה, ווי די שוועסטער מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ (אַ זעהר לאַנגער אַלף).

אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט די שוועסטער אָנגעהויבען צו זינגען מיט אַ דין קול'כיל דאָס געוויסע ליעדעל: „זאַהאָטשו — פּאָליו־בליו", און איהר בעגלייטער האָט אויף איהר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גולנ'ישע אויגען.

מיר האָבען זיך ביידע צולאַכט.

נאָך אַ האַלבער שעה זענען מיר געקומען צו אַ גרויסער בראָם, ביי וועלכער ס'זענען געשטאַנען צוויי פּאַטרולען: אַ רוסישער און אַ כינעזישער אין גרעסטען שלום און אחדות.

מיר זענען אַראָב פון די פערד, וועלכע עס האָבען צוגענומען אונזערע דענשטשיקעס, און מיר זענען אַריין אין די בראָם. די זעל־נער האָבען זיך פאַר אונז אויסגעצויגען, גלייך ווי זיי וואָלטען אַ שטעקען איינגעשלונגען, חלואי אויף איצט געזאָגט, רבש"ע! דורך די

בראָם זענען מיר אַריין אין אַ גרויסען פּאַרק מיט אונגעהויער גרויסע און דיקע בוימער.

אַלע האָבען געשוויגען און גיעריג געקוקט אויף אַלע זייטען. אַפילו דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט אויפ׳ן גאַנצען וועג צו גרעגערען, איז פערשטומט געוואָרען.

נישט דאָס ערשטע מאָל בין איך געגאַנגען זעהן אַלטע היס־טאָרישע זאַכען. כ׳האָב שוין אין מיין לעבען די זכיה געהאַט צו זעהן דעם שטוהל, אויף וועלכען יאַן סאָביעסקי איז געזעסען הינטער וויען, און ווען דער פיהרער האָט מיר אַ זאָג געגעבען: „זעצט אייך" — האָב איך מיך אונווילענדיג אַנידערגעזעצט. איך האָב שוין געטרונקען אַמאָל וואַסער פון קריגעל, פון וועלכען ס׳האָט געטרונקען ווילהעלם טעל אַליין. כ׳האָב מיך שוין אַמאָל ברייט אויסגעצויגען אויף אַ באַנק, אויף וועלכער געטהע פלעגט רויכערען נאָך מיטאָג. איך בין שטענ־דיג געווען דערביי זעהר גערירט און זעהר גרויס ביי זיך. פונ־דעסטוועגען פלעגט זיך אַריינ׳גנב׳ענען אַנ׳אפיקורס׳ישער געדאַנק: אפשר איז גאָר די מעשה אַ ליגען? מאַלע וואָס דער פיהרער זאָגט? ער האָט ליגענס אויפ׳ן פוד, בכדי צו בעקומען מעהר טרינק־געלד.

דאָרט אָבער, אין דעם פּאַרק, איז שווער געווען צו זיין אַנ׳־אפיקורס: דער פּאַרק איז אַוודאי אַ פּאַרק, די בוימער זענען אַוודאי בוימער, און אויף יעדען טריט זעהט מען און מען שפירט אַפילו... אַנ׳אַלטע קולטור.

דער פּאַרק איז אויסגעפּ׳אַסטערט מיט שטיינערנע טאַפּעלען, בעוואַקסען מיט גראָז. וואו מען טהוט אַ קוק, זעהט מען שטיינערנע פיגורען פון פערשיעדענע חיות און בהמות, און די פּנים׳ער זענען איינס פערקרימטער, ווי דאָס צווייטע. די בוימער זענען אונגעהויער הויך. זיי קוקען אַראָב אויף אונז, קליינע מענשעלאַך, גלייך זיי וואָל־טען געזאָגט: מיר האָבען געזעהן עפּעס גרעסערס פאַר אייך — די קיסרים אַליין.

אַלע זענען געגאַנגען שווייגענדיג. איך האָב אַ קוק געגעבען אויף די גאַנצע חברה, און האָב בעמערקט, אַז אַלע זענען גערירט, און כ׳בין בטוח, אַז ווען עמיצער וואָלט ערגיץ אין פּאַרק אַ געשריי געטהון: „נעהמט אַראָב די שיך פון די פיס" — וואָלטען אַוודאי אַלע געפאָלגט.

אַ פּאָר כינעזער, אַודאי גייסטליכע, האָבען אונז אָנגעהויבען צו בעגלייטען.

צווישען די בוימער געפונען זיך, אַזוי ווי בעהאַלטען, אַ סך געבייען. צו אַ גרויסען געביי, וואָס ליעגט אין דער מיט, פיהרען אַ פּאָר ברייטע טעראַסען, באַרג אַרויף, מיט גאַנץ נידעריגע שטופען. ביי די זייטען שטעהען פערשיעדענע פיגורען פון חיות, יעדע חיה אויף אַ בעזונדער קייט. „יעדע חיה האָט אַ בעזונדער קייט דערפאַר—האָט אונז ערקלערט איינער פון די כינעזער אויף אַ צוברעכענעם רוסישען לשון—בכדי זיי זאָלען זיך נישט קריעגען. ווען אַזעלכע צוויי לייט צוקריעגען זיך, וואָלטען זיי די וועלט חרוב געמאַכט״.

מיר קריכען אַרויף און קומען אַריין אין אַ פּאָדער-הויז. דאָס פּאָדערהויז איז נישט גרויס, און זיין גאַנצע לענג איז פערנומען מיט אַ שילדקרעט, אויסגעהאַקט פון איין מאַרמאָרשטיין. די אַרבייט איז זעהר שעהן און קינסטליך.

אויפ׳ן רוקען פון דער גרויסער שילדקרעט שטעהט אַ הויכע מצבה, וועלכע האָט די פאָרם פון אונזערע אַלטע מצבות. אויף איהר זענען אויפגעשריבען די נעמען פון די קיסרים. אָרט איז נאָך דאָ גענוג...

איבער דער מצבה ליעגט אַנ׳עקדיש און שלאָפט.

פון דעם פּאָדער-הויז געהען מיר אַרויס אויף אַ זעהר גרויסען פיער-קאַנטיגען הויף, ער איז אויך אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינערנע טאַפּעלען און איז פערבויט מיט אַ סך „פּאַגאָדעס״, וועלכע ליעגען גאַנץ סימעטריש. נעבען די „פּאַגאָדעס״ דרעהען זיך אַרום אַ סך גייסטליכע וועלכע קוקען אונז אָן נישט זעהר פריינדליך, די העויות זייערע זענען זעהר בעקאַנטע, און ווען נישט די „ספּאָדניצעס״, וואָלט מען זיך געקאָנט טועה זיין און אָננעהמען זיי פאַר חסידים אין רבינ׳ס בית-המדרש.

— אין דער מיט הויף טאָר מען נישט געהן, ערקלערט אונז איינער פון זיי נישט שלעכט רוסיש: ס׳מעג נאָר געהן דער עלטסטער גייסטליכער און דער קייזער.

— און אַז אַנ׳אַנדערער געהט? האָב איך איהם געפרעגט.

— בלייבט ער אַ קאַליקע אויף אייביג. האָב איך בעקומען אַ קלאָרע תשובה.

אַלע געבייען אויף דעם הויף זענען געפאַרבט אויף געלב — דאָס

איז דער קייזער־קאָליר אין כינא. די דעכער גלאַנצען זעהר, ווייל זיי זענען בעדעקט מיט נייע ציגעל, וועלכע זענען זעהר ענליך צו מאַיאָליק. די נייע ציגעל פּאַסען אַפילו נישט צו די אַלטע „פּאַגאָדעס". זיי זענען אָבער אַזוי שעהן און די פאַרבען זענען אַזוי קינסטליך צוגעקליבען, אַז מען קאָן דאָס אויג פון זיי נישט אָברייסען און מען איז זיי גערן מוחל דעם חטא אַקעגען די אַרכעאָלאָגיע.

אין דעם עק הויף, פּונקט אין דער מיט, שטעהט דאָס גרעסטע געביי. עס איז דאָס הייליגסטע. אַריינגעהן טאָר מען נישט און מען קאָן פּשוט נישט, ווייל די שליסעל ליעגען אין מוקדען. ס'איז דאָך אָבער דאָ ביי מענשען, אַפילו ציוויליזירטע, אַ מנהג אָדער אַ נוצליכע געוואוינהייט אַריינצוקוקען דורך אַ שפּאַרע אָדער דורך דעם לעכעל פונ'ם שליסעל, און מיר האָבען דאָס טאַקע געטהון און געזעהן, אַז דאָרט שטעהט אַ געלער טראָן און אויף איהם ליעגען געלע ספּאָדניצעס פון די קיסרים, מענשען מיט זעהר גוטע ראיות זעהען דאָרט אַ סך גאָלד און זילבער.

צווישען אַלע געבייען זענען דאָ גאַלעריעס, דורך וועלכע מען קאָן אַרומגעהן דעם גאַנצען הויף אַרום און אַרום. מיר רינגלען אַרום דאָס גרעסטע געביי און טרעפען אויף אַ גרויסע וועלבונג, אַ ווייסען באַרג, און אויפ'ן שפּיץ — אַ פּאָר קרומע בוימליך. דער באַרג איז אַרומגערינגעלט מיט אַ הויכער שטיינערנער וואַנד, און דער אַריינגאַנג איז פערשטעלט מיט אַ גרויסען מאַרמאָרשטיין, אַט אין דעם הוילען באַרג זענען די קברים פון די קיסרים.

מיר שטעהען אויף דער גאַלעריע הינטער דעם גרויסען געביי און קוקען אויף די קברים. קיינער ריהרט זיך נישט פונ'ם אָרט און ס'איז אַזוי שטיל, אַז איך הער מיין האַרץ קלאַפּען. כ'האָב שטענדיג געמיינט, אַז אַ גערויש, אַ געפּילדער קאָן האָבען פערשיעדענע שטופען, — שטילקייט אָבער איז שטענדיג דיזעלבע, ס'איז אָבער נישט ריכטיג. איך האָב מיך איבערצייגט, אַז ס'איז פערהאַן אויך פערשיעדענע שטילקייטען: אין „סילוועסטער-נאַכט" בין איך אַמאָל געוועזן אין אַ קליין דערפעל אין דער שווייץ צווישען זעהר הויכע בערג, נאָהענט 2000 מעטער איבער'ן ים. מיר האָבען זיך פערזאַמעלט, אַ סך בעקאַנטע, צו בעגעגענען דאָס נייע יאָהר. 12 דעם זייגער ביינאַכט זענען מיר אַרויס אויף די טעראַסע, ס'איז געוועזן אַזוי שטיל, גלייך ווי די גאַנצע וועלט איז אויסגעשטאָרבען. אַפילו דאָס קלינגען עפּעס אין אַ ווייטער

קירך האָט די שטילקייט נישט געשטערט; ס'האָט זיך גערדאַכט, אַז קלינגען קלינגט מען ערגיץ אויף אַן'אַנדער וועלט. אויף דער וועלט אָבער איז שטיל, און נאָך אַלעם האָט יענע שטילקייט זיך גאָרנישט אָנגעהויבען אַקעגען דער שטילקייט אויף די קברים.

מיר שטעהען און קוקען, אונזער גרופּע האָט אַודאי אויסגעזעהן ווי אַ פערשטיינערטע. אַ זעלטענע שטימונג!

אָבער נאָך צוויי-דריי מינוט פון אַזאַ עקסטאַז גלוסט זיך אַ פרעג צו טהון: הכלל, דאָס איז דאָס אינגאַנצען? די פראַגע איז מיר גע־לעגען אויף דער צונג, כ'האָב אָבער נישט געוואָלט פערשטערען די שמחה פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע, געטהון האָט עס דער קאַפּיטאַן.

— אָט אין דעם באַרג, האָט ער ענדליך אַ גרעגער געטהון: ליעגען אוצרות פון גאָלד און זילבער.

דער גאַנצער כשוף איז פערשוואונדען געוואָרען.

מען האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען, צו דיספּוטירען, איך אַליין בין אַראָב פון דער גאַלעריע און האָב אַ ביסעל אַרומשפּאַצירט ביחידות אין דעם פּאַרק, וועלכער איז פול — ווי די כינעזער גלוי־בען — מיט נשמות, און נישט גלאַט נשמות ווי ביי אונז אין די שוה־לען צו נעילה, נאָר דוקא גרויסע, מיוחסים'דיגע.

איך דרעה מיך אַרום און טראַכט מיר, ווי אַלע זאַכען ווערען וואָכעדיג, אַז מען זעהט זיי אין דער נאָהענט.

20 יאָהר צוריק, ווען איך האָב געלערנט אין דער געאָגראַפיע וועגען די הייליגע קברים אין מוקדען, האָט מיך דורכגענומען אַ שוי־דער. ס'טייטש, אַן'אָרט, וואָס איז הייליג פאַר אַ פּאָר הונדערט מיל־יאָן מענשען! כ'וואָלט מיך דעמאָלט גליקליך געשעצט, ווען איך וואָלט געקאָנט דאָס אָרט זעהן.

איצט געה איך מיר אַרום מיט מזל שפּאַצירען אָט אויף דעם הייליגען אָרט, און גאָרנישט! טאַקע אַן'אַלטער פּאַרק, אָבער אַן'איינ־פאַכער פּאַרק; טאַקע אַלטע בוימער, הויכע בוימער, אָבער פּשוטע בוי־מער. אַי די „פּאַגאָדעס", די כינעזער? ס'איז דאָך קיין שום חידוש נישט.

פערטיפט אַזוי אין מחשבות, הער איך פּלוצלינג פון דער ווייטענס אַ פּאָר שטימען. אַ גאַנץ בעקאַנטער נגון. פּונקט ווי מען זאָגט ביי אונז ו ה ים. די כינעזער, טראַכט איך מיר, זענען זעהר ענליך צו יודען מיט'ן גאַנג, מיט'ן ריידען, מיט'ן זשעסטיקולירען. כ'געה צו

נעהנטער. איך וואָלט מיין קאָפּ געגעבען, אַז מען זאָגט תהלים, כ׳הער בפירוש יודישע ווערטער, כ׳זעה שוין אַפילו די מענשען, ס׳איז אָבער גאָר קיין כינעזער נישט: אויף אַ שטיין זיצען צוויי זעלנער און שאָקלען זיך איבער אַ ספר׳ל. זיי האָבען מיך שוין אויך דערזעהן, טהוען זיך אין איין שרעק אַ שטעל אויף, ציהען זיך אויס און גיבען אָב „טשעסט״.

— ברידער, זאָג איך צו זיי אויף יודיש: וואָס טהוט איהר דאָ?

דערהערענדיג מיך ריידען יודיש, זענען זיי געקומען צו זיך.

— ה׳ דאָקטאָר! האָט זיך אָבגערופען איינער פון זיי, אַ יוד פון אַ יאָהר 40, שוין מיט אַ גראָהע בערדיל: האָט נישט קיין פּאַראיבעל! היינט איז דאָך ערב יום־כפור.

„ערב יום־כפור״? האָב איך מיך אין ערשטען אויגענבליק פערוואונדערט, גלייך אין מאַנדזשוריען קאָן גאָר קיין ערב יום כפור נישט זיין. נאָר תוך כדי דבור האָב איך מיך מישב געווען, אַז דאָ נישט לאַנג איז געווען ראש השנה, און דערפאַר איז קיין שום חידוש נישט, אַז ס׳איז ערב יום כפור. זייענדיג אינ׳ם פּאָלק איין און איינציגער איד, האָב איך בעוה״ר אינגאַנצען פערגעסען.

— יאָ, זאָג איך: גאַנץ אמת, היינט איז ערב יום כפור, אָבער וואָס טהוט איהר דאָ?

— מיר זענען דאָ אינגאַנצען צוויי אידען, האָט מיר געענטפערט דער זעלנער: דאָ שטעהען די סיבירישע פּאָלקען, אין וועלכע ס׳איז קיין אידען נישטאָ. מיר זענען סאַניטאַרען אין אַ שפּיטאָל, דאַוונען האָבען מיר נישט וואו, זענען מיר וועניגסטענס געקומען תהלים זאָגען דאָ אויפ׳ן הייליגען אָרט.

— דאָ אויפ׳ן הייליגען אָרט? האָב איך מיך פערוואונדערט: ס׳איז דאָך נישט קיין אידיש הייליג אָרט!

— ס׳איז טאַקע נישט קיין אידיש, האָט ער געענטפערט: ס׳איז דאָך אָבער קיין גוי׳איש אויך נישט: מען זעהט נישט קיין צלם, מען זעהט נישט קיין גלחים, מען הערט נישט קלינגען און ס׳ליגען דאָך דאָ עפּעס נישט קיין איינפאַכע מענשען, אַ קלייניגקייט, קיסרים!

מיין קאָמפּאַניע האָט זיך בעוויזען פון דערווייטענס.

— האָט־זשע מיר אַ גמר חתימה טובה, האָב איך זיי געוואונשען.

— גם אתם, האָבען זיי ביידע געענטפערט, צולעגענדיג די רעכטע האַנד צו די היטלען.

און איך בין צוגעגאַנגען צו מיין חברה, שוין אַן׳ערב יום־כפור׳דיגער.

XI.

שמחת־תורה אין כארבין

איך האָב מיך פערבענקט נאָך אַ אידישע סביבה. — שמחת־תורה איז באמת דער „גוטער טאָג" צווישען די „ימים נוראים". — מיין חיזוק אום שמיני עצרת ביי אַ איד, וואָס האַלט זיך פאר אַ ציוניסט. — אַנשטאָט די „סעודה" — אַ קאָנצערט לטובת דעם „רויטען קרייץ". — איך לאך אַזש ביז טרעהרען אין די אויגען.

נאָכ׳ן אָבזיצען אינ׳ם פיערטען סיבירישען פּאָלק אַ לענגערע צייט אין אַ גאַנץ פרעמדער מיליטערישער ספערע, נאָכ׳ן אַרומשלעפּען זיך אין די שמוציגע טיעפּלושקעס מיט פערוואונדעטע און קראַנקע, האָב איך מיך שרעקליך פערבענקט נאָך אַ אידישער סביבה, נאָך אַ לייטישער שטוב מיט ווענד, מיט אַ טיש און שטוהלען. מיינע אויגען האָבען געגאַרט צו זעהען מענשען אָהן מונדירען, אָהן ביקסען און שווערדען, אָהן באַנדאַזשען. איך האָב געוואָלט זעהען אַ פשוט׳ע פּרויען־ציימער אָהן אַ ווייסען פאַרטוך, און אָהן דעם ריח פון קאַרבאָל, דערפאַר בין איך געווען אויפ׳ן זיבענטען הימעל, וואָס מען האָט מיך פונ׳ם פּאָלק צוריק משלח געווען קיין כאַרבין, וואו איך האָב שוין געהאַט אַ סך בעקאַנטע און וואו איך האָב מיך שוין געשפּירט, ווי אַ שטיקעל תושב. און האָב פשוט געהאַט קפיצת הדרך, ווייל דאָס מאָל האָט די רייזע געדויערט כמעט נאָרמאַל, ד. ה. אין גאַנצען אַ דריי מעת־לעת.

אָנגעקומען בין איך קיין כאַרבין אויף די צווייטע טעג סוכות, וואָס האָט מיך נאָך מעהר געפרעהט, ווייל פון קינדווייז אָן האָב איך ליעב געהאַט שמחת־תורה. ס׳איז כמעט נישטאָ קיין גוזמא אין דעם ווערט, אַז דער גלות־איד האָט אַ „גוטען" טאָג נאָר דעמאָלס, ווען ער

האָט קדחת, און שמחת־תורה איז טאַקי דער „גוטער" טאָג אין דעם בראָנישען קדחת, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר די וואָכען פון די „ימים נוראים", וואָס דער נאָמען פּאַסט זיי אויסגעצייכענט.

ווען איך בין געווען אַ חדר־אינגעל האָט שמחת־תורה ביי מיר געהאַט טויזענד חן. דאָס אַרומשפּאַצירען שמיני עצרת פאַרנאַכט אויף דער אידען־גאַס אין אַ פרעהליכער שטימונג און דאָס וואַרפען אויגען אויף די אויסגעצוואָגענע מיידלעך אין די רויטע בלוזקעס, דאָס טראָגען די פאָהן מיט אַן׳עפּעלע, וואו ס׳איז געווען אַריינגעשטעקט אַ רויט ליכטעל, די צערעמאָניעס ביי די הקפות אין דער גרויסער מרש"ל־שוהל, די „סעודה" מיט כל טוב, די עליה אום שמחת־תורה צוזאַמען מיט אַ סך אינגלעך אין מיינע יאָהרען, היינט די טענץ, און ווער האָט געטאַנצט! עלטערע אידען מיט גרויע בערד, אַרומגעהמענדיג זיך האָבען זיי געהאָצקיעט מיט פערמאַכטע אויגען, גלייך זיי וואָלטען ערפילט עפּעס אַ הייליגען חוב. דאָס אַלץ איז ביי מיר געבליבען זעהר לאַנג אין זכרון. ס׳וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט — האָב איך מיר געטראַכט,—זיך צוצוקוקען, ווי אַזוי זעהט אויס שמחת־תורה אין כאַרבין, אין אַזאַ יונגער אָנגעלאָפענער שטאָדט, וואו ס׳האָבען זיך נאָך נישט אויסגעאַרבייט קיין פעסטע טראַדיציעס.

שמיני־עצרת פאַרנאַכט־צו האָב איך מיך אָנגעטהון יום־טוב׳דיג, מיט אַ שניפּס, וואָס איך האָב איהם נישט געטראָגען פון וואַרשא אָן, מיט ווייסע מאַנקעטען, ווי אַ לייטישער מענש און בין אַוועקגעגאַנגען צו איינעם אַ בעקאַנטען ל. פאַרוואָס גראָד צו איהם? וויל ביי איהם האָט אַ לענגערע צייט געוואוינט דער כאַרבינער רב, צו וועלכען איך פלעג אָפּט אַריינקומען מיט קהל׳שע געשעפטען. ביי אַזאַ איד, האָב איך מיר געטראַכט וועט אַודאי זיין שמחת־תורה מיט׳ן גאַנצען קנאַק, און דאָס האָב איך דאָך געוואָלט.

דער מהלך איז געווען אַ לאַנגער — כאַרבין איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע צעוואָרפענע שטאָדט — ס׳איז מיר אָבער נישט געווען לאַנגווייליג, וויל מיין מוח איז געווען פערנומען מיט אָנגענעהמע שמחת־תורה׳דיגע זכרונות פון מיינע קינדערשע יאָהרען. צווישען אַנדערע זאַכען האָב איך מיר דערמאָהנט אויך אַן׳עפּיזאָד פונ׳ם סטודענטישען לעבען, ווען מיר, 10—12 אידישע סטודענטען, זענען געקומען צו הקפות אין שוהל אויף דער טלאָמאַצקע, מען האָט אונז דאָרט זעהר שעהן אויפגענומען און מען האָט אונז אַפילו מכבד גע־

ווען מיט אַן׳הקפה, אָבער מיט אַ וואַסערע? מיט עוזר דלים, די גאַנצע שוהל האָט געלאַכט. איינער פון די סטודענטען — אַצינד אַן׳-אַדוואָקאַט — קאָן דעם גבאי פון דער שוהל ביז היינטיגען טאָג נישט מוחל זיין דעם וויץ, ווייל אַוודאי איבער דער הקפה, זאָגט ער, איז ער נישט פון די גרויסע גבירים עד היום.

צו מיין בעקאַנטען אין כאַרבין בין איך געקומען פערשוויצט און פערשטויבט — ס׳איז גראָד געווען אַ הייסער ווינטיגער טאָג. — איך האָב דאָרט געטראָפען די ווירטין, אַ שעהנע יונגע פרוי און אַן׳-עלטערע דאַמע מיט אַ פּיסקעלע אויף שרויפען, דער בעל־הבית, — ווי די פרוי האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבען, — וועט קומען אַ היים שפּעטער, ווען ער וועט פערמאַכען דאָס געשעפט. ס׳איז מיר געוואָרען אַ ביסעל אויפפאַלענד: שמיני־עצרת און אַן׳אָפען געשעפט... אָבער, מלחמה-צייטען — האָב איך מיר געטראַכט און האָב איהם דן געווען לכף זכות.

די ביידע דאַמען האָבען מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ העלד, וואָס איז צוריקגעקומען פונ׳ם פראָנט פריש און געזונד, מען האָט מיך מכבד געווען מיט טהיי און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ ברייטער שמועס מכח פּאָזיציעס, שיסערייען, שראַפּנע-לען, וועגען דער קלוגער פּאָליטיק פון די ענגלענדער, וועגען דער טאַפּפערקייט פון די יאַפּאַנער און וועגען די נאַרישקייטען פון די רוסישע גענעראַלען. די דאַמען האָבען געשטעלט פערשיעדענע פראַגען און איך, ווי אַ בקי, האָב געגעבען תשובות אָהן שום אויפהער. איך האָב געאַרבייט ווי אַ מאַשין און האָב אַליין דערפון הנאה געהאַט, ווייל אין דער פרעמדער סביבה, אינ׳ם פּאָלק און אין די „טיעפּלוש-קעס״ האָב איך מיך נישט געהאַט אויסגערעדט, ווי ס׳בעדאַרף צו זיין און האָב אַ חוץ דעם געמוזט זיין פאָרזיכטיג מיט יעדען וואָרט און מיט יעדען בליק, דאָ אָבער האָב איך געקאָנט רעדען, ווי מיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט און האָב פאַר מיר געהאַט זעהר דאַנקבאַרע צו-הערערינס, וואָס האָבען געשעפּט נחת פון יעדען וואָרט און האָבען זיך נישט געקאָנט זאַט אָנהערען.

נאָכדעם, ווי איך האָב אַ ביסעל אויסגעלאָדען מיין ענערגיע, האָב איך אָנגעהויבען מיך אַרומצוקוקען און צו מיין גרויס פערוואונ-דערונג האָב איך אינ׳ם גאַנצען צימער נישט דערזעהן אַפילו דעם קלענסטען שאָטען פון עפּעס אַ יום-טוב. ס׳איז אומעטום געווען וואָכע-

דיג, פול מיט פראזע. וואו איז דער ווייסער טישטוך, — וואו זענען די גרויסע זילבערנע לייכטער מיט די ווייסע סטעארין־ליכט? וואו זענען די חלות מיט די פויגעל? מיין געפיהל פון שמחה און צופרי־דענהייט, מיט וועלכען איך בין געקומען, האט אנגעהויבען שוואכער צו ווערען. און אין מיין מוח איז דורכגעלאפען א ווילדער געדאנק: אפשר האט מיך מיין לוח אבגענארט? אפשר איז גארנישט קיין שמיני־עצרת?

ס'האט אנגעהויבען טונקעל צו ווערען, דער לינעזישער באיקא האט אנגעצונדען די עלעקטרישע לאמפען, ס'איז אנגעקומען דער בעל־הבית מיט א קעסטעלע שאקאלאדע אין דער האנד. און ס'איז ווידער געווארען א גרויסע שמחה, וואס דער פראנט האט מיר נישט געשאדט. מען האט ווידער אנגעהויבען רעדען וועגען פאזיציעס, שי־סעריי, שראפנעלען, פיפיגקייק פון די ענגלענדער, טאפפערקייט פון די יאפאנער, נארישקייט פון די רוסען. איך האב געמוזט איבער'חזר'ן אלץ פון אלף ביז תיו, איך האב עס אבער שוין געמאכט בקיצור און אהן א שום חשק.

— וואוהין געהט איהר צו הקפות? — האב איך פלוצלונג א פרעג געטהון צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, האב איך געוואלט א סוף מאכען צו דעם שמועס, וואס איז מיר שוין געהאט נמאס געווא־רען, און, צווייטענס, האב איך מיך געוואלט איבערצייגען, צי דער לוח האט מיך נישט אבגענארט. דער בעל־הבית האט נישט באלד גע־ענטפערט און נאך א קליינער ווילע האט ער אנגעהויבען צו דרעהען מיט דער צונג, אז יאהר ביאהר געהט ער צו הקפות, ביי דער „סעודה" האט ער שטענדיג א סך געכט... דער רב האט דאך אויך געוואוינט און געגעסען ביי איהם... ער איז א ציוניסט און פערשטעהט זעהר גוט, אז נישט נאר די אמונה איז וויכטיג, אז די פארם און די טרא־דיציע שפילען אויך א גרויסע ראלע... אבער היי־יאהר... א מלחמה... מוז ער מיט דער פרוי געהן אויף א וואהלטעטיגען קאנצערט צום גונ־סטען פון רויטען קרייץ. ער האט שוין מנדב געווען 25 רובעל פאר צוויי בילעטען, וואס מען האט איהם אריינגעשיקט פון די הויכע פענ־סטער... „איהר פערשטעהט דאך אודאי, טייערער דאקטאר, אז איך מוז מיך דארט ווייזען, — האט ער געענדיגט מיט גרויס ערנסט.

— דער דאקטאר וועט אודאי מיט אונז מיטגעהן, — האט זיך אנגערופען די פרוי מיט א געוויסער קאקעטעריע. איך האב נישט

געענטפערט. איך בין געוואָרען אומעטיג, און האָב אָנגעהויבען אראָב־צופאַלען פון די הויכע הימלען, וואו איך האָב מיט עטליכע שעה צו־ריק ארומגעשוועבט און נאָך אַ קליינער ווילע, וואָס איז געווען לאַנג און שווער פאַר אַלע, בין איך אויפגעשטאַנען און האָב מיך אָבגעזעגענט.

ווען איך בין שוין געווען ביי דער טהיר האָב איך דערהערט געבען מיר דער ווירטינס שטימע:

— איהר וועט דאָך, דאָקטאָר, אוודאי קומען מאָרגען צו מיטאָג?

— ניין, איך קאָן נישט, — האָב איך געענטפערט און בין אַרויס־געגאַנגען.

נאַכט. אַ שוואַרצער שלייער האָט בעדעקט די ערד. די לופט איז געווען שווער און אָנגעזאָפּט מיט שטויב. איך האָב מיך אויף אַ ווילע אַנידערגעשטעלט און האָב אָנגעהויבען צו לאַכען, אָבער אַ לאַ־כען, אַז ס׳האָט זיך אין מיר און אויף מיר אַלץ געטרייסעלט און איך האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטען:

— אָט האָסטו אַ שמחת־תורה ביי איינעם, וואָס האַלט זיך פאַר אַ ציוניסט, — האָב איך הויך גערעדט מיט מיר אַליין — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ, וואָס האָט ער געזאָגט? נישט נאָר די אמונה איז וויכטיג, נאָר אויך די פאָרם, כאַ־כאַ־כאַ־כי־כי. און איך אָקס שבאָקס האָב מיך אויס־געפוצט. ווי דער מלך אייכעל — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ — און בין געלאָפען צו דער „סעודה”. אַצינד ר׳ גרשון, געה אַהיים און עס ברויט מיט טהיי — כאַ־כאַ־כאַ־כי.

די פערבייגעהער האָבען אוודאי געמיינט, אַז איך בין שכור — אַ שכורער אָפיציר איז אין כאַרבין נישט געווען קיין זעלטענהייט — מען האָט מיך אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען און מען האָט מיר געהאָלפען לאַכען.

פון דעם שרעקליכען לאַכען האָב איך אַזש בעקומען טרעהרען אין די אויגען...

XII.

דער נאַכט־דיזשור אינ׳ם שפּיטאָל אין מוקדען

דער בנין, וואו ס׳איז געווען דער מיליטערישער שפּיטאָל אין מוקדען, איז לכתחילה געווען אַ שפּייכלער, וואָס האָט געהערט צו דער באַהן־פערוואַלטונג. ווען דער קריעג איז אויסגעבראָכען האָט מען דעם שפּייכלער אויסגעווייסט, מען האָט אַהין אַריינגעשטעלט עטליכע צעהנדליג הילצערנע בעטלעך, און טישלעך, אויבען אָן האָט מען אויפגעהאָנגען אַ הייליג בילד מיט אַ נר תמיד, נעבען אַריינגאַנג האָט מען צוגעשלאָגען אַן׳אַלטען פערזשאַווערטען האַנדפאַס און דעם גרויסען פלאַץ פאַר׳ן בנין האָט מען אויסגעשיט מיט זאַמד. ווען דאָס אַלץ איז געווען געמאַכט, האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז דער שפּייכלער זאָל ווערען אַ שפּיטאָל און ער איז עס געוואָרען. קיין אַנדערע ברירה האָט ער נישט געהאַט.

פון קאַנאַליזאַציע איז, פערשטעהט זיך, נישט געווען קיין רייד. די עטליכע קלאָזעטען, וואָס מען האָט אַנידערגעשטעלט, זענען געווען זעהר ווייט פונ׳ם שפּיטאָל. די נויטיגע מכשירים האָבען געפעהלט, האָבען טאַקי די אומגליקליכע קראַנקע, אָפטמאָל מיט גאַנץ גרויסע היץ, געמוזט נעבעך זיך אַהין שלעפּען.

די ענגשאַפט איז געווען אין לשער. קיין זייטיגע צימערן פאַר קראַנקע זענען נישט געווען און די אָפּיצירען האָבען געמוזט ווערען דעמאָקראַטען און ליגען צוזאַמען מיט די זעלנער. ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָט נישט געקאָנט זיין קיין שום רייד פון אַנ׳איזאָלאַציע און עס זענען געלעגען קראַנקע אויף טיפוס, לונגען־אָנצונדונג, שווינדזוכט וכדומה איינע נעבען די אַנדערע. די באַקטעריעס האָבען, ווייזט

אויס, בעקומען אַ „בעפעהל”, אַז זיי זאָלען זיך נישט איבערטראָגען פון איין קראַנקען אויפ'ן אַנדערען און דער פלעק־טיפוס האָט בכלל נישט געטאָרט עקזיסטירען... אין דער רעגיסטראַציע פון די קראַנקהייטען.

ס'איז געווען אַ קליינשטעדטעלדיגער הקדש פון פאַר פופציג יאָהר מיט אַלע מפורשים.

נאַכט.

דער לאַנגער שפּייכלער איז געווען בעלויכטען מיט אַ גרויסען נאַפט־לאָמפּ, וואָס האָט אַראָבגעהאָנגען אויף אַ לאַנגען שטריק אין דער מיט בנין. הינטער איהם איז געווען ליכטיג, אָבער אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ גרויס פינסטערניש און איינער האָט נישט געזעהען דעם צווייטען.

ס'איז געווען אַן אומרוהיגע נאַכט. קראַנקע זענען אָנגעקומען אָהן אַ שום אויפהער און ס'איז שוין כמעט נישט געווען קיין אָרט, וואו זיי צו לעגען. דער פעלדשער האָט מיך שוין טאַקי עטליכע מאָל אויפגעוועקט — ס'איז געווען מיין נאַכט־דיזשור — און איך האָב מיך שוין נישט געוואָלט צוריקלעגען, בפרט, אַז איך האָב געמוזט אויף מיר טראָגען די גאַנצע אוניפאָרם, אַפילו מיט דער שווערד. אַזוי איז דאַמאָלס געווען דער דין.

זיצען איז נישט געווען וואו, האָב איך מיך אַרומגעדרעהט שטיל צווישען די בעטען. דער פעלדשער, אַן עלטערער זעלנער פונ'ם „זאַפּאַס” איז געשטאַנען איינגעבויגען נעבען פענסטער און האָט ביי דער שיין פון אַ קליין ליכטעל געשריבען אַ בריעף. דער דיזשורני סאַניטאַר משה ז. פון קאַמיעניעץ־פּאָדאָלסק, וואָס אַלע האָבען איהם גערופען „מאָשקאָ”, איז געזעסען אויף דער ערד אין אַ ווינקעלע איינגעוויקעלט אינ'ם שינעל, וואָס איז געווען פול מיט לאַטעס און לעכער, און האָט שטילערהייד געברומט זמירות — ס'איז געווען פרייטאָג צונאַכטס.

מאָשקאָ איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג. הויך געוואַקסען, העכער פון אַלע קריסטליכע סאַניטאַרען, אויסגעזעהן האָט ער ווי אַן אמת'ער פויער, און האָט שלעכט גערעדט נישט נאָר רוסיש, נאָר אַפילו אידיש. די איבעריגע סאַניטאַרען האָבען געציטערט פאַר איהם אימת־מות, ווייל ער פלעגט זיי אָפּט שענקען אַ מתנת־יד...

ווי אַזוי איז געלונגען אַזאַ גבור צו ווערען אַ סאַניטאַר און נישט צו ליגען אין די „אָקאָפּעס״ — דאָס איז געווען אַ סוד, פון וועלכען ס׳האָט געוואוסט מאָשקע און דער קאָמאַנדיר פונ׳ם פּולק, וואו ער האָט געדיענט.

ס׳איז געווען שטיל, טייל קראַנקע זענען שוין געשלאָפען, טייל האָבען שטיל געשמועסט. די שטילקייט האָט פון צייט צו צייט אי־בערגעריסען דאָס אַרומטאַנצען פון די מאַנדזשורישע מייז אויף די בלעכענע טעלער און דאָס זיפצען און קרעכצען פון די שווער־קראַנקע. די הילצערנע בעטלעך האָבען אויך מיטגעהאָלפען קרעכצען.

צווישען די קראַנקע האָט זיך געפונען אַ קאַפּיטאַן מיט אַ שווע־רער לונגען-אָנצינדונג. ער איז שוין געלעגען אין שפּיטאָל פיער טעג, מייסטענטיילס איז ער געווען בעוואוסטלאָז און האָט כמעט נישט אויפ-געהערט צו פּלאַפּלען. ער האָט געהאַט האַלוצינאַציעס. מייסטענטיילס האָט ער געזעהן פאַר זיך קליינינקע בעשעפענישען, ווי מייזלעך, פייגעלעך און... יאַפּאַנער, וואָס עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלקאָהאָליקער. ווי נאָר ער פלעגט אַ ביסעל קומען צו זיך, האָט ער זיך אויפגעזעצט און האָט געשריבען מסירות אויף מיר, וואָס האָט איהם בעהאַנדעלט, אויף אַלע אַנדערע דאָקטוירים, אויפ׳ן פעלדשער, מיט איין וואָרט — אויף דער גאַנצער וועלט.

פּלוצלונג איז דער קאַפּיטאַן אַראָב פון בעט. ער האָט אָנגעטהון זיין קאַווקאַזישען האַריגען מאַנטעל, האָט אַרויפגעזעצט אויפ׳ן קאָפּ די גרויסע פּאַפּאַכע, און זיך געלאָזט געהן צום אַרויסגאַנג. אין דעמזעל־בען אויגענבליק איז אויסגעוואַקסען נעבען איהם מאָשקאָ און האָט איהם פערשטעלט דעם וועג.

„לאָז מיך געהן, ווייל מיין פרוי איז געקומען. דו הערסט? ווי אַזוי שטעלסטו דיך אונטער צו פערשטעלען דעם וועג מיר, אַ קאַפּי־טאַן? איך וועל דיך איבערגעבען צום געריכט און מען וועט דיך דערשיסען!״

מאָשקאָ האָט זיך בעמיהט מיט אַלע כוחות איהם איבערצורעדען און צו בערוהיגען.

וואַשאַ וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע״ — האָט ער געזאָגט מיט אַ ניגון פון אדרבא מהיכי תיתי — וואַשע וויסאָקאָ בלאַהאָראָדיע, געהט אין בעט אַריין, געהט אין בעט אַריין.

דער קאַפּיטאַן האָט איהם נאָכגעקרומט, האָט איבערגע׳חזר׳ט די

זעלבע ווערטער מיט׳ן זעלבען ניגון און האָט איהם געשיקט צו אַלדי־טייוועל. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט. אין דעם האָריגען מאַנטעל און אין דער פּאַפּאַכע האָט ער שרעקליך אויסגע־זעהען און האָט געוואָרפען אַ משונה׳דיגען שאָטען אויף די ווענד. ער האָט אָנגעקוקט מאַשקאַן און האָט גערעדט צו זיך אַליין: „ווער איז ער און וואָס איז ער? אַ טשוחאָניעץ? אַוודאי אַ טשוחאָניעץ!״ און נאָכ־דעם ווי ער האָט אָבגעפּסקנט, אַז דאָס איז אַ טשוחאָניעץ, האָט ער פערגעסען אָן זיין פרוי, און צוריק אין בעט אַריין און האָט גענו־מען שרייבען אַ מסירה אויפ׳ן טשוחאָניעץ.

איינער פון די קראַנקע האָט שטיל דערצעהלט זיין שכן אַ עפּי־זאָד פון אַ שלאַכט. זיין פּנים האָב איך נישט געקאָנט זעהען, ווייל די שטראַהלען פונ׳ם לאָמפּ זענען אַהין נישט צוגעקומען, אָבער פון אופן רעדען האָט מען זיך געקאָנט שטויסען, אַז דאָס איז אַ שטיקעל אינטעליגענט.

..און אַזוי זענען מיר געשטאַנען נעבען באַרג רעלטס און דער יאַפּאַנער — לינקס, מיר שטעהען און ער שטעהט. ווי נאָר עמיצער פון אונז האָט זיך אַ ריהר געטהון, האָט ער אָנגעהויבען צו שיסען, און ווי נאָר עמיצער פון זיי האָט זיך אַ ריהר געטהון, האָבען מיר אָנגעהויבען צו שיסען. פערשטעהסט? אַזוי זענען מיר אָבגעשטאַנען אַ שעה דריי אומגעגעסען און אומגעטרונקען, מען האָט אַפילו נישט געטאָרט געבען אַ נאָס. אַזוי האָט בעפויהלען דער קאָמאַנדיר.. ס׳האָט אָנגעהויבען צו גיסען אַ רעגען, פון אַלע זייטען האָט געבלאָזען אַ שרעקליכער ווינד... מיר שטעהען און ער שטעהט... צום סוף זענען מיר צוריק אויף אונזערע פּאָזיציעס און ער אויף זיינע.

— און ווער האָט איינגענומען דעם באַרג? האָט געפרעגט דער שכן.

— קיינער נישט.

— צו וואָס־זשע זענט איהר געשטאַנען? איך פערשטעה גאָרנישט!

— דו ווילסט פערשטעהן די סטראַטעגיע מיט דער טאַקטיק?

— שוין דאָס צעהנטע מאָל אוודאי הער איך די ערצעהלונג, — האָט זיך געלאָזט הערען אין דער נאָהענט אַ הייזעריגע שטימע — עס איז אַ ליגען פון אלף ביז תיו, פּראַנט!

פויער, עזעל!

דער הייזעריגער האָט אָבגעענטפערט מיט עטליכע שטאַרקע ווערטער.

— שטיל זאָל זיין — האָט אַ געשריי געטהון דער פעלדשער, די מחלוקת האָט אויפגעהערט און עטליכע מינוט שפעטער האָט מען שוין געהערט די קעמפפענדע צדדים שנאַרכען.

— הי־ראַ, הי־ראַ! האָט זיך צושריען אַ קראַנקער אויף אַ בויך־טיפוס.

— כאַפּט איהם, שטעכט איהם דעם טייוועלס זוהן.

— וואָס שרייסטו ביינאַכט, שכור! — האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול פון דערווייטענס.

דער קאַפּיטאַן האָט ווידער געוואָלט אַרויסגעהן מקבל פנים זיין די פרוי. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און איהם מיט וואַרעמע ווער־טער ערקלערט, אַז זיין פרוי קאָן נישט קומען קיין מוקדען. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי זיינס, אַז זיין פרוי איז געקומען און אַז ער מוז איהר אַנטקעגען געהן. ווי איך האָב געזעהען, אַז מיינע רייד ווירקען גאָרנישט, האָב איך געשיקט מאָשקאָן אויפצוועקען איינע פון די באַרמהערציגע שוועסטער, וואָס פלעגט איהם שטענדיג בערוהיגען. אין עטליכע מינוט אַרום איז אַריינגעקומען די שוועסטער נישט אין דעם פאַרטוך מיט דעם רויטען קרייץ, נאָר ווי אַ פשוט מיידעל מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ. דערזעהענדיג זי פון דערווייטענס, האָט זיך דער קאַפּיטאַן אויפגעשטעלט און האָט נייגיעריג געקוקט אויף די פיגור, וואָס האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם.

— מיין טייערע פרוי נאַ—טאַ—שאַ, דאָס ביזטו דאָך! — האָט ער זיך צו איהר געוואָרפען מיט אַ אויסגעשטרעקטען אָרעם און האָט זיך געגרייט זי אַרומצונעהמען.

— הערר קאַפּיטאַן! — האָט איהם אָבגעשטעלט די שוועסטער מיט אַ פערשלאָפען קול, — געהט אין בעט אַריין, איהר זענט דאָך קראַנק.

דער אומגליקליכער האָט דערקענט זיין טעות און האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אויף דעם בעט. די שוועסטער האָט איהם צוגעדעקט, געזאָגט עטליכע האַרציגע ווערטער און איז אַוועקגעגאַנגען.

בכדי איהם צו בערוהיגען און צו געבען איהם די מעגליכקייט איינצושלאָפען, האָב איך איהם געמאַכט אַ איינשפריצונג.

איך האָב מיך דערמאָהנט די ערשטע נאַכט, וואָס איך האָב פער־בראַכט אין דעם שפיטאָל. די גאַנצע חברה און די נייע אַטמאָספערע האָבען אויף מיר געמאַכט אַ שרעקליכען רושם, און איך האָב מיך

אַרומגעדרעהט ווי אויפ'ן עולם התוהו, אָבער נאָך צוויי חדשים אַר־בייטען אין דעם שפּיטאָל, האָב איך מיך שוין געהאַט צוגעוואוינט און האָב שוין כמעט נישט רעאַגירט אויף די אַלע זאַכען, אָבער די לעצ־טע סצענע פון קאַפּיטאַן מיט דער שוועסטער, האָט מיך אַרויסגעפיהרט פון מיין גלייכגעוויכט. דער מענש איז געפעהרליך קראַנק, — האָב איך מיר געטראַכט, — וועד ווייסט אויב ער וועט עס איבערהאַלטען און עס איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז זיין פרוי, עטליכע טויזענד וויאָרסט פון דאַנען, טאַנצט אפשר גאָר אַצינד און שפּירט גאָרנישט, ווי איהר מאַן שטעהט נישט ווייט פון קבר און שטרעקט איהר אויס זיינע הענד.

פערטיפט אין די געדאנקען האָב איך מיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ בעטעל נעבען דעם קאַפּיטאַן און האָב געכאַפּט אַ דרימעל. עס האָט מיך אויפגעוועקט די שטימע פון פעלדשער. איך טהו אַ קוק: פאַר מיר שטעהט דער קאַפּיטאַן מיט אַ פינלענדישען מעסער אין דער האַנד, וועלכען דער פעלדשער בעמיהט זיך אַרויסצורייסען,—ליעג רוהיג!— האָט דער קאַפּיטאַן צו מיר געשריען, — ריהר דיך נישט פון אָרט! דאָס בעט איז פול מיט יאַפּאַנער... ווען איך וועל זיי איינציגווייז אויסהרג'ענען. וועסטו אויפשטעהן.

איך האָב פערשטעהט זיך, איהם נישט געהאָרכט און האָב מיך גיך אויפגעשטעלט און מיט דער הילף פון סאַניטאַר און עטליכע קראַנ־קע, וואָס זענען געקומען צולויפען, איז אונז געלונגען אַרויסצובעקו־מען פון זיין האַנד דעם מעסער.

— ס'וועט אייך גאָרנישט העלפען — האָט בעמערקט דער קאַ־פּיטאַן מיט אַ געלעכטער, — איך האָב נאָך פינף אַזעלכע מעסערס.

איך האָב אַנידערגעשטעלט נעבען קאַפּיטאַן אַ שומר.

איינער פון די קראַנקע האָט אָנגעצונדען נעבען זיך אַ ליכט, איך בין צו איהם צוגעגאַנגען. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט גוטע מעלאַנכאָלישע אויגען און אויף זיין שעהן פּנים איז געווען אויס־געגאָסען עפּעס אַ שמערץ. ער איז געזעסען אָנגעטהון אין מונדיר. וואָס איז זיין קראַנקהייט, האָב איך נישט געוואוסט, ווייל ער איז אָנגעקומען, איידער איך האָב איבערגענומען דעם דיזשור.

מיר האָבען זיך בעגריסט און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שעהנע גלאַטיגע האַנד, ווי ביי אַ פרוי.

— זאָגט מיר, ליעבער דאָקטאָר—האָט ער זיך צו מיר געווענדעט.

וואָס איז מיט דעם קאַפּיטאַן?

ער איז משוגע, אָדער שכּור?

— ניין, פּאָרוטשיק, — האָב איך איהם געענטפערט, — ער איז נישט משוגע און נישט שכּור, נאָר פון גרויס היץ איז ער נישט ביי׳ם קלאָרען שׂכל — דערצו איז ער נאָך אַ אַלקאָהאָליקער. אָבער פאַר וואָס שלאָפט איהר נישט? — האָב איך איהם געפרעגט.

— איך האָב מורא, — האָט ער געענטפערט מיט שרעק.

— פאַר ווּעמען?

— פאַר די חונחוזען!

— גאָט איז מיט אייך, וואו האָט איהר חונחוזען?

— וואָס בין איך שולדיג — האָט ער געענטפערט — אַז איהר אַלע זענט בלינד אָבער איהר ווילט נישט זעהען... טהוט נאָר אַ קוק — ער האָט מיט דער האַנד אָנגעוויזען אויפ׳ן פענסטער — דער גאַנצער פּלאַץ פאַר׳ן שפּיטאָל איז דאָך פול מיט חונחוזען!

איך האָב איהם גאָרנישט געענטפערט, איך בין אַריינגעגאַנגען אין קאַנצעלאַריע אַריין און לויט דעם נומער פון בעטעל האָב איך אָבגעזוכט זיינע דאָקומענטען, וואו איך האָב איבערגעלעזען, אַז „פּאָרוטשיק פּ. ב. פּ. פון דעם און דעם פּולק, ווערט געשיקט אין שפּיטאָל אַריין, בכדי מען זאָל אונטערזוכען זיין פּסיכישען צושטאַנד״.

ווען איך בין צוריק אַריינגעקומען, איז דער פּאָרוטשיק געלעגען מיט דער דעקע איבער׳ן קאָפּ און דער קאַפּיטאַן איז געזעסען און האָט געשריבען.

— צו וועמען שרייבט איהר ווייטער? — האָב איך איהם געפרעגט.

— צום מיקאַדאָ!

— ?

איך שרייב אַ ראַפּאָרטישקאַ (אַזוי האָט ער אָנגערופען זיינע מסירות) אויף דעם הייליגען פאָטער אין רוים.

איך בין אַרויס אויף דער גאַס. עס איז געווען אַ וואַרעמע סעפּטעמבער־נאַכט, דער הימעל איז געווען קלאָר, אָהן אַ שום וואָלקען אַפילו. עס איז געווען שטיל, ווי אין אַ אויער. ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט הערען פון צייט צו צייט פון גאַנץ ווייט עפּעס אַ שאָס, די גרויסע פולע לבנה האָט געלויכטען אָהן אַ שום פּגם, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז יהושע בן נון קוקט אראָב אויף מיר, אויף דעם שפּיטאָל און אויף גאַנץ מאַנדזשוריען מיט אַ גרויסער איראָניע. איך האָב אַפילו דאַכט זיך, געהערט, די ווערטער: „אַי נאַרישע בהמות״.

XIII.

וו—ק

איך האָב געהאַט אָבגעפיהרט פון מוקדען קיין כאַרבין אַ סאַ־ניטאַרען צוג מיט קראַנקע און פערוואונדעטע, און איך האָב מיך גע־קליבען צוריקצופאָהרען.

אויפ׳ן גרויסען פלאַץ פאַר׳ן נייעם באַהנהאָף אין כאַרבין, — אַ הערליכען בנין אין דעקאַדענטישען סטיל,--זענען געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפען גאַנצע בערג פון קוישען, פעק, טשעמאָדאַנען און סתם פעקלעך. ס׳האָט אויסגעזעהען פונקט, ווי נאָך אַ שרפה. די פּאַ־סאַזשירען זענען געווען נערוועז און האָבען זיך מיט אַלע כוחות גע־שטופּט אין די וואַגאָנען אַריין, בכדי צו כאַפּען אַנ׳אָרט. דער גרעס־טער טייל פון די רייזענדע זענען געווען מיליטער-לייט, דאָקטוירים און באַרמהערציגע שוועסטער. די צאָהל פון פשוטע פּאַסאַזשירען, אָהן מונדירען, איז געווען אַ זעהר קליינע. אָבער דאָס זענען אויך געווען מענשען, וואָס האָבען געהאַט אַ וועלכע ס׳איז שייכות צום מיליטער, ווי למשל, פּאָדריאַדטשיקעס, סוחרים, פריזירער, „נקבות״ — ליידער מעהרסטענטייל אידישע — וכדומה.

איך האָב מיך אויך מיט גרויס מיה אַריינגעשטופּט אין איינעם פון די וואַגאָנען, וואו ס׳איז שוין געווען פול מיט פּאַסאַזשירען און זייערע באַגאַזשען. הייס איז געווען, ווי אין אַ באָד, אַ סך פּאַסאַ־זשירען האָבען שוין געהאַט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די אויבערשטע מלבושים און די הויזען זענען געווען מעהרסטענטייל נעביך פעראומ־רייניגט און פול מיט לעכער אָדער לאַטעס.

צווישען די אָפיצירען זענען געווען אַ סך גאָר יונגע, וואָס באַלד־

פון דער שול־באַנק זענען זיי געוואָרען אַרויסגעשיקט אויף דער מלחמה. זיי האָבען נאָך קיין פולווער נישט געהאַט געשמעקט, די מונדירען זענען נאָך געווען ריין, די קנעפּ האָבען נאָך געגלאַנצט און אויף זייערע פּנים׳ער און אויף די הענד זענען נאָך געווען ס׳מנים פון זייף. די יונגע אָפיצירען האָבען, ווייזט אויס, נאָך גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ סכנות זיי ערוואַרטען. זיי האָבען נאָך לגמרי נישט אָבגעשאַצט די גאַנצע שרעקליכע גרויזאַמקייט פון אַ מלחמה. זיי זענען געווען לוסטיג און האָבען געהאַלטען אין איין ווייזען איינער דעם אַנדערען זייערע רעוואָלווערען. וואָס זענען געווען פון פערשיע־דענע סיסטעמען. זיי האָבען זיי צונומען און צוריקגעשטעלט, פּונקט ווי יונגע חתנים צונעהמען די זייגערלעך, וואָס זיי בעקומען פון זיי־ערע מחותנים.

צווישען די יונגע אָפיצירען האָט זיך געפונען איינער, וואָס איז שוין געהאַט געווען אין אַ שלאַכט, וואו ער האָט בעקומען אַ וואונד אין דער האַנד. אויף זיין ברוסט האָט געהאַנגען אַנ׳אָרדער, און הגם די האַנד איז שוין געווען אינגאַנצען אויסגעהיילט, איז זי פאָרט נאָך געלעגען אויף אַ טעמלאַן — ס׳איז עפּעס שעהנער.

אָט דער יונגער אָפיציר איז שוין געווען אַ שטיקעל דבר אחר... ער איז שוין געווען אומריין, ער האָט שוין געבראַקעט, ווי די על־טערע אָפיצירען, און האָט געשפּיגען אויף דער פּאָדלאָגע, צורייבענ־דיג מיט׳ן פוס די ליחות. ער איז אויך געווען אַ ביסעל שכור. אַרום איהם האָבען זיך פערזאַמעלט עטליכע פון די יונגע אָפיצירען און ער האָט זיי מיט גרויס שטאָלץ דערצעהלט די פּרטים פון דער שלאַכט, אין וועלכער ער איז געוואָרען פערוואונדעט. די אויגען פון די צו־הערער האָבען געברענט און מען האָט געזעהען בעשיינפּערליך, ווי זיי זענען איהם מקנא: שוין געווען אין אַ שלאַכט, שוין אויסגעהיילט געוואָרען פון אַ לייכטער וואונד און — וואָס דער עיקר איז — שוין בעקומען אַנ׳אָרדער.

אין אַ ווינקעל פון דער אָבטיילונג האָט זיך אַ חברה אָפיצירען גוט אַמוזירט מיט אַנ׳אַלטיטשקען קאַפּיטאַן, וואָס האָט דערצעהלט נסים פון דער לעצטער טערקישער קריעג און האָט בשעת מעשה געקיים אָהן צייהן קעלבאַס.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך צוגעהערט צו די ערצעהלו״״ מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, ווי חסידים להבדיל, צום רבינ׳ס תורה. די

עלטערע אָפיצירען אָבער האָבען איהם אָפט איבערגעשלאָגען און אָנ־געװיזען אויף געװיסע סתירות. דער אַלטישקער האָט זיך אָבער דער־פון גאָרנישט געמאַכט און האָט װייטער געהאַקט ליגענס, אויף װאָס די װעלט שטעהט.

אין װאַגאָן האָט זיך געפונען נאָר איין ציװילער פּאַסאַזשיר. דאָס איז געװען אַ שװאַרצער יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צװאַנציג מיט אַ שעהן אַריסטאָקראַטיש געזיכט און מיט שװאַרצע לע־בעדיגע, אומרוהיגע אויגען, װאָס האָבען פּשוט מאַגנעטיזירט, אויפ׳ן ליבקען אָרעם האָט ער געטראָגען אַ רויט בענדעל, אויף װעלכען ס׳זענען געװען צװיי פּערגילדעטע רוסישע אותיות: „װ—ק״. אַזוי װי די צװיי אותיות קאָן מען פערשיעדען אויסטייטשען, װעל איך באַלד ערקלערען, אַז װ—ק הייסט „װאָיעני קאָרעספּאָנדענט״. דאָס איז נישט קיין איינפאַכער קאָרעספּאָנדענט פון אַ גאַנץ יאָהר, דאָס איז גאָר אַנ׳אַנדער טיפּ, װאָס איז כמעט אַנ׳אויבערמענש, װאָס איז אַ רואה ואינו נראה. אַ סאַלאַמאַנדרא, װאָס װערט אפילו אין פייער נישט פערברענט. אַ צויבערער, װאָס קאָן שטעהן אין די געפעהרליכסטע ערטער אין אַ שלאַכט און קאַלטבלוטיג צעהלען די שראַפּנעלען װאָס פליהען אַרויס פון די האַרמאַטען און קיין קויל טרעפט איהם נישט. דאָס איז אַ צדיק, װאָס האָט, װען ער װיל, קפיצת הדרך, און האָט פערמאָגט אַ פיינע ראיה און שמיעה, ער קאָן זיצען אין אַ בע־קװעמען װאַגאָן, טרינקען טהיי, רויכערען אַ ציגאַר און זעהען, װאָס עס טהוט זיך אויף די פּאָזיציעס און הערען, װאָס עס װערט גע־רעדט בסוד אין די קאַבינעטען פון די שטאַבען און דיפּלאָמאַטען.

דער װ—ק איז געזעסען ברייט צװישען עטליכע גענעראַלען. ער האָט געקענט זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע טאַטעס, און האָט געפיהרט אַ ברייטען שמועס פון גאַנץ הויכע ענינים. פון דער נייער אַרטילערישער טאַקטיק, פון ענגלאַנד׳ס פּאָליטיק, און, דער עיקר פון דעם פּלאַט, אַלע אַרום האָבען זיך צוגעהערט צו דעם שמועס בדחילא ורחימא.

אַ בעקאַנטער אָפיציר, װאָס איז געשטאַנען נעבען מיר, אַ פּע־טערבורגער לעב־קינד, װאָס איז כלומרש׳ט געװען אויסגעקאָכט מיט דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע, האָט מיר ערקלערט, אַז דער „װ—ק״ איז אַ בעקאַנטע פּערזענליכקייט אין פּעטערבורג. ער הייסט מאַרק פּיעטראָװיטש גאָלפּאַרין און איז אַ ידיד נאמן פון נעמיראָװיטש —

דאַנטשענקאָ. זיין עלטער-זיידע, — האָט מיר דער אָפיציר ווייטער דערצעהלט. — איז געווען אַ גרויסער גענעראַל אין סובאָראָוו'ס שטאַב. זייענדיג מיט איהם אין איטאַליען, האָט ער געמאַכט אַ מעזאַליאַנס און האָט חתונה געהאַט מיט אַנ'איטאַליענישער טענצערין.

מאַרק פיעטראָוויטש האָט דאָס מויל נישט פערמאַכט און האָט קיינעם נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, בשעת'ן רעדען האָבען גע־נומען אַנ'אַנטייל—כמעט אַלע אברים: ער האָט געוואונקען מיט די אויגען, געטייטעלט מיט די פינגער, אפילו די פיס האָבען נישט גע־רוהט. ס'האָט זיך אין איהם אָבגערופען, ווייזט אויס, די עלטער-באָ-בע, די טענצערין.

— איך האָב שוין געשריבען — האָט ער אַריינגעַ'טענה'ט צום גענעראַל, וואָס איז געזעסען אַקעגען איהם און האָט איהם שיער נישט אויסגעשטאָכען די אויגען מיט אַ פינגער, מיט וועלכען ער האָט שטאַרק זשעסטיקולירט — איך האָב שוין געשריבען, מיין פריינד נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ האָט שוין געשריבען און מיר וועלען נישט אויפהערען צו שרייבען, אַז מיר מוזען האָבען אַ מעכטיגען פלאָט. מיר מוזען ווערען בעלי־בתים אויפ'ן ים. מיר מוזען אַביסעל אַראָב־קלאַפען די „פאַלשע אַנגליטשאַנקע" און דערמיט וועלען מיר זיעגען. אויף דער יבשה זענען מיר טיטאַנען, — האָט ער ווייטער גע'דרשנ'ט — אַלע ציטערען פאַר אונז אימת מות, ס'איז אָבער נויטיג, אַז דער לויתן פון שטילען אָצעאַן זאָל אויך דערשפירען, ווער מיר זענען, דער גענעראַל האָט מודה געווען, אַז מאַרק פיעטראָוויטש איז פולקאָם גערעכט און אַז ער בעדאַרף אַזוי לאַנג שרייבען, ביז דער פלאָט וועט ווערען גרויס און מעכטיג.

דער וו—ק האָט זיך שטאָלץ אַרומגעקוקט, ווי אַ זיעגער מיט אַ לאָרבער-קראַנץ אויפ'ן קאָפ.

אין מאַנדזשוריען איז דערזעלבער מנהג, וואָס אויף דער גאַנ־צער וועלט. און ווי נאָר דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט האָ־בען אַלע פאַסאַזשירען בעקומען אַ שטאַרקען אַפעטיט. יעדער האָט אַרויסגעצויגען פון זיין באַגאַזש עסענוואַרג: ווער ברויט מיט קעז, ווער פוטער־געבעקס, ווער סאַרדינען. ס'האָט זיך אויך בעוויזען קאָ־ניאַק און סתם בראָנפען. ס'איז געוואָרען אַ קאָמונע. מען האָט זיך געביטען מיט די פראָדוקטען און אפילו די, וואָס האָבען מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען, האָבען אויך געאַרבייט אויף אַלע כלים מיט'ן

גרעסטען אפעטיט. מען האט געגעסען, געטרונקען און געשמועסט.

אינ'ם וואגאן איז געווען אזוי אנגערויכערט, אז מען האט נישט געזעהען איינער דעם אנדערען... ביסלעכווייז, זענען אפילו די „יופי־טערס" אראבגעקראכען פון בארג און אנשטאט צו רעדען פון הויכע ענינים, פון ארטילעריע, פון סטראטעגיע, פאזיציע, פלאט וכדומה, האט מען אנגעהויבען צו דערצעהלען גלייכווערטלעך און וויצען. יע־דער האט געהאט עפעס צו דערצעהלען, אָבער די ערשטע פידעל האט געשפּיעלט מארק פּיעטראָוויטש. אויף יעדער מעשה האט ער געהאט צו דערצעהלען צעהן אנדערע און הגם ער האט דערצעהלט אלטע וויצען, האט מען זיך פּארט געהאלטען ביי די זייטען פון גע־לעכטער, ווייל ער האט אויסגעצייכענט נאכגעמאכט ארמענער, שכור'ע קאזאקען, אלטע פרויען וכדומה. דער וואגאן איז געווען פול מיט גע־לעכטער און מען האט אנגעהויבען אנצוקומען אויך פון אנדערע וואַ־גאָנען צו הערען וויצען און לאכען.

נאך א גרויסער סעריע וויצען פונ'ם לעבען פון ארמענער, קאזאַ־קען, מאנאכען און מאנאשקעס איז מען ארויס אויף אידישע וויצען, און דא האט מארק פּיעטראָוויטש אויך קיינעם נישט אָבגעטראָטען, האט געשאָטען מיט מעשיות פון אידישע ישובניקעס, פּראָצענטניקעס, באנקירען, שדכנים וכדומה, מיט אלע נויטיגע העויות, מיט דער נוי־טיגער אויסשפּראך, און מיר, עטליכע אידישע דאָקטוירים, האָבען פשוט נישט געקאָנט משיג זיין, ווי אזוי קאן א גוי אזוי גוט דער־צעהלען אידישע וויצען.

ס'איז דאָ א העברעאישער אפאָריזם. אז א מענשען קען מען דערקענען בשעת ער איז שכור, בשעת ער גיט געלד און בשעת ער איז אין כעס. איך וואָלט צוגעגעבען: און בשעת ער דערצעהלט ווי־צען. איך האב מארק פּיעטראָוויטש'ן פשוט ליעב געקריגען פאר זיין איידעל דערצעהלען אידישע וויצען, ס'איז נישט געווען קיין שום חלול השם און ווען ער האט אמאל אפילו בענוצט דאָס וואָרט „זשיד", האט עס מיר נישט געשטאָכען, ווי ווען איך האב דאָס וואָרט געהערט פון אנדערע גוים.

ס'איז געוואָרען אָווענד. די וויצען זענען אויך ענדליך געוואָ־רען אויסגעשעפּט. אינ'ם וואגאן איז געוואָרען אנ'אמת'ע אָרגיע, איין גאט ווייס, פון וואנען ס'האט זיך גענומען אזויפיעל משקה. מען האט זיך געגאָסען מיט קאָניאק און מיט בראָנפען. ס'איז געוואָרען ששון

ושמחה. אַלע זענען געוואָרען טויט שכור, מען האָט זיך אַרומגענו־מען און געקושט. ניכטער זענען געבליבען נאָר מיר, עטליכע אידי־שע דאָקטוירים.

מאַרק פּיעטראָוויטש איז געוואָרען אַזוי שכור, אַז ער איז נעביך אַראָבגעפאַלען פון דער באַנק אויף דער פּאָדלאָגע, ער האָט אָנגעהוי־בען מיט אַ וויינענדיגע שטימע צו זינגען פאָלקס־ליעדער און פּלוצלונג איז ער אַרויף אויף אַ בייַ־קול און האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען: „יעלה תח־נו־ני־נו מערב" מיט אַן'אמת'ן חזנישען דרעה. די שכורע אָפיצי־רען האָבען דאָס לגמרי נישט בעמערקט, אָבער מיר, ניכטערע, זענען געוואָרען געפּלעפּט.

אין אַן'עהנליכער לאַגע ווי אונז איז אודאי געוועזען בלעם ווען זיין אייזעל האָט זיך פּלוצלונג צורעדט. אַ רגע האָבען מיר איינער דעם אַנדערען אָנגעקוקט פערוואונדערט און... האָבען אָנגעהויבען ספּאַזמאַטיש צו לאַכען.

מיר האָבען איהם אויפגעהויבען פון דער ערד.

— מאַרק פּיעטראָוויטש — האָב איך זיך געווענדעט צו איהם — ווי קומט צו אייך דער „יעלה"?

מאַרק פּיעטראָוויטש האָט זיך צולאַכט אויפ'ן גאַנצען קול און האָט מיך אָנגעהויבען אַרומצונעהמען און צו קושען.

— גאָלובטשיק! בין איך דען מאַרק פּיעטראָוויטש? — האָט ער אַ זאָג געטהון אויף אַן'אויסגעצייכענטען וואָלינער אידיש, — איך בין דאָך משה ברב פסח, אַ רררוח אין זייערע טאַטענס טאַטען אַריין! — און איז אויף אונזערע הענד איינגעשלאָפען.

XIV.

דאָס אַנטלויפען פון מוקדען

1

נאָך דער שרעקליכער מפּלה ביי לאָאיאַן האָט די רוסישע אַרמעע ווייטער געליטען איין מפּלה נאָך דער אַנדערער און איז ביסלעכווייז אָבגעשטופּט געוואָרען אַזש ביז צו מוקדענער ראַיאָן.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך: די יאַפּאָנישע אַרמעע איז געווען גוט אָרגאַניזירט לויט די מאָדערנסטע דינים פון קריעג־פיהרען און האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון געוויסענהאַפטע פעהיגע פיהרער, וועלכע זענען געווען בעפליגעלט מיט דער פּאַטריאָטישער אידעע נישט צו דערלאָזען רוסלאַנד צום שטילען אָקעאַן און קיין קארעא. די רוסישע אַרמעע איז געווען שלעכט אָרגאַניזירט, אָבגעשטאַנען און האָט זיך געפונען אונטער דער פיהרונג פון אונפעהיגע גענעראַלען. וואָס האָבען זיך פעסט געהאַלטען אין די אַלטע, פערשימעלטע אופנים פון קריעג־פיהרען.

ס׳איז גענוג צו זאָגען, אַז אין דער ערשטער שלאַכט ביי יאַלו האָט זיך אין דער שפּיץ פון דער אַרמעע בעוויזען גאָר אַ פּאָפּ מיט אַ צלם. פאַר וועלכע די יאַפּאָנישע האַרמאַטען האָבען נישט געהאַט דעם מינדעסטען דרך־ארץ.

אויפ׳ן אָרט גופא, אין מאַנדזשוריע, האָט מען גאָרנישט געהאַט פאָרגעברייט און דורך די איין און איינציגע באַהן-ליניע האָט מען געמוזט פון רוסלאַנד שלעפּען נישט נאָר זעלנער, אַמוניציע און פּראָוויאַנט, נור בכלל אַלצדינג, וואָס איז געווען נויטיג. אַ חוץ דעם אַלעם איז די מלחמה בכלל געווען זעהר נישט פּאָפּולער און קיין שום מענש מיט אַ שטיקעל שכל האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, צו

וואָס אייגענטליך, שלעפּט מען זיך קיין מאַנדזשוריע.

נאָך די ערשטע עטליכע מפּלות האָט מען פון פּעטערבורג אָבגערופען דעם הויפּטפּיהרער אַלעקסיעיעוו און אויף זיין אָרט איז אַראָבגעקומען דער גענעראַל קוראָפּאַטקין מיט אַ גרויסען רעש, מיט אַ שרעקליכע רעקלאַמע, אַרומגערינגעלט מיט אַ נימבוס פון אַ פּאָלקס־העלד. די סגולה האָט אָבער אויך נישט געהאָלפען און די מפּלות האָבען נישט אויפגעהערט. קוראָפּאַטקין האָט זיך געהאַלטען ביי דער טאַקטיק פון „אָבטרעטען" — די ליצני הדור האָבען עס גערופען פּשוט „אַנטלויפען". — ער האָט אַלץ געוואַרט, ביז זיין אַרמעע וועט זיך פערגרעסערען און לעת עתה האָט ער געוואָלט אַרייננאַרען די יאַפּאַנער וואָס טיעפער קיין רוסלאַנד, לכל הפחות ביז מאָסקווא... דער פּועל יוצא איז געווען, אַז דער שונא האָט איינגענומען איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער און די רוסישע אַרמעע איז געוואָרען דעמאָראַליזירט און ביי דעם ערשטען שאָס האָבען די סאָלדאַטען שוין אויסגעקוקט דעם בעפעהל אָבצוטרעטען.

די נאַרישע שטאַב-אָפיצירען, וואָס האָבען אינ׳ם אָנהויב פונ׳ם קריעג גרינג־געשעצט די יאַפּאַנער און האָבען געשריען, אַז זיי וועלען דעם שונא מיט די היטלען פערוואַרפען („שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם") איז קוראָפּאַטקינ׳ס טאַקטיק זעהר געפעלען. און אפשר האָבען זיי נור געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ס׳געפעלט זיי. ווייל אַנדערש האָט נישט געפּאַסט, אָבער אין דער אַרמעע גופא האָט מען שטילערהייד געלאַכט אין די פויסטען פון דער טאַקטיק און דאָס אונאויפהערליכע „אָבטרעטען" האָט געגעבען שטאָף פאַר די סאַטירישע צייטונגען אין אויסלאַנד.

ענדליך איז מען אין פּעטערבורג אויך געוואָרען אונצופרידען מיט די מפּלות און מען האָט קוראָפּאַטקינען צו הילף אַראָבגעשיקט צוויי גענעראַלען: באַראָן קוילבאַרס און גריפּענבערג. איך בין גראָד געווען אויפ׳ן באַהן-הויף אין כאַרבין, ווען באַראָן קוילבאַרס איז אָנגעקומען. צום קבלת-פּנים איז געקומען דער גאַנצער פּני פון דער אַרמעע און צוואַנציג זעלנער פונ׳ם שטאָדטישען גאַרניזאָן, מייסטענטיילס עלטערע זעלנער פון „זאַפּאַס" שוין גראָהליכע און אומעטיגע. באַראָן קוילבאַרס האָט געהאַלטען פאַר זיי אַ גרויסע דרשה און האָט געענדיגט מיט די ווערטער, אַז מיט אַזעלכע „העלדען" וועט ער איינגעמען די גאַנצע וועלט.

גענעראל גריפּענבערג האָט אויך געהאַלטען אַ דרשה, בשעת ער איז אָנגעקומען און האָט בפירוש געזאָגט, אַז פון „אָבטרעטען״ וועט שוין מעהר קיין רייד נישט זיין. „אויב איך וועל געבען אַ בעפעהל אָבצוטרעטען — האָט ער געשריען מיט גרויס פּאַטאָס — האָט יע־דער פון אייך דאָס רעכט מיך צו שטעכען״. באַראָן קוילבאַרס האָט קיין גרויסע גבורות שפּעטער נישט בעוויזען, גיכער האָט ער זיך גע־לאָזט הערען אינ׳ם יאָהר 1905 בשעת דעם פּאָגראָם אויף אידען אין אָדעס. גריפּענבערג האָט זיך יאָ גענומען צו דער אַרבייט און אום יאַנואַר 1904 האָט ער אויף זיינע אייגענע אַחריות געמאַכט אַן׳אָפּען־סיווע, בכדי זיך דורכצוברעכען צוריק קיין לאַאָיאַן, פון וועלכען די רוסישע אַרמעע האָט עטליכע חדשים צוריק געהאַט אָבגעטרעטען, און ביי סאַנדע־פּו האָט ער געליטען אַזאַ מפּלה, וואָס האָט כמעט צו־קלאַפּט די גאַנצע קאָמפּעטענץ־קייט פון דער אַרמעע. די שלאַכט ביי סאַנדע־פּו האָט אַרויסגעוויזען בולט אַפילו פּאַר די גאָר פערבלענדע־טע, ווי ווייט שלעכט די אַרמעע איז געווען אָרגאַניזירט בכלל און אין דער מעדיציניש־סאַניטאַרישער הינזיכט בפרט.

מיר, דאָקטוירים, זענען צוגעפּאָהרען מיט די סאַניטאַר־צוגען גאַנץ נאָהנט צום פראָנט, און דאָס האַרץ האָט שיער נישט געפּלאַצט ווען מיר האָבען דערזעהען, ווי טויזענדער פערוואונדעטע און קראַנ־קע זענען געלעגען אויף דר׳ערד כמעט פערפרוירענע — ס׳זענען דאַמאָלס גראָד געווען גרויסע פרעסט — און אויב מיר האָבען געהאַט אין די וואַגאָנען ערטער, למשל, פּאַר טויזענד מענשען, האָ־בען מיר געמוזט אויפנעהמען נאָכאַמאָל אַזוי פיעל, אָבער אַ חוץ דעם האָבען זיך הונדערטער זעלנער אָנגעשטעפּט אין די טהירען און אָן די טרעפּ פון די וואַגאָנען, פּשוט ווי פליגען אויף אַ שטיקעל צוקער, און די יעניגע, וואָס האָבען געהאַט מעהר כח, זענען אַרויפגעקראָ־כען אויף די דעכער פון די וואַגאָנען, אַבי זיך צו ראַטעווען פון קעלט און הונגער. דער גרעסטער טייל פון זיי איז אויפ׳ן וועג קיין מוקדען דערפרוירען געוואָרען.

הכלל, גריפּענבערג האָט בעוויזען, וואָס ער קאָן און איז באַלד גאָר דעם „זיעג״ צוריקגעפּאָהרען קיין פּעטערבורג.

נאָך דער גרויסער מפּלה ביי סאַנדע־פּו איז שוין געווען אַ סוד פּאַר גאַנץ בראָד, אַז די טעג פון דער רוסישער הערשאַפט אין מוק־דען זענען געצעהלטע און אַז אין קורצען וועט מען מוזען אַנטלויפען.

מען האָט עס געקאָנט לייכט דערקענען פון דער האַלטונג גופא פון דער כינעזישער בעפעלקערונג. אין דער גאַנצער צייט פונ׳ם קריעג פלעגט זי זיך בעציהען צו אונז, צו די פאָרשטעהער פון דער רוסישער אַרמעע, מיט גרויס רעספעקט, נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבען די רוסען געשעצט אָדער ליעב געהאַט, נאָר פשוט פון מורא. יעדער אָפיציר איז געווען אַ שטיקעל „סאַטראַפּ״ און דער כינעזער פלעגט זיך פאַר איהם בויגען אין דרייען. אָבער נאָך דער נישט גערעכטענער אָפּענסיווע ביי סאַנדע-פו האָט מען אונז אָנגעהויבען גרינגצושעצען און אַפילו צו בעליידיגען. די כינעזער האָבען זיך זעהר גוט אָריענטירט אין דער סיטואַציע, ווייל מוקדען איז געווען פול מיט יאַפּאַנישע שפּיאָנען.

הכלל, אַלע האָבען געוואוסט פון דעם סוד, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען מוזען ענטלויפען, און יעדער פון אונז איז געווען געפּאַקט, נאָר די אָרטיגע שררות האָבען נישט געוואוסט און אפשר האָבען זיי זיך געמאַכט נישט וויסען.

איך וועל ברענגען נאָר איין ביישפּיעל, וואָס איז גענוג כאַראַקטעריסטיש.

נאָך אין אָקטאָבער 1903 האָט דער קאָמענדאַנט פון מוקדען, אַן׳אַלטער גענעראַל, געבילדעט אַ קאָמיסיע פון דריי דאָקטוירים, צו וועלכער איך האָב אויך די עהרע געהאַט צו געהערען. די קאָמיסיע האָט געזאָלט אויסאַרבייטען אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פערבעסערען די סאַניטאַר־היגיענישע בעדינגונגען פון דער שטאָדט, וואָס איז געווען שרעקליך פערוואָרלאָזט און פערשמוציגט, ווי אַלע כינעזישע שטעדט. דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז געווען, פערשטעהט זיך, דער גענעראַל בכבודו ובעצמו און ער האָט קיין איינציג מאָל די קאָמיסיע נישט צונויפגערופען. עטליכע טעג פאַר דעם ענטלויפען פון מוקדען האָט ער צום ערשטען מאָל די קאָמיסיע צונויפגערופען. מיר האָבען, פערשטעהט זיך, געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ משוגענעם און ווען מיר האָבען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען רעדט שטאַרק וועגען עוואַקואירען מוקדען — „ענטלויפען״ האָט נישט געפּאַסט צו זאָגען — האָט ער אונז קאַטעגאָריש געענטפערט: „מאַלע, וואָס מען רעדט, מאַלע, וואָס שונאים טראַכטען אויס... מיר מוזען ערפילען אונזער חוב״.

2

די אַלטע שטאָדט מוקדען ליעגט װײט פון דער באַהן־ליניע אויף עטליכע קילאָמעטער. אַלע שפּיטעלער, מיליטער־אַנשטאַלטען, מאַגאַזינען, פערשיעדענע געשעפטען, רעסטאָראַציעס וכדומה, האָבען זיך בשעת דעם קריעג קאָנצענטרירט נעבען דער סטאַציע.

אַזוי װי אין די מאַגאַזינען איז שוין נישט געװען קיין אָרט פאַר דער גרויסער צאָהל פּראָדוקטען און מלבושים, װאָס האָבען זיך געמעהרט פון טאָג צו טאָג — אין מוקדען איז געװען די הויפּט־אינטענדאַנטור — האָט מען אָנגעהויבען צו לעגען די אַלע זאַכען פּשוט אויף דער ערד און ביסלעכװייז האָבען זיך געבילדעט הויכע בערג פון פערשיעדענע זעק, װאָס האָבען פערנומען אַ גרויסען שטח. אַזוי אַרום האָט זיך נעבען דער סטאַציע געבילדעט אַ רוסישע שטאָדט מוקדען מיט פּאָליציי, מיט אַ פּראַװאָסלאַװנער קירכע, מיט רוסישע פּעהנער אין אַ יומא דפגרא, מיט רוסישע געװעלבער און מיט רוסישע פּאָדריאַדטשיקעס — אידען האָבען דאָרט, פערשטעהט זיך, נישט געטאָרט װאוינען. — פּאָניע האָט זיך שוין דאָרט געשפּירט, װי ביי זיך אין דער היים. איך האָב אַמאָל בייגעװאוינט אַ סצענע, װי אַ רוסישער זשאַנדאַרם האָט אָנגעכאַפּט אַ כינעזער ביי דעם צאָפּ און האָט איהם געשלאָגען. „היתּכן" — האָט ער זיך געבייזערט, — ער װאוינט אין רוסלאַנד און קאָן נישט קיין רוסיש! בשעת מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען װעגען עװאַקואַציע, האָט קיינער נישט געקענט פערשטעהן, װי אַזוי װעט מען אַרויספיהרען אַזאַ שטאָדט מיט אַזוי פיעל רייכטום, און מען האָט טאַקי ברוך השם גאָרנישט אַרויסגעפיהרט.

די שלאַכט, װאָס האָט זיך אָנגעהויבען אין פעברואַר, האָט זיך געהאַלטען אין איין דערנעהנטערען צו מוקדען. די שיסעריי פון די האַרמאַטען איז געװען אין לשער. די ערד האָט געציטערט און דורך דעם גרויסען קנאַל האָט מען כּמעט נישט געקאָנט רעדען צװישען זיך. אַרום 20־טען פעברואַר האָבען זיך שוין געלאָזט װייזען אַלע סימנים מובהקים, אַז מען הויבט שוין אָן צו ענטלויפען; מיר האָבען שוין אין דעם ענין געהאַט גרויס ערפאַהרונג. איינער פון די סימנים איז געװען דאָס אַרויספיהרען פון׳ם פראָנט די גאָר גרויסע האַרמאַטען די „מערזשער׳ס". מיר אידען פלעגען זיי רופען די כּהנים, װייל מען האָט זיי אויפגערופען פריהער פאַר אַלע. די מערזשער׳ס פלעגט מען

אַרויספיהרען געוועהנליך ביינאַכט, בכדי מען זאָל נישט מערקען. אָבער פון אונזער עוואַקואַציאָנס־קאָמיסיע פלעגט שטענדיג זיין אויף דער באַהן אַ דיזשורני דאָקטאָר, און ווי נאָר ער האָט בעמערקט, אַז מען פיהרט שוין אַרויס די מערזשער׳ס האָט ער באַלד אונז געגעבען צו־וויסען שטילערהייד און מיר האָבען זיך באַלד אין דער נאַכט קודם־כל איינגעפּאַקט. איז דער דיזשורני געווען אַ איד, פלעגט ער אָנקלאַפּען אין די פענסטער און זאָגען: „די כהנים דוכנען". נאָך אַ פעסטער סימן, אַז מען ענטלויפט שוין, איז געווען, וואָס די רעדאַקציע פון „מאַנדזשורסקי וויעסטניק" האָט זיך אָנגעהויבען צו פּאַקען, און דער רעדאַקטאָר פּילענקאָ האָט אָנגעטהון זיין גאַלאַ־מונדיר — אַזוי פלעגט ער זיך שטענדיג פיהרען ביי יעדען „אָבטרעטען" — פאַרוואָס? ווייס איך נישט עד היום.

ווען מיר, דאָקטוירים, האָבען אָנגעהויבען צו פרעגען ביי אונזערע פאָרשטעהער, וואָס זאָלען מיר טהון מיט די קראַנקע און פערוואונדעטע, וואָס וועט זיין מיט די שפּיטעלער און מיט אונז גופא, האָבען מיר בעקומען אויסמיידענדע תשובות. אָבער מיט אַ טאָג פריהער, איידער מוקדען איז געפאַלען, זענען מיר געוואויר געוואָרען, אַז אונזערע אַלע הויכע שררות, וואָס האָבען אין זייערע הענד געהאַלטען די לייטונג פון אַלע סאַניטאַר־מעדיצינישע אַנשטאַלטען, — אַז זיי אַלע זענען ביינאַכט אַוועקגעפאָהרען אין דער ריכטונג פון כאַרבין.

אַזוי ווי די אַרמעע האָט הינטער מוקדען אָבגעטרעטען איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער, האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען קיין מוקדען פון דער גאַנצער אומגעגענד אַ סך שפּיטעלער און זייערע פערוואַלטער זענען נעבעך אַרומגעלאָפען פון איין מיליטערישער אַנשטאַלט צו די אַנדערע, כדי געוואָהר צו ווערען, וואוהין זאָלען זיי זיך אַהינטהון מיט דער גאַנצער בעל־הבתישקייט, אָבער געה שריי „חי וקים". אַז עס איז שוין נישט געווען מיט וועמען צו רעדען, און אַזוי ווי די „בעפעהלער" זענען ענטלאָפען, האָט יעדער אָנגעהויבען צו טהון אויף זיין אייגענער האַנד, וואָס ער האָט געוואָלט, אָדער, וואָס ער האָט געמוזט.

מיר, עטליכע אידישע דאָקטוירים, כמעט אַלע פון וואַרשא, וואָס האָבען געאַרבייט אין דער עוואַקואַציאָנס־קאָמיסיע, האָבען געמאַכט אַן אַסיפה, בכדי זיך מישב צו זיין, וואָס זאָלען מיר טהון און עס איז

ביי אונז געבליבען צו ערפילען אונזער חוב ביז עס וועט זיין נאָ־מעגליך.

איינינגע האָבען אַפילו פּראָטעסטירט און האָבען געראַטען צו ענטלויפען, זיי האָבען זיך פערדופען אויף די הויכע שררות, וואָס זענען ביינאַכט אין דער שטיל ענטלאָפען. זיי האָבען אויך אָנגעוויזען אויף די סכנות נפשות, וואָס אונז דראָהט מצד דעם כינעזישען המון אין דער צווישען־צייט, ווען די רוסישע אַרמעע וועט פערלאָזען מוקדען און די יאַפּאַנישע וועט נאָך נישט אָנקומען, אָבער די מעהרהייט איז געוועזען ענטגעגען און מיר זענען געבליבען. מיר האָבען שווער געאַרבייט בייטאָג און ביינאַכט און האָבען זיך בעמיהט וואָס מעהר קראַנקע און פערוואונדעטע אַריינצופּאַקען אין וואַגאָנען און אין די „טיעפּלושקעס״ און זיי עקספּעדירען קיין כאַרבין. קיין געזונדען האָבען מיר בשום אופן נישט אַריינגעלאָזט. די קראַנקע און פערוואונדעטע זענען געלעגען, וואָס אמת איז, אויף אַ ביסעל שטרוי, טייל זענען געלעגען גאָר אויף הוילע ברעטער. פון עסען און טרינקען איז קיין שום רייד נישט געווען, אָבער נישט קוקענדיג דערויף זענען זיי געווען איבערגליקליך, וואָס זיי האָבען זיך ווי עס איז אַרויסגעקריגען פון גיהנום.

אַ חוץ דעם האָבען מיר מיטגעהאָלפען אַרבייטען אויפ׳ן פערבאַנד־פונקט.

די לייכט־פערוואונדעטע האָט מען נאָך געקאָנט געבען וואָסערע עס איז הילף, אָבער פאַר די שווער פערוואונדעטע האָט מען ליידער גאָרנישט געקאָנט אויפטהון, מען האָט זיי געבראַכט אויף וועגעלעך, אויף פשוט׳ע פוהרען, טייל זענען געקומען צו קריכען אויף אַלע פיער. מען האָט זיי אַרומגעשלעפּט פון איין פערבאַנד־פונקט אויפ׳ן צווייטען. מען האָט זיי אָבגעשיקט אין אַ שפּיטאָל. אָבער ווער שפּיטאָל, וואָס שפּיטאָל. אינ׳ם לעצטען טאָג האָט פונקציאָנירט נאָר איין־און־איינציג שפּיטאָל פון רויטען־קרייץ, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבען מיט אַזוי פיעל פערוואונדעטע.

3

דעם לעצטען טאָג, וואָס מיר האָבען פערבראַכט אין מוקדען, וויל איך, דוכט זיך, נישט פערגעסען מיין גאַנץ לעבען. מילא צו

דער שיסעריי, און צו דער בהלה האָבען מיר געהאַט זיך שוין צו-
געוואוינט אין די לעצטע צוויי וואָכען, ס'האָט אָבער אויסגעבראָכען
אַ „טייפון", ד. ה. אַ שטורם-ווינד, פון וועלכען אַן'אייראָפּעער קאָן
גאָרנישט האָבען קיין בעגריף. דער ווינד האָט אויסגעריסען ביימער,
אומגעוואָרפען הייזלעך, און האָט אויפגעהויבען אַזאַ געדיכטען שטויב,
אַז מען האָט גאָרנישט געקאָנט זעהען, ס'האָבען נישט געהאָלפען די
גרויסע ברילען, וואָס מיר האָבען געטראָגען און דער שטויב איז
פערקראָכען אין די אויגען, אין די נאָז און אין די אויערען. און ס'איז
געווען שווער צו כאַפּען אָטעם. ס'איז געוואָרען עפּעס אַ מהומה, קיי-
נער האָט נישט דערקענט דעם אַנדערען. די לאַגע איז געווען אַני-
ערגערע, ווי אין מצרים בשעת דער מכת „חושך", ווייל דאָרט איז
וועניגסטענס אַודאי קיין שטויב נישט געווען. איך געדענק, ווי מיר
זענען אַריין זאַלבעדריט אין אַ יורטע, וואָס האָט געציטערט, ווי אין
קדחת. דער שרעקליכער שטורמווינד האָט אַרויסגעשטופּט פון איהרע
וואָילאקענע ווענד אַזוי פיעל שטויב, אַז מיר זענען שיער נישט דער-
שטיקט געוואָרען. קיינער פון אונז האָט נישט געוואוסט, ווער עס
זענען די צוויי אַנדערע. מיר האָבען אַריינגעשריען איינער דעם אַנ-
דערען אין די אויערען אַריין, מען האָט אָבער גאָרנישט געהערט.
ווען מיר האָבען זיך אַ ביסעל אַרומגעוואַשען, האָבען מיר צו אונזער
פערוואונדערונג דערזעהען, אַז מיר זענען דריי מיטגליעדער פון דער
עוואַקואַציאָנס-קאָמיסיע, גוט בעפריינדעטע וואַרשאָווער דאָקטוירים.
וואָלט דער טייפון געדויערט אַ גאַנצען טאָג, וואָלטען מיר לעבעדי-
געררהייט פון מוקדען נישט אַרויס. ס'איז געווען אַ גליק, וואָס נאָך
האַלבען טאָג איז געוואָרען אַ ביסעל שטילער. מיר האָבען אַ גאַנצען
טאָג געאַרבייט אָהן אַ שום אויפהער, אומגעגעסען און אומגעטרונקען
און ענדליך אַרום אַכט אַ זייגער אין אָווענד, ווען דער רוסישער מוק-
דען ביי דער סטאַציע האָט שוין פיין געברענט, זענען מיר די לעצ-
טע אָבגעפאָהרען אין דער ריכטונג קיין טיעלין.

מען קאָן יאָ האַלטען פון דער דאַמאָלסדיגער רוסישער אַרמעע
און מען קאָן פון איהר נישט האַלטען; מען קאָן יאָ גלויבען אין
איהרע גבורות און מען קאָן נישט גלויבען, אָבער אַז זי האָט מייס-
טערהאַפט אונטערגעצונדען, — דאָס אונטערליגט נישט קיין שום ספק.
די הויכע בערג פון זעק, וואָס האָבען געקאָנט פּראָוויאַנטירען און
בעקליידען טויזענדער מענשען, — דאָס אַלץ האָט געברענט, ווי אַ

צינדהעלצעל. וואָס אמת, ס׳איז קיין אַנדערע ברירה נישט געווען, ווייל צום גרויספיהרען דאָס אַלץ האָט מען בעדאַרפט זעהר אַסך צייט.

אַרויסגעפאָהרען זענען מיר פון מוקדען אין אַ „טיעפּלושקע" פּאַר „פיערציג מענשען און אַכט פּערד", מיט'ן בעריהמטען אייוועלע אין דער מיט, וואָס האָט אָרענטליך געראָכערט און געשטינקען מיט קויהלען. ס'האָבען זיך אָבער אַהין אַריינגעפּאַקט העכער זעכציג פּער־שוין: דאָקטוירים, שוועסטער, פּעלדשערס סאַניטאַרען וכדומה. ס'איז געווען אַ שרעקליכע ענגשאַפט. מען איז געזעסען כמעט איינער אויפ'ן אַנדערען און אויף די גאַנצע „טיעפּלושקע" איז געווען אויסגעגאָסען עפּעס אַ ווילדע מרה־שחורה. אַנ'אמת'ע, אָדער אַ געמאַכטע, גיכער אַ געמאַכטע, אָבער הונגעריג, דורשטיג און מיעד זענען אַלע געווען אויפ'ן רעכטען אמת. איך האָב מיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער נאַרע נעבען קליינעם פענסטערל און האָב כלומרשט נישט ווילענדיג אויסגעהאַקט אַ שויב. עס האָט זיך אַריינגעריסען אַ ווינד און ס'איז געוואָרען לכל הפחות אַ ביסעל לופטיגער, אָבער מיין לופט־כאַפּעריי האָט נישט לאַנג געדויערט, ווייל מען האָט פון אַלע זייטען אָנגעהויבען צו שרייען, אַז ס'איז קאַלט, בפרט די שוועסטער מיט וואַטע אין די אויערען האָבען שרעקליך מורא געהאַט פאַר אַ „סקוואָזניאַק" (צוג) און זיי האָבען פערשטאָפּט דאָס אָפענע פענסטערל מיט אַ קאָלדרע, אַ ביסעל לופט האָט זיך פאָרט אַריינגע'גנב'עט.

איך בין געבליבען זיצען הארט נעבען פענסטערל און בין געווען גראָד נישט זעהר טרויעריג, איין זאַך נאָר איז געווען שלעכט, וואָס מיין שכנ'טע, אַ זעהר דיקע „שוועסטער", האָט זיך באַלד, ווי דער צוג האָט געריהרט, צוכראָפּעט אויף די גאַנצע וועלט און האָט מיט איהר ריעזעדיגען גוף, וואָס איז געווען איינגעוויקעלט אין עט־ליכע פערפעצטע פּעלצלעך, מיך צוגעקוועטשט צו דער האַרטער וואַנד. און האָב קוים געקאָנט אַרויסנעהמען מיין נאָטיץ־ביכעלע און פער־צייכענען, אַז „דעם 24־טען פעברואַר (9־טען מערץ) אַכט אַזייגער אין אָוונד האָבען מיר פערלאָזט מוקדען". אַזוי פלעג איך מיך צו פיה־רען ביי יעדעם אָבטרעטען אַפילו אין אַזאַ ענגשאַפט. וואו איך האָב מיך פשוט נישט געקאָנט ריהרען. דורך דעם שטיק שטויב פונ'ם פענ־סטער'ל האָב איך געזעהען, ווי דער רוסישער מוקדען ברענט.

מיין מעפּיסטאָ, וואָס איז פון מיר במשך פון דעם גאַנצען אונ־זיניגען נישט־פּאָפּולערען קריעג, נישט אָבגעטרעטען אויף איין טריט

אפילו, דער האָט זיך אַזש בעלעקט פון נחת. „שעהן זעהט איהר אויס — האָט ער געזאָגט און האָט צוגעגעבען אַ געזונדען רוסישען מי שברך, וואָס ער פלעגט קיינמאָל פריהער נישט טהון, — ער האָט זיך צודאי אָנגעשטעקט פון דער סביבה, — שעהן זעהט איהר אויס! האַלב איירָאָפּא, סיביר, זאַבאַיקאלע, מאַנדזשוריע, דאָס אַלץ איז געוועזן נאָך ווענינ, ס׳האָט זיך אייך פערגלוסט דוקא קאָרעאַ, אָט נאַ דיר קאָרעאַ״. און איך האָב דערזעהען פאַר מיר אַ גרויסע פייג. „מען הרג׳עט אויס אַזוי פיעל יונגע מענשען״ — האָט ער ווייטער געדרשנ׳ט — „מען פערשאַפט הונדערטער טויזענדער אלמנות, יתומים און קאַליקעס, מען פערברענט אַזוי פיעל האָב און גוטס און צו וואָס? ווער האָט עס בעדאַרפט? און אַ חוץ דעם אַלעם ענטלויפט מען שענדליך. שעהן אויסגעפיהרט — האָט ער געענדיגט און האָט ווייטער צוגעגעבען אַ דריי־שטאָקיגען „מי שברך״. איינשלאָפען האָב איך נישט געקאָנט, ערשטענס, איבער מעפיסטאָ׳ס דרשות און, צווייטענס, איבער דער „שוועסטער״, וואָס איז כמעט געלעגען אויף מיר און איך האָב שווער געאָטהעמט. גלייך ס׳וואָלט אויף מיין ברוסט געלעגען אַ שווערער זאַק מיט זאַמד. צום גליק, האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט מענדעלזאָהנ׳ס וויאָלין־קאָנצערט, וועלכען איך האָב אין מיינע געדאַנקען אָבגעשפּיעלט פון אַלף ביז תיו.

4

פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין טיעלין. דאָרט האָבען מיר דערזעהען גאָר עפּעס שרעקליכעס. אויף די גאַסען זענען געלעגען הונדערטער פערפרוירענע זעלנער, קיינער האָט זיך מיט זיי נישט אינטערעסירט. צווישען איין מת און דעם צווייטען זענען געזעסען פערמאַטערטע זעלנער און האָבען זיך געוואַרעמט נעבען פייער, וואָס זיי האָבען אָנגעלעגט פון צעבראָכענע שטוהלען און טישען און האָבען גאַנץ געמיטליך געטרונקען טהע. וואו איז געוועזן דער שטאַב? וואו די אַנדערע שררות? קיינער האָט נישט געוואוסט און מען האָט זיך אָנגעהויבען צו סוד׳ען, אַז דעם גאַנצען שטאַב מיט קוראָפּאַטקינ׳ען בראש האָט מען גענומען אין געפאַנגענשאַפט. דאָס איז נישט געוועזן אמת. אויפ׳ן צווייטען טאָג איז אָנגעקומען דער שטאַב און ס׳איז געוואָרען אַ שטיקעל אָרדנונג. קודם כל האָט מען אָנגעהויבען

מקבר צו זיין די מתים און בכדי אויפצוהויבען א ביסעל די געמיטער האט מען געבען דער סטאַנציע אַנידערגעשטעלט אַ צוועלף מוזיקאַנטען, שיריים פון פערשידענע אָרקעסטרעס און זיי האָבען אויף צובראָכענע כלים אָנגעהויבען צו שפּילען מאַרשען, אָבער אַזוי ריין און אַזוי פרעהליך, אַז ס׳האָט זיך אַזש געגלוסט וויינען.

ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבען אָנצוקומען די אַרמעע גופא, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין אַרמעע, ס׳זענען שוין נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע אָבטיילונגען, נאָר אַ המון זעלנער, וואָס האָבען זיך אויסגעמישט צווישען זיך, פערביטען די פוהרען, פערביטען די פערד אָדער אינגאַנצען זיי פערלוירען. דאַמאָלס ערשט זענען מיר געוואויר געוואָרען, ווי ווייט גוט איז אונז געווען, וואָס מיר זענען רוהיג געפאָהרען, זאָל זיין אין אַ „טיעפּלושקע“ און האָבען מיט זיך געהאַט אַלע מכשורים און זאַכען.

אָבער די אָפיצירען און דאָקטוירים, וואָס זענען געגאַנגען אָדער געפאָהרען צוזאַמען מיט דער „אָבטרעטענדער“ אַרמעע, האָבען אַלע זייערע זאַכען פערלוירען, ווייל אויפ׳ן וועג איז געפאַלען אַ ידיעה, אַז די יאַפּאַנער זענען שוין גאָר נאָהנט, דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שרעקליכען פּחד, אַ פּאַניק, מען האָט אָנגעהויבען צו שיסען קלאָמפּערשט אויף די יאַפּאַנער, אָבער אין אמת׳ן אויף דער אייגענער אַרמעע, איין אָבטיילונג האָט בעשאָסען די צווייטע ס׳זענען געפאַלען מענשען און פערד, וועלכע מען האָט פּשוט צוטרעטען, ענדליך האָט מען איבערגעלאָזט דעם גרעסטען טייל פון די האַרמאַטען און אַנדערע כלי-זין און מען האָט אָנגעהויבען צו ענטלויפען, וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען און ס׳איז געוואָרען אַזאַ מהומה און אַזאַ דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס מען בעגעגענט זיך מיט איהר זעהר זעלטען אין דער געשיכטע פון מלחמות.

נישט קוקענדיג אויף די גאַנצע טראַגעדיע האָט מען געקייכט פון געלעכטער נישט דוקא צווישען אידען, פּאָליאַקען און אַנדערע „מינדערהייטען“, נאָר אפילו צווישען די מעהר פּראָגרעסיווע רוסען, וואָס האָבען אויך געהאַט, אַז די מפּלה פון דער אַרמעע וועט געבען אַ טויט־קלאַפּ דעם צאַראַט, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען, אַזוי ווי נאָך יעדער מפּלה. אַ ביטערע קריטיק פון די גענעראַלען, פונ׳ם שטאַב, פון דער אינטענדאַנטור וכדומה. מען האָט ווידער דערצעהלט, ווי דער גענעראַל שטאַקעלבערג האָט מיטגעפיהרט אין זיין סאַלאָן־וואַגאָן

אַ פּלגש און אַ קוה, ווי אָנשטאָט נויטיגע אַמוניציע האָט מען געפיהרט
פון רוסלאַנד פּראָסטיטוטקעס און בראָנפען. ווי דער שטאַב האָט גאָר-
נישט געקאָנט די קאַרטע פון מאַנדזשוריע און דער גרעסטער טייל דער-
פער האָט געהאַט נאָר איין נאָמען: „פוטונדא". דאָס איז געקומען
דערפון, וואָס אַרומפאָהרענדיג איבער די דערפער, בכדי צו מאַכען
אַ קאַרטע, האָט מען גערעדט מיט די כינעזער, רוסיש וואָס זיי האָ-
בען נישט פערשטאַנען און אויף די פראַגע, ווי אַזוי הייסט דאָס
און דאָס דאָרף, האָבען זיי געענטפערט: „פוטונדא" ד. ה. איך פער-
שטעה נישט. די אָפיצירען אָבער האָבען דאָס פערצייכענט, אַלס אַ
נאָמען פונ׳ם דאָרף, און אַזוי ווי ס׳זענען געווען זעהר פיעל דערפער
מיט׳ן נאָמען „פוטונדא" האָט מען זיי נומערירט: פוטונדא נומער
איינס, פוטונרא נומער צוויי א. אַז. וו.

אַזאַ קריטיק האָט מען געקענט הערען נאָך יעדער מפלה אפילו
ביי די שוואַרצע אָפיצירען, מען האָט זיך געקלאַפּט אינ׳ם האַרץ „על
חטא" און מען האָט זיך ערנידריגט אין די אייגענע אויגען, אָבער
אַזאַ דעפּרעסיע האָט געדויערט ביי זיי נאָר אַזוי לאַנג ביז מען איז
געלאָפען, איז אָבער געוואָרען אַביסעל רוהיגער און מען האָט גע-
קאָנט אַביסעל אָבאָטהעמען, איז מען ווייטער געוואָרען שטאָלץ און
שטייף און מען האָט ווידער געשריען: „שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם". און
די כבות פון די מפלות האָט מען געזוכט, וואו איהר ווילט נאָר,
אָבער נישט ביי זיך. און ווער, מיינט איהר, איז געווען שולדיג אין
דער מהומה ביי מוקדען? אודאי די עטליכע אידען וואָס זענען גע-
ווען אין „אָבאָז" (ביי די פערד,)

אין טיעלין האָבען מיר געליטען פשוט הונגער. ס׳איז נישט
געווען. וואָס צו עסען און אפילו נישט וואָס צו טרינקען, ווייל
טיעלין האָט אין דער געגענד פון דער באַהן, וואו די אַרמעע
האָט זיך קאָנצענטרירט, פערמאָגט נאָר צוויי ברונען. איינעם פון זיי
האָט מען באַלד אַרומגעצוימט און מ׳האָט נעבען איהם אַנידערגע-
שטעלט אָבצוהיטען איהם אַ „קאַראַאול"... דאָס איז געווען אַ ברונען פאַר
קוראָפּאַטקינען מיט זיין סוויטע. די גאַנצע אַרמעע, וואָס איז אַהינ-
געקומען, האָט געשעפּט פון דעם צווייטען ברונען און נאָך עטליכע
שעה שעפען האָט מען אָנגעהויבען צו בעקומען נישט קיין וואַסער
נאָר בלאָטע. מיר האָבען דורכגעלאָזט דאָס וואַסער עטליכע מאָל דורך
גאַזע. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען. בלאָטע איז געבליבען בלאָ-

טע. איין גליק, וואָס מיר האָבען דאָרט נישט געקאָנט בלייבען לענ־גער, ווי דריי טעג, ווייל די יאַפּאַנער האָבען געהאַלטען אין איין יאָגען און די אַלע פּערפּעסטונגען און פערשאַנצונגען, וואָס די רו־סען האָבען פריהער געמאַכט אין טיעלין, האָבען געקאָנט דיענען, אַזוי ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַקעגען דעם שונא, וואָס וועט אָנקומען פון צפון זייט. דאָס הייסט. די יאַפּאַנער האָבען דאָרט גע־טראָפען פּאַרטיגע פּאָזיציעס.

דריי טעג האָבען מיר אונטערגעהונגערט, אָבער דערפאַר האָבען מיר זיך גוט אויסגעשלאָפען. קיין שום אַרבייט האָבען מיר, דאָקטוי־רים פון דער קאָמיסיע, נישט געהאַט, זענען מיר געזעסען אויפ׳ן באַהן־הויף און האָבען זיך געשטיקט פון געלעכטער — הויך לאַכען האָט פאָרט נישט געפּאַסט—זעהענדיג, ווי למשל אַנ׳אויסלענדישער אַטאַשע ביים שטאַב, וואָס האָט פערלוירען אַ טייל פון זיינע זאַכען, איז גע־ווען אָנגעטהון אין אַ פראַק און אין לאַקירקעס מיט אַ זעלנערישען שינעל פון אויבען, ווי אַנ׳אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט מיט אַ שאַ־פּאָקלאַק אויפ׳ן קאָפּ, האָט געטראָגען אָנשטאָט אַ פּאַלטאָ אַ וואַרימע קאָלדרע וכדומה.

וואָס אמת איז, די אָפּטימיסטען צווישען די געליטענע, האָבען אַליין מיטגעהאָלפען לאַכען.

מיר, די מיטגליעדער פון דער עוואַקואַציאָנס-קאָמיסיע, זענען אָב־געפּאָהרען קיין גונדזשולין, וואוהין ס׳האָט אויך אָבגעטרעטען די אַר־מעע, דאָרט האָט מען שוין געקאָנט אָברוהען. ווייל סוף כל סוף זענען דאָך די יאַפּאַנער געווען אויך נאָר מענשען און זיי זענען אויך געוואָ־רען מיעד יאָגענדיג. אין דער אַרמעע האָט געהערשט אַנ׳אמת׳ע אַנאַרכיע, גענערעלער און פּולקאָווניקעס זענען זיך צולאָפען מיט דער באַהן קיין כאַרבין, ווי כלומרש׳טע קראַנקע, און פשוטע זעלנער האָבען זיך גע־לאָזט צו פוס קיין צפון — אַ היים. מען האָט געקאָנט בעגעגנען אַ זעלנער אינ׳ם גאַנצען קלאָפּערגעצייג, וואָס איז זיך געגאַנגען גאַנץ רוהיג אויף די רעלסען אין דער ריכטונג קיין צפון. אויף די פראַגע וואוהין געהט ער, האָט ער קאַטעגאָרישע געענטפערט: „קיין טאַמבאָוו״, ער האָט זיך לגמרי נישט געהאַלטען פאַר אַ דעזערטער, נאָר לויט זיין שכל איז דער קריעג געוואָרען געענדיגט און ער קעהרט צוריק אַ היים צו זיין פרוי און קינדער.

בכדי צו מאַכען אַ סוף מיט דער דעזאָרגאַניזאַציע און אַנאַרכיע

האָט דער קאָמענדאַנט פון גונדזשולין געבילדעט אַ קאָמיסיע פון עט־ליכע אָפיציהען און דאָקטוירים, וואָס האָבען רעווידירט יעדען צוג, וואָס האָט געזאָלט אָבגעהן קיין כאַרבין. צי ס׳זענען נישטאָ מיליטער־לייט, וואָס ווילען אַוועקפאָהרען אָהן אַנ׳ערלויבעניש די דאָקטוירים, צו וועלכע איך האָב אויך געהערט, האָבען בעדאַרפט פעסטשטעלען אויב די דאָזיגע, וואָס סימולירען קראַנקע. זענען טאַקי באמת קראַנק.

ס׳איז אפשר שווער צו גלויבען, ס׳איז אָבער דאָך אַ פאַקט. אַז מיר האָבען אַרויסגעשלעפט גאַנץ היבכע שררות פון אונטער די בענק, וואו זיי האָבען זיך בעהאַלטען ווי פאַסאַזשירען אָהן בילע־טען. אין גונדזשולין, האָט זיך ביסלעכווייז צוריקגעשטעלט אַ געוויסע אָרדנונג. די האָפנונג, אַז נאָך דער מפלה ביי מוקדען וועט מען שליסען פריעדען, איז נישט מקוים געוואָרען. מען האָט נאָך בעדאַרפט פריהער פערניכטען דעם רוסישען פלאָט.

XV.

דער קורצזיכטיגער קאַפּיטאַן

קאַפּיטאַן אַל—קא איז געווען אַ דיקער הערר פון אַ יאָהר עטליכע און פיערציג מיט אַ פּאָר גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגען. אין דער יוגענד האָט ער געענדיגט די קאַדעטען־שולע און איז אַריינגעטרעטען אין די אַרמעע, בכדי צו מאַכען אַ מיליטערישע קאַריערע. ער האָט אָבער אָנגעהויבען צו קרענקען אויף די אויגען און צו ווערען וואָס אַמאָל קורצזיכטיגער. ס'האָט איהם געדראָהט פשוט בלינד צו ווערען. לויט די עצות פון די דאָקטוירים, וואָס האָבען איהם בעהאַנדעלט, איז ער אַרויסגעטרעטען פון מיליטער און איז אַריבער אין רעזערוו, אַלס קאַפּיטאַן, זייענדיג אַ פערמעגליכער מענש און פערמאָגענדיג אַ גוט אין כאַרקאָווער גובערניע. האָט ער זיך דאָרט בעזעצט און האָט זיך געלעבט שטיל, רוהיג און סאָליד און אויף די אייגען איז איהם געוואָרען בעסער.

בשעת ס'איז אויסגעבראָכען דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריעג האָט מען איהם אַרויסגערופען פון רעזערוו. די קאָמיסיע, וואָס האָט בעטראַכט זיין געזונד־צושטאַנד, האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער טויג לגמרי נישט צו וועלכען ס'איז אַקטיווען דיענסט, אַז ער טראָגט די שטאַרקסטע ברילען און זעהט פאָרט כמעט גאָרנישט, אָבער בעפרייט האָט מען איהם נישט, ווייל „ער קאָן פאָרט אַמאָל צו עפּעס צונוץ קומען”. ער האָט געפּרובט פּראָטעסטירען, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפען. מען האָט איהם אַרויסגעשיקט קיין מוקדען, וואו ער איז געוואָרען פערדעכענט, אַלס רעזערוו־אָפיציר ביים שטאַב. געוואוינט האָט ער אין אַ וואַגאָן פון דער צווייטער קלאַס, וואָס איז געשטאַנען אויף

דער סטאַציע, און האָט געפיהרט זיין ווירטשאַפט מיט דער הילף פון זיין דענשטשיק, גאַנצע טעג האָט ער געשפּיעלט אין קאָרטען און פון צייט צו צייט, אַז מען האָט בעדאַרפט אויף אַ געוויסע צייט פערשטופּען ערגיץ אַ לאָך, האָט מען איהם דערצו בענוצט. ער האָט אַפּילו געהאַלטען אין איין שרייבען ראַפּאָרטען, אַז ער איז נישט אימשטאַנד צוליעב זיין קורצזיכטיגקייט, עפּעס וואָס צו טהון, ער האָט געבעטען רחמים, אַז מען זאָל איהם אָבלאָזען אַ היים, ווייל ער האָט מורא, אַז ער וועט אין גאַנצען בלינד ווערען, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען און אויף אַלע זיינע ראַפּאָרטען האָט ער אַפּילו קיין תשובה נישט בעקומען.

אַ צוויי וואָכען פאַר דער מפּלה ביי מוקדען האָט קוראָפּאַטקין, ווייזט אויס, אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען אָרגאַניזירען אַ ריקצוג, ס'איז געווען, וואָס אַניאמת, אַ ביסעל צו שפּעט, אָבער, ווי די וועלט זאָגט, ס'איז בעסער שפּעט, ווי קיינמאָל נישט, אויפ'ן בעפעהל פונ'ם שטאַב האָבען זיך געבילדעט אַ. ג. „קאָמאַנדעס", וואָס יעדע פון זיי איז בעשטאַנען פון אַ הונדערט און פופציג זעלנער, מייסטענטיילס עלטערע פערשוינען פון „זאַפּאַס", אָדער גלאַט שלימזל'ים וואָס האָבען געהערט צו דעם טיפּ פון אַ לא־יוצלח.

יעדע קאָמאַנדע האָט געמוזט, פערשטעהט זיך, האָבען איהר קאָמאַנדיר, איהר דאָקטאָר, איהר פעלדשער, פעלדפעבעל וכדומה. און אָט אַלס קאָמאַנדיר פון איינע פון זיי איז בעשטימט געוואָרען דער קורצזיכטיגער קאַפּיטאַן. די קאָמאַנדע איז געשטאַנען אַ פופצעהן קילאָמעטער הינטער מוקדען ביי אַ טייך חונ־חע און איהר אויפגאַבע איז געווען צו פערטיידיגען די בריק, ביז ס'וועט איבער איהר אַריבער די רוסישע אַרמעע, און דערנאָך די בריק אויפצורייסען. בשעת דער קאַפּיטאַן האָט בעקומען דעם בעפעהל פונ'ם שטאַב איז ער געוואָרען אויסער זיך, ער האָט מיט גרויס כעס צוקנייטשט דאָס פּאַפּירעל און האָט עס אַ שמיץ געגעבען אויף דער ערד. „צי בין איך פעהיג צו פערטיידיגען בריקען און צו אָרגאַניזירען אַ ריקצוג", האָט ער געשריען נישט מיט זיין קול. „איך בין דאָך בלינד! און מיט וועמען געה איך צום טיש? מיט אַלטע לייט, וואָס קאָנען קיין ביקס אין דער האַנד נישט האַלטען"! צוגעבענדיג עטליכע פעסטע זידלערייען אויפ'ן אַדרעס פונ'ם שטאַב האָט ער קאַטעגאָריש אַ זאָג געטהון: „איך פאָהר נישט צו דער קאָמאַנדע!" און האָט געהאַלטען וואָרט.

צו הילף האָט דער קאַפּיטאַן בעקומען אַן'אָפיציר פון „זאַפּאַס", אַ לעהרער פון טשענסטאָכאָווער גימנאַזיע, וואָס האָט זעהר גוט פער־טייטשט האָמערען, אָבער אין תּכסיסי מלחמה איז ער געווען נישט קיין גרויסער מומחה. אַלס אַרצט פון דער קאָמאַנדא איז געוואָרען בעשטימט אַן'עלטערער דאָקטאָר סל—סקי פון קיעוו — אויך אַ רע־זערוו־אַרצט, — וואָס האָט געוואוינט מיט דעם קאַפּיטאַן אין'ם וואַ־גאָן, ער האָט זיך פערקוקט אויפ'ן קאַפּיטאַן און איז אויך נישט גע־פאָהרען אין דער קאָמאַנדע אַריין. אַזוי אַרומער איז ביי דער קאָ־מאַנדע געווען דער טשענסטאָכאָווער לעהרער און אַ פעלדשער, און דער קאַפּיטאַן מיט'ן דאָקטאָר האָבען זיך געפיהרט אין'ם וואַגאָן, ווי־שטענדיג און האָבען ווייטער געשפּיעלט אין קאָרטען.

יעדען אָווענד האָט מען געקאָנט זעהן אַזאַ סצענע: דער קאַ־פּיטאַן מיט'ן דאָקטאָר ס. און מיט נאָך צוויי לעדיגגעהערס האָבען געשפּיעלט מיט גרויס כּונה אין קאָרטען און אַ זעלנער איז געקומען פון דער קאָמאַנדע מיט אַ ראַפּאָרט, וואָס הערט זיך דאָרט. דאָס שפּיע־לען אין קאָרטען האָט מען נישט איבערגעריסען און דער זעלנער, שטעהענדיג פון הינטען די שפּילערס אויסגעצויגען, גלייך ער וואָלט אַ שטעקען איינגעשלונגען, האָט ראַפּאָרטירט: „צוויי זעלנער האָבען בעקומען שלשול און דער „פערשעל" האָט זיי געגעבען ריצינאָייל".

„גוט" האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן און האָט געוואָרפען אַ קאָרט.

— „ס'האָט פערפעהלט ווייס ברויט, האָבען מיר געגעבען שוואַרץ ברויט".

— „זעהר גוט! פּאַס".

— „אַ פערד איז געפּגר'ט, האָבען מיר אַראָבגעצויגען די פעל".

— „גאָר פיין! מעהר גאָרנישט? סטופּאַי!"

דער זעלנער האָט זיך געטהון אַ דרעה אויס אויף די קנאַפּלען על פּי דין און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַזוי האָט זיך געפיהרט אַ טאָג צעהן, אָבער אַ טאָג פאַר דער מפּלה פון מוקדען, ווען מען האָט זיך שוין מכין געווען צום ענט־לויפען, האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעהויבען זיך צושלאָגען מיט דער דעה, וואָס ער זאָל טהון. ס'איז געווען פּשוט אַ רחמנות אויף איהם צו קוקען, ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. און ענדליך האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען אין די קאָמאַנדע. „איך פאָהר אויף

אַ זילערען טויט" האָט ער געזאָגט. „אָבער איך קאָן דאָך נישט זיין קיין דעזערטירער און מוז מיין חוב ערפילען". ער האָט זיך אָנגעטהון מיט'ן גאַנצען קנאַק, האָט זיך הערצליך געזעגענט און צוקושט מיט אַלע זיינע נאָהנטע בעקאַנטע, מיט דער הילף פונ'ם דענשטשיק איז ער אַרויף אויפ'ן אָנגעזאָטעלטען פערד און זיי זענען אַוועקגעריטען. מיר האָבען זיי נאָכגעקוקט מיט דעם גרעסטען מיטגעפיהל און בעדויערונג. אַלע זיינע זאַכען האָט דער קאַפּיטאַן איבערגעגעבען אונטער דער השגחה פונ'ם ד"ר ס., וועלכער איז געבליבען אין וואַגאָן. „די קאָמאַנדע וועט זיך דאָך סוף כל סוף צולויפען, האָט ער פילאָזאָפירט, היינט איז דען נישט געזונדער און פראַקטישער צו ענטלויפען מיט דער באַהן, איידער צו פוס, אָבער אַפילו רייטענדיג אויף אַ פערד.

צוויי טעג אַרום, יוען מיר זענען שוין געווען אין טיעלין, אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט, איז דער קאַפּיטאַן אַריינגעפאַלען אין די „טיעפּלושקע" וואו מיר דאָקטוירים האָבען גענעכטיגט, נישט טויט און נישט לעבעדיג. ער איז געווען נעביך שרעקליך פערשטויבט, שוואַרץ ווי די ערד און האָט שווער געאָטהעמט. עטליכע פון אונז זענען נאָך נישט געשלאָפען און מיר האָבען זיך זעהר דערפרעהט וואָס ער איז לעבען געבליבען.

— „ווי אַזוי איז צוגעגאַנגען?" האָבען מיר איהם געפרעגט נייגיעריג.

— „מאָלאָדצי!" — האָט ער געענטפערט. „העלדען! אַלע זענען געפאַלען!" אַ טיעפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון אונזערע ברוסטער.

— און די בריק האָט איהר אויפגעריסען?

— „ניין, ס'איז נישט געלונגען!"

— וואו איז דער דענשטשיק?"

— „פערפאַלען געוואָרען! אודאי אויך געהרג'עט געוואָרען".

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אין אָנטהון אויף די נאַרע און מניה וביה האָט מען איהם שוין געהערט שנאָרכען און כראָפּען.

ווען מיר זענען אין דער פריה אויפגעשטאַנען האָבען מיר בעמערקט, אַז לעבן אונזער טיעפלושקע פערזאַמלען זיך עפּעס זעלנער און זייער צאָהל ווערט מיט יעדער מינוט גרעסער. ענדליך איז

איינער פון די זעלנער אַריינגעקומען אין די טיפּעלושקע און האָט זיך געפרעגט אויפ׳ן קאַפּיטאַן, וואָס איז נאָך געשלאָפן זעהר גע־שמאַק. אויף אונזער פראַגע, צו וואָס בעדאַרף ער איהם, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז פעלדפעבעל פון קאָמאַנדע און וויל געוואָהר ווערען ביי דעם קאָמאַנדיר, וואו זאָל ער אַהינטהון די קאָמאַנדע און וואו קאָן ער בעקומען פאַר זיי עסען. ווייל אַלע זענען טויט הונגעריג. מיר האָבען איהם אָנגעקוקט זעהר פערוואונדערט. דער קאַפּיטאַן האָט דאָך דערצעהלט, אַז איהר האָט געזאָלט געהרג׳עט ווערען ביי דער בריק פון „חונ־חע?״ האָבען מיר געפרעגט. „זאָל גאָט שומר ומציל זיין״, האָט ער געענטפערט און האָט זיך איבער־געצלמט.

— „פאַרוואָס האָט דער קאַפּיטאַן אייך נישט געטראָפען ביי דער בריק?

די תשובה איז געווען אַ פשוטע: זיי האָבען געזעהען, ווי אַלע צולויפען זיך, זענען זיי אויך ענטלאָפען, מיר האָבען אָנגעהויבען צו לאַכען, לאַכען מיר נאָך.

ווען דער קאַפּיטאַן איז אויפגעשטאַנען און דערזעהען די גאַנ־צע מחנה איז ער נעביך רויט געוואָרען פון בושה. אַ גאַנצען טאָג האָט ער גאָרנישט גערעדט. ערשט ביי נאַכט, ווען ער איז אַביסעל געקומען צו זיך, האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי ער האָט אַליין נעביך געמוזט אַרומזוכען די בריק אויף חונ־חע, ווייל דער דענש־טשיק איז באַלד ערגיץ פערפאַלען געוואָרען. ס׳איז געווען אַ שרעקלי־כער שטורם־ווינד... ער האָט גאָרנישט געזעהען פאַר זיך... פון אַלע זיי־טען זענען אַלע געלאָפען, ווי די טייוולאָנים... ענדליך נאָך עטליכע שעה אַרומרייטענדיג האָט ער געפונען די בריק, אָבער פון דער קאָ־מאַנדע איז נישט געווען קיין שום זכר... האָט ער געמיינט אַז זיי זענען אַלע געפאַלען... ווער האָט עס געקאָנט איינפאַלען, אַז די „מער־זאַווצעס״ זענען זיך גאָר צולאָפען! און ער ווייס דען זיכער? אפשר איז דאָס געווען גאָר אַנ׳אַנדער בריק אויף אַנ׳אַנדער טייך? אַז ער איז בלינד! ער איז געווען שרעקליך אויפגערעגט און האָט אָנגעהוי־בען צו זידלען דעם שטאַב און צו שיטען אויף איהם טויטע קללות, „איך מוז מיך אין איהם נוקם זיין״ האָט ער געהאַלטען אין איין שרייען און האָט עס מקיים געווען.

אַזוי ווי פאַר די אָפיצירען, וואָס האָבען ביים אַנטלויפען פון

מוקדען, פערלוירען זייערע זאַכען, האָט דער שטאַב אַסיגנירט צו צוויי הונדערט רובעל אויף נייע מלבושים, האָט דער קאַפּיטאַן בע־שלאָסען, הגם ער האָט זיינע זאַכען נישט פערלוירען, ווייל זיי זענען דאָך געבליבען אין וואַגאָן, אַרויסצופאָדערן די צוויי הונדערט רובעל, דאָס זעלבע האָט ער געהייסען טהון אויך דעם ד"ר ס. וואָס וואָלט דאָך אויך פערלוירען די זאַכען, אויב ער וואָלט אַנטלאָפען מיט דער קאָמאַנדע צוזאַמען.

זיי האָבען זיך ביידע אַנידערגעזעצט און האָבען אויפגעשריבען ראַפּאָרטען מיט אויספאָדערונגען צו צוויי הונדערט רובעל און דערביי האָבען זיי געשאָלטען די שררות מיט די ערגסטע קללות.

אין עטליכע טעג אַרום האָבען זיי דאָס געלד אָבגענומען.

„זאָלען זיי, צום טייוועל, מיך נישט שיקען דאָס צווייטע מאָל אויפרייסען בריקען, אויפגעריסען זאָלען זיי ווערען" האָט דער קאַפּי־טאַן געזאָגט. שאָקלענדיג מיט די צוויי הונדערטער און האָט זיך אַנידערגעזעצט שפּילען אין קאָרטען, ווי שטענדיג.

ועx.

פורים אין גונדזשולין

בשעת איך בין געווען אַ חדר־אינגעל, האָב איך שטענדיג מקנא געווען אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ענטלאָפען פון מצרים. ערשטענס, האָב איך זיי מקנא געווען, וואָס זיי האָבען אָנגעבאָרגט אַ סך זילבער, גאָלד און קליידער, — אַ אידיש אינגעל ווייסט שוין אַפילו אין חדר, ווי ווייט די דאָזיגע זאַכען זענען נויטיג אין לעבען פון יעדען אָרענט־ליכען מענשען.

צווייטענס, ווי געשמאַק איז גלאַט אַזוי צו מאַכען פליטה ביי־נאַכט מיט שאָף און רינדער. צו שפּרייזען איבער׳ן ים און צו זינ־גען שירה, אַ סך בעסער, דאַכט זיך, ווי צו זיצען אַלץ אין חדר און לערנען חומש מיט רש״י און אַהיים צו געהן אַלץ דורך די זעלבע גאַסען.

וואָס אמת איז, די יוצאי מצרים האָבען מיטגעכאַפּט מיט זיך טייג, איידער עס איז זויער געוואָרען. אַ גרויס אומגליק! איז נישט־זויערע טייג, אַבי טייג, און פון הונגער איז ברוך השם קיינער דאָך נישט געשטאָרבען.

זיי זענען געגאַנגען אין ים צווישען צווי ווענד, זיי זענען אוודאי אַ ביסעל בעשפּריצט געוואָרען, אָבער מיט ריין ים־וואַסער און נישט מיט בלאָטע, ווי אין די אידישע שטעדט אין ניסן.

הכלל איך האָב זיי מקנא געווען פון גאַנצען האַרץ, איך וועל אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת, איך האָב זיי מקנא געווען אַפילו ווען איך בין שוין געווען אַ סטודענט, אַפילו ווען איך בין געוואָרען דאָק־

טאָר, און דערפאַר האָט מיך אַודאי דער אויבערשטער געשטראָפט. קנאה איז די גרעסטע עבירה אויף דער וועלט. כ׳בין נעביך אויך געווען אַ יוצא בחפזון. איך בין נישט געגאַנגען איבער׳ן ים, כ׳בין געפאָהרען מיט דער באַהן אין אַ וואַגאָן „פאַר 40 מענשען אָדער 8 פערד", אָהן שאָף און רינדער, קיין גאָלד און זילבער האָב איך נישט געבאָרגט, ד. ה. מען האָט מיר נישט געוואָלט באָרגען, איך האָב גע־דאַנקט גאָט, וואָס איך האָב מציל געווען דאָס, וואָס איך טראָג אויף מיר; קיין טייג, אַפילו נישט קיין זויערע, האָב איך פאַר מיינע אויגען אַ פאָר טאָג נישט געזעהן, שירה האָב איך נישט געקאָנט זינגען, ווייל ס׳האָט מיר, לא עליכם, וועה געטהון יעדער אבר אין דעם זינ־דיגען גוף.

אָקעגען אַזייגער צוויי בייטאָג בין איך אָנגעקומען קיין גונ־דזשולין און בין „פערפאָהרען" עפּעס אין אַ לעדיג שטיבעל אָהן זאַ־כען און אָהן אַ שום בעל־הבית. ער איז אַודאי ענטלאָפען, ער גלויבט אַודאי נישט פון נייטראַליטעט.

דאָס שטיבעל איז ד׳ על ד׳, ס׳האָט אָבער אַ מעלה, ס׳איז זעהר הויך, ווייל קיין סופיט איז איבערהויפּט נישטאָ אין איהם. צווי־שען די בעלקעס האַלטען זיך אויף פויגעל. מהיכא תיתי! פויגעל זע־נען גאַנץ גוטע פרעהליכע שכנים, הגם זיי וואַרפען אַראָב אויפ׳ן קאָפּ אוננויטיגע זאַכען.

אַ סך ערגער זענען געווען די מייז, וואָס האָבען גאָר קיין שום מורא נישט געהאַט און האָבען גע׳בעל־הבית׳עט, ווי ביי זיך אין דער היים. איך בין אָבער שוין מיט זיי בעקאַנט אַ חדשים אַכט נאָך פון מוקדען אָן און זיי לעגען אויף מיר אַ קאָפּ כבוד.

מיין דענשטשיק, אַ הויכער. דאַרער סאָלדאַט, וואָס האָט שטענ־דיג אַנ׳אונטערגעהאַקט אויג, האָט ערגיץ בעקומען — אַזוי זאָגט ער, אויף אונזער לשון וואָלט עס געהייסען: אַוועקגע׳גנב׳ט, — אַ שטי־קעל וואָילאַק, אויפ׳ן וואָילאַק האָט ער אַנידערגעלעגט מיין פעלציל, וואָס איך האָב געקויפט אין כאַרבין. דאָס פעלציל האָט געהאַלטען אין אויסקריכען שוין אַ חדשים פינף און ס׳איז נאָך געווען אין איהם האָהר, דערפון איז גרינג צו פערשטעהן, וויפיעל האָהר עס האָט גע־האַט פון אָנהויב. צו־קאָפּענס האָט ער מיר אַנידערגעלעגט אַנ׳אָנגע־בלאָזען קישעלע, וואָס איך האַלט שטענדיג על כל צרה שלא תבוא אין דער קעשענע. איך האָב מיך אַנידערגעלעגט און צוגעדעקט זיך

מיט׳ן שינעל. נאָכ׳ן וואַגאָן, וואו מיר זענען אַ פּאָר טאָג געלעגען ווי הערינג אין אַ פאַס, איז אַזאַ ליעגען אויף דער ערד, אַבי נישט אין דער ערד, געווען אַ שטיקעל עולם הזה. איך ליעג ווי אַ גראַף און ציה מיר אויס די ביינער. איין חסרון, וואָס דער שינעל האָט אַ זעהר לאַנגען שפּאַלט, אָבער ווען נישט דאָס, וואָלט מיר שוין צו-גוט געווען. איך ליעג און זעה, ווי מיין דענשטשיק ברענגט אריין פערשיעדענע בעל־הבתישקייט, על שלעפּט אַריין אַ פעסעל פון הערינג. דאָס זאָגט ער, וועט זיין אַ טיש, דערנאָך ברענגט ער אַריין צוויי קעסטלעך. דאָס זאָגט ער, וועלען זיין שטוהלען צום זיצען.

מהיכא תיתי, טראַכט איך מיר און וויקעל מיך איין גוט אין שינעל.

שפּעטער ברענגט ער אַ פּאָר טשוועקעס און שלאָגט אַריין אין די וואַנד.

— אַ שאָד, — זאָגט ער, — וואָס ס׳איז נישט דאָ, וואָס אויפצוהענגען.

— וואו געהמט מען, — פרעג איך איהם. — אַ גלאָז? עס גלוסט זיך אַ ביסעל וואַרימס.

— גלאָז, — זאָגט ער, — קען מען נישט בעקומען, נאָר ס׳איז פאַרהאַן אַנ׳עצה: ער וועט עפענען אַ באַנקע מיט קאָנסערוועז. און אַז מען וועט אויפעסען, וועט די באַנקע נוצען פאַר אַ גלאָז, און תוך כדי דבור האָט ער טאַקע געעפענט אַ באַנקע, אויפגעגעסען די קאָנסערוועז און ס׳איז מיט מזל געוואָרען אַ גלאָז. איך האָב גאָרנישט געוואוסט, טראַכט איך מיר, אַז ער איז אַזאַ חכם. אין אַ פערטיל שעה אַרום האָב איך שוין געטרונקען טהיי.

איך ליעג און שעפּ נחת, ווי השם יתברך האָט אַזוי צוטיילט חכמה פערשיעדענע בשר ודם׳ס און שפּייזט פון אַ קליין ווערימעל ביז אַ דאָקטאָר, איך האָב אפילו שוין געוואָלט אַ ביסעל אַ דרעמיל טהון, קומט פּלוצלונג אַריין צולויפען אַ בעקאַנטער קאָלעגא, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, וואָס איז איינגאַנצען שפּיציג: שפּיציגע אויגען, אַ שפּיציג נעזיל, אַ שפּיציג בערדיל, אפילו די קאָלאָשען זענען ביי איהם שפּיציג. אַזעלכע שפּיציגע מענשען זענען בעשאַפען געוואָרען משׁשת ימי בראשית נישט צו לאָזען אָרענטליכע מענשען שלאָפען, אָנצומאַכען פערשיעדענע רכילות, געוואָהר צו ווערען די ערשטע פון יעדען סקאַנדאַל. נאָר אַמאָל קומען זיי פונדעסטוועגען צונוץ.

— גוט מאָרגען, — זאָגט ער, — געאָרגי גאַווריל‌אָוויטש. איך קוק מיך אום, אין שטיבעל איז אַחוץ מיר קיינער נישטאָ. שטויס איך מיך דערפון, אַז דאָס מיינט ער מיך.

— גוט מאָרגען, ענטפער איך, — מאַטוועי סערגייעוויטש.

— קסאַווערי קאָנסטאַנטינאָוויטש, — פעררי‌כט ער מיר.

— איך האָב מיר געמאַכט אַ מנהג צו רופען בעקאַנטע אָדער אומבעקאַנטע חברים מיט די נעמען, וואָס פאַלען מיר נאָר איין. ווע-ניג געשעפטען האָב איך, — געה טראָג אַרום אויפ׳ן קאָפּ אַ פּאָר הונ-דערט נעמען און נאָך מיט די טאַטענס נעמען, טייל חברים לאַכען דערפון, טייל בעליידיגען זיך: לאָזען זיי מיך רופען צו אַ דין-תורה.

דער שפּיציגער געהערט צו די, וואָס לאַכען.

— איהר האָט אייך, זאָגט ער, — אַזוי גיך שוין איינגעאָרדענט גאָר פיין.

— אויף אַלע שונאי ישראל געזאָגט, — טראַכט איך מיר און זאָג הויך: דאָס אַלץ, וואָס איהר זעהט, האָב איך צו פערדאַנקען מיין דענשטשיק. ער האָט טאַקע אַנ׳אונטערגעהאַקטע אויג, ער איז אָבער אַ גרויסער בריה: ראָבינזאָן קרוזאָ איז אַ הונד געווען ענטקע-גען איהם. דער שפּיציגער איז מיר מקנא, ער האָט נאָך נעביך נישט קיין דירה.

— און די זאַכען? — פרעג איך איהם.

— ווער האָט איצט זאַכען, — ענטפערט ער און נעהמט אַרויס אַ בינדע, וויקעלט אָב אַ שטיקעל, רייסט אָב און רייניגט אויס די שפּיציגע נאָז.

— איהר ווייסט, זאָגט ער, אַז היינט ביינאַכט איז פּורים?

— איך זאָל אַזוי נישט וויסען פון קיין שלעכטס, — זאָג איך איהם, — פאַסטען — פאַסט איך שוין אַ פּאָר טעג, אָבער, אַז ס׳איז היינט אסתר-תענית, איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלען. — איך נעהם אַרויס פון בוזעם-קעשענע אַ קליין לוח׳ל פּאַר צוויי גראָשען, וואָס איך טראָג שטענדיג ביי מיר, בכדי איך זאָל וויסען, וואו איך בין אויף דער וועלט און ווער געוואָהר, אַז מאָנטאָג דעם ד-טען מערץ איז אסתר-תענית.

— הכלל, זאָג איך איהם, וואָס קומט דערפון אַרויס, אַז היינט ביינאַכט איז פּורים?

— ס׳איז אַ יושר, זאָגט ער, — זיך צונויפצוקומען און טאַקע

אין אמת׳ן עפעס טהון.

— וואָס ווילט איהר טהון?

— עפּעס מאַכט איהר אייך, זאָגט ער, כּלא יודע, אַז מען ועט זיך צונויפקומען, וועט עפּעס ווערען.

— אַדרבּה! מיין דירה, — זאָג איך מיט גדלות, — שטעהט פאַר אייך אָפען. ברענגט דעם עולם.

ער האָט מיר אויסגעשטרעקט דאָס שפּיציגע הענדטיל און איז אַרויסגעלאָפען.

— ברענגט מיט, — שריי איך איהם נאָך, — אַ פּאָר גלעזער, טעפּלעך אָדער באַנקעס פון קאָנסערוועז.

— גרייט־אָן, — שרייט ער מיר צוריק, ברויט, אָבער אַ סך, די חברה איז הונגעריג. משקה וועל איך שוין ברענגען. מען זעהט איהם שוין נישט.

איך וויקעל מיך איין אין שינעל, ס׳שלאָפט זיך אָבער נישט, די געדאַנקען לאָזען נישט.

איך דערמאָהן מיך אָן פורים. נישט אָן דעם טרוקענעם פּורים פון דער שוהל (אויף דער טלאָמאַצקע) מיט דער קאַטערינקע צווישען די קאַפּיטלעך, אַפילו נישט דעם פורים־באַל פון די וואַרשאָווער לי־טעראַטען אָדער דער ליטווישער קיך, וועלכע איז שטענדיג געווען אַ נדחה, — ס׳טויכט אויף אין מיינע געדאַנקען דער אמת׳ער אידישער פורים אין אַ אידישער שטאָדט אויף דער אידען־גאַס.

אסתּר־תּענית, דאָס פאָר־שפּיעל פון פורים, איז געווען אַ זעהר פרעהליכער תענית: מען האָט געקאָנט אַ גאַנצען טאָג נאַשען פון אַלע מולטערס, עסען מאָהן, ראָזינקעס, פערשיעדענע קיכלעך און פּאָרט קלאָמפּערשט פאַסטען און זיין ביינאַכט אַ מיוחס. פאַר־נאַכט האָט מען צוגעמאַכט אַלע געוועלבער און מען איז געלאָפען צו דער מגילה. אין דער גרויסער שוהל איז געווען אַ קעלט, ערגער ווי אין אַ פראָסט אויף דער גאַס, פון יעדענס מויל איז געפלויגען פּאַרע אויף אַ כּאָר איילען די לענג, דאָס ווידער־קול איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט געהילכט. אין יעדען ווינקעלע, אַפילו ווען דער קליינטשיקער דוד׳ל דער אונטער־שמש פלעגט ניסען. די מגילה האָט געלייענט ר׳ עוזר׳ל מגיד, אַ בן שבעים, הויט און ביין, איינגעהויקערט, און קיינער האָט נישט פערשטאַנען, פון וואַנען נעהמט זיך ביי איהם אַזוי פיעל כּחות, אַזאַ קול פּשוט פון אַ לייב, באַלד ביים ערשטען פּזר אויף „עשה

הם....לך״ האָבען די פענסטער אין דער הויך געציטערט.

הינטער דער בימה, וואו מען האָט געלייענט די מגילה, זענען געשטאַנען אפשר 15 ווייסע חברה׳ניקע׳ס מיט גרויסע הילצערנע גרע־גערס, גרייט צו דער׳הרג׳נען המנ׳ען, ס׳זאָל פון איהם נישט בלייבען אַ שריד ובליט. ס׳איז זיי אָבער געווען זעהר לאַנגווייליג צו וואַרטען אויף המנ׳ען ערשט אין דריטען קאַפּיטעל און דערפאַר האָבען זיי זיך מיישב געווען און געגרעגערט באַלד ביים ערשטען קאַפּיטעל, בשעת ר׳ עוזר׳ל מגיד האָט בנעימות אויסגערעכענט די נעמען פון די זיעבען אחשורוש׳ס מיניסטאָרען: זיי האָבען געהערט, אַז ס׳איז אַ גרויסע סברה, אַז איינער פון די מיניסטאָרען, ממוכן, האָט אַ פאַלשען פּאַספּאָרט און הייסט גאָר המן. אַזאַ חוצפה האָט אָבער נישט געקאָנט פערטראָגען אויבען אָן אין מזרח־וואַנד אַ הויכער, ברייטער, דיקער בעל־הבית, ער האָט אַ טופ געטהון מיט׳ן פוס, אָבער אַלץ הייסט אַ טופּ, און האָט אַ געשריי געטהון: „שטיל, שקצים!״ די ווענד האָבען געציטערט, שמחה שמש האָט געפינטעלט מיט די אויגען און האָט אַ קלאַפּ געגעבען אויפן בעלעמער: שאַטס! און דער אַלטיטשקער ר׳ עוזר׳ל מגיד האָט זיך הילכיג צוקרעכצט. דאָס קרעכצען מיט דעם ווידער־קול איז אַרומגעלאָפען די גאַנצע שוהל און די פיער ווייבער־שוהלען ווי אַ שטורם־ווינד, איז אַרויס דורכ׳ן פּאָלעש און איז אַריין אין קהל׳ס בית־המדרש, און האָט אַ קלאַפּ געגעבען אין רבינ׳ס בית־המדרש. די גאַנצע אידען־גאַס האָט געקרעכצט, אַפילו ביי די אוניאַטען האָט מען געזיפצט, — נישט ביי די אמת׳ע אוניאַטען, זיי זענען שוין לאַנג אויפן עולם האמת, — נאָר אין דער שוהל, וואָס ס׳האָט געהייסען און הייסט עד היום הזה: „ביי די אוניאַטען״, ווייל ס׳האָבען דאָרט געדאַווענט נישט קיין חסידים, נישט קיין דייטשען, נישט קיין מתנגדים, נאָר גלאַט אַפּקורסים ס׳הייסט ליטוואַקעס, — ציר־ביסטען זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען — ווי גרויס דאָס אפקורסות איז דאָרט געווען, איז גרינג צו פערשטעהן פון דעם פאַקט, אַז אין סאַמע יום־כפור האָט מען דאָרט געקאָנט זעהן ווי גרייז־גראָהע אידען אין טלית און קיטעל זענען געזעסען אויפ׳ן הויף, — טייל האָבען געזאָגט, אַז אַפילו אינעווייניג אין שוהל אויך, — און האָבען געלייענט די „הצפירה״.

געוואָהר געוואָרען דערפון איז מען אויף אַזאַ אופן: מאָטיל בעז, אַ פראָסטער אָבער אַ זעהר עהרליכער איד, וואָס האָט 28 יאָהר

געדאַווענט אויף איין אָרט אין דער גרויסער שוהל נעבען דעם אָרון קודש, איז אום יום כפור בשעת מוסף געוואָהר געוואָרען, אַז מען האָט געבראַכט אַ אידישען אַרעסטאַנט און מען לאָזט איהם נישט אַרויס דאַווג'ען.

פדיון שבויים פלעגט ביי איהם זיין די גרעסטע מצוה. פרייטאָג-צו־נאַכט'ס אָדער יום טוב ביינאַכט, בשעת אַלע אידען זענען געזעסען ביי זיך אין דער היים און האָבען געגעסען פיש, איז מאָטיל בעז נעבען אַרומגעלאָפען מיט אַ פּאָר אידישע סאָלדאַטען זוכען פאַר זיי אַ מאָהלצייט, מיט גרויס שברי־לב האָט ער אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם טלית און קיטעל און אין שיך און זאָקען איז ער נעבען געלאָפען אויף די גוי'שע גאַסען געוואָהר צו ווערען, אויב ס'איז אמת. ס'איז געשעהן אַ נס, די מעשה איז געווען אַ ליגען, מאָטיל לויפט צוריק מיט אַלע כחות, ווייל ער וויל נישט פאַרשפּעטיגען די עבודה. בכדי ס'זאָל זיין נעהנטער, איז ער דורכגעלאָפען דעם הויף, וואו ס'איז געווען די אוניאַטסקע שוהל. לוי שרייבער, — מען האָט איהם אַזוי גערופען, ווייל ער האָט געלערנט מיידלעך שרייבען, איז פונקט דעמאָלט געפאַלען כורעים: ער פלעגט פאַלען כורעים ווי בצלאל אָדעסער אַליין, און ס'איז געווען אויף וואָס צו קוקען. מאָטיל האָט זיך אַ ביסעל אַנידערגעשטעלט און דאָ האָט ער מיט זיינע אייגענע אויגען דערזעהן ווי אַ איד אין טלית און קיטעל זיצט זיך אין דרויסען אויף אַ שטוהל און לייענט די „הצפירה”. ס'איז איהם נישט גוט געוואָרען. ווען ער וואָלט געהאַט אַ טבע פון חלשות, וואָלט ער אַודאי געחלש'ט — אַזוי האָט ער אַליין שפּעטער דערצעהלט — ער האָט אפילו נישט געקאָנט ריהרען מיט דער צונג און אָנצווידלען דעם משומד, מיט אַלע כחות איז ער אַנטלאָפען פון דער קליפה אויף זיין אָרט אין שוהל נעבען דעם אָרון קודש און דאָרט איז ער געפאַלען חלשות. פונקט דעמאָלט איז געלאַסען אַרויפגעגאַנגען צו אַ פתיחה איינער פון די 16 שבעה טובי־העיר, און פלוצלונג חלש'ט מאָטיל בעז. ס'איז געוואָרען אַ געשריי און אַ געפילדער, מען האָט געשריען „געוואַלד, מען חלש'ט”. פון אַלע זייטען איז מען געקומען צו לויפען, מען האָט אָנגעהויבען מאָטלען צו מינטערן, צו גיסען אויף איהם וואַסער. דער יונג פון בעריל־רופא, וואָס האָט גראָד געדאַווענט אין שוהל, האָט איהם אַריינגעגאָסען אין די נאָז־לעכער האַרץ־טראָפען, האָט איהם פערברענט די נאָז, מאָטיל האָט אָנגעהויבען צו קומען

צו זיך. אין די ווייבער־שוהלען האָט מען נישט געוואוסט ווער חלשט. און אַ סך ווייבער, וועלכע האָבען געמיינט, אַז זייערע מאַנען חלש'ן, האָבען אויך אָנגעהויבען צו חלש'ן. אַ פּאָר ענערגישע בחורים האָבען זיך צו זיי אַרויפגעכאַפּט און האָבען מיט אַלע כחות געראַ־טעוועט. הכלל, די מעשה האָט זיך ב"ה געענדיגט אָהן סכנת נפשות, ס'איז אויסגעגאַנגען צו שרעק. און צו דעם, וואָס אַ פּאָר אידענעס האָט געפעהלט די זילבערנע האָהר־שפּילקעס, נאָך מוסף ערשט האָט מאָטיל דערצעהלט די גאַנצע מעשה און האָט געשוואָרען ביי באָרד און פּאות, אַז ער האָט אַליין געזעהען די „צפירה". די נאָז איז איהם געבעך געבליבען פערברענט ביז צו דער פּטירה.

מי יודע, ווי ווייט איך וואָלט פערקראָכען אין מיינע זכרונות, איך וואָלט פערקראָכען אין שלח־מנות, אין די סעודה מיט דער גו־טער קרויט אָנגעשטאָפּט מיט פעטען רייז. — נאָר ס'האָט אָנגעהוי־בען דונקעל צו ווערען, געסט קאָנען שוין קומען און ס'איז נאָך גאָר נישט דאָ. איך בין אויפגעשטאַנען, ס'פּעלציל מיט'ן וואָלעק האָב איך אויפגעהאָנגען אויף אַ טשוואָק. אַרויסגעלאָזט די לופט פון קישעלע און אַריינגעלעגט אין קעשענע. קודם כל, טראַכט איך מיר, מוז מען אָנהויבען צו זאָרגען מכוח דעם, אַז די טייערע געסט זאָלען האָבען אויף וואָס צו זיצען. כ'רוף אַריין מיין קאַמערדינער:

— היינט ביינאַכט, זאָג איך איהם, איז ביי אונז אַ יום־טוב, פּורים.

— טאַק טאָטשנא, ענטפערט דער דענשטשיק,

— דו ווייסט דען, — פרעג איך איהם מיט פערוואונדערונג, וואָס פּורים איז?

— ניקאַק ניעט, — ענטפערט ער ערנסט.

זעה איך דאָך מיט וועמען כ'האָב צו טהון, הויב איך אָן גאָר אַנדערש, — היינט ביינאַכט — זאָג איך איהם, — וועלען קומען אַ פּאָר דאָקטוירים טהיי טרינקען. ערשטענס מוזען מיר אָנגרייטען פאַר זיי ערטער צו זיצען. וואָס טהוט מען?

— ניע מאָגו זנאַט. — ענטפערט דער קאַמערדינער און קראַצט זיך.

— קעסטלעך זענען נאָך דאָ? — פרעג איך איהם.

— ניין, — זאָגט ער, — קעסטלעך זענען שוין נישטאָ, ס'ליע־גען ברעטער.

— שטריק קענסטו בעקומען?

— כ'מיין — יאָ.

— זעהר גוט, — זאָג איך איהם, — ברענג צוויי ברעטער און אַ פּאָר לאַנגע גראָבע שטריק. ס'האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט און מיין טאַנציורא — אַזוי הייסט ער — האָט אריינגעבראַכט צוויי גראָבע ברעטער מיט אַ סך שטריק. די שטריק האָבען מיר אַריבערגעוואָרפען איבער די בעלקעס אין סופים. צוגעבונדען פעסט צו די ברעטער, און ס'איז געוואָרען צוויי בענק צום זיצען. זיי זענען אפילו געווען זעהר הויך און מען האָט געמוזט אַרויפקריכען שטעלענדיג זיך אויפ'ן טיש ד. ה. אויפ'ן פעסעל. הכלל ערטער צום זיצען זענען ב״ה דאָ.

אַ סאַמאָוואַר אַ גרויסען, זאָגט טאַנציורא, וועט ער בעקומען אין שפּיטאָל.

גאָר וואויל.

טאַנציורא האָט אַ לויף געטהון אין געוועלבעל און האָט געבראַכט 6 ברויט שוואַרצע ווי קויהלען און אַ פונט ליכט רויטע, וועלכע זענען איבערגעבליבען פון וויהנאַכטען. צוויי רויטע ליכט האָב איך אָנגעצונדען, אָנגעטריפט אויפ'ן פעסעל און אַנידערגעשטעלט, און אַליין האָב איך מיך אַרומגעוואַשען אָבגעווישט מיט'ן נאָזטיכעל. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קעסטעל און וואַרט אויף די געסט.

דער ערשטער איז אַריינגעקומען אַ יונגער־מאַן. פריש אויסגעגאָלט, אָנגעטהון ווי זומער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, איך האָב מיך פאָרגעשטעלט. הכלל מיר זענען שוין בעקאַנט. כ'האָב איהם געבעטען זיצען אויפ'ן קעסטעל.

— איהר זייט, — זאָגט ער, — זעהר ליעבענסווירדיג.

— ס'איז דען אַזוי הייס אין דרויסען, פרעג איך איהם. וואָס איהר האָט אייך אַזוי אויסגעליפטערט?

— חס וחלילה, — ענטפערט ער, — ס'איז אפילו גוט קאַלט, נאָר אַלע וואַרימע זאַכען זענען פערפאַלען געוואָרען. אין י ע נ ע ם טאָג האָט ער נעבען מוקדען אַראָבגעוואָרפען אַלע וואַרימע זאַכען, בכדי ס'זאָל איהם גרינגער זיין צו לויפען און ער איז געבליבען, ווי ער שטעהט און געהט. נישט יעדער, זאָגט ער מיט אַ זיפץ, האָט מזל, און דערביי האָט ער אַ וואונק געגעבען אויף מיין פעלצעל.

— גיט מיר נישט קיין עין הרע, — זאָג איך איהם און האָב אויך אַ זיפץ געגעבען. מיר האָבען זיך צורעדט, און כ'בין געוואָהר

געוואָרען, אַז ער איז שוין 5 יאָהר ציוניסט, און איז געווען אויף 4 קאָנגרעסען, אויפ'ן לעצטען האָט ער געוויינט. אין זיין שטאָדט, וואו ער וואוינט, געהערט ער צו 8 חברות, אין איינער פון זיי איז ער גבאי. בשעת ער איז אַרויסגעפאָהרען אויף די מלחמה, האָט מען איהם געמאַכט 8 באַנקעטען. אַ האַלבע שטאָדט האָט געוויינט, די אַנדערע העלפט וואָלט אויך געוויינט, נאָר זי האָט נישט געוואוסט, ס'איז געווען אַנ'אויסכאַפעניש.

נאָך איהם האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען אַנדערע דאָקטוירים, בעקאַנטע און אומבעקאַנטע, אָנגעטהון זומערדיג אָדער פערקעהרט אין פעלצען מיט פוטערנע שטיוועל. אַ פּאָר זענען געווען אין טיעפע קאַלאָשען גאָר אָהן שטיוועל, ווייל די שטיוועל האָבען זיי אָוועקגעגעבען צו פערריכטען, די פנים'ער זענען געווען פערשטויבט, די האָהר פון קאָפּ און באָרד האָבען זיך צו להכעיס צעוואַקסען, ווי אויף הייוען, און מען זעהט אויס, ווי כשוף-מאַכערס. טייל זענען געשטאַנען, טייל זענען אַרויף אויף די ברעטער, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען און דאָס גאַנצע שטיבעל האָט זיך געטרייסעלט. דער לעצטער איז געקומען דער שפּיציגער: די זייטען-קעשענעס פון שינעל זענען אָבגעשטאַנען, די בוזעם-קעשענע איז געווען געשוואָלען. מיט גרויס גאוה האָט ער אַרויסגעצויגען צוויי פלאַש קאָניאַק, אַ בייטעל מיט טהיי און צוקער און אַ בייטעל מיט ניס. ער האָט אַ בליק געוואָרפען אויפ'ן עולם.

— אַלע, זאָגט ער, זענען דאָ. איהר קענט שוין אָנהויבען, ווענדט ער זיך צו מיר.

— וואָס אייגענטליך? — פרעג איך איהם.

— קודם כל, — זאָגט ער, — בעדאַרף מען דאָך לייענען די מגילה.

איך בין בעשטאַנען.

— איהר וועט אודאי לייענען די מגילה, — האָב איך מיך געווענדט מיט גרויס כבוד צום ציוניסט.

— ניין, זאָגט ער. ס'טהוט איהם זעהר לייד, אָבער ער קען נישט קיין העברעאיש.

— סטייטש, זאָג איך איהם: 5 יאָהר זענט איהר שוין ציוניסט, און קענט נאָך קיין העברעאיש נישט?

— ס'דאַכט זיך אייך נור, — זאָגט ער, — אַז ס'איז אַזוי לייכט.

ס'איז קיין צייט פשוט נישטאָ, פערגעסט נישט! כ'אַרבייט אין 8 חברות, יעדען אָווענד האָב איך אַ פּאָר אסיפות, מען מוז פּראָפּאַגאַנדירען, אַגיטירען, רעקלאַמירען, אָרגאַניזירען, פּראָטעסטירען; מען מוז זיך אַריינכאַפּען אין פערשיעדענע חברות, מען מוז זיך אַריינמישען אין קהל'שע זאַכען, הכלל, אַרבייט פעהלט נישט. היינט, פערגעסט נישט, בין איך דאָך גאָר אין מיטען אַג'אַקושער. היינט ווען האָב איך צייט זיך אויסצולערנען העברעאיש?

דער יונגערמאַן, טראַכט איך מיר, איז גערעכט און ווענד מיך צום שפּיציגען. איהר, זאָג איך, זענט אַוודאי אַ מומחה אין די קליי-נע אותיות'לעך. — איך האָב מיך דאָ אויך טועה געווען. אַ יאָהר 20 צוריק האָט ער געקענט די גאַנצע מגילה מיט אַלע מדרשים אויס-ווייניג, אַצינד אָבער האָט ער אַלץ פערגעסען און קען אַפילו נישט אינווייניג. קדיש זאָגען, אויב מען וועט בעדאַרפען, קען ער אויס-געצייכענט.

— ס'איז אַפילו דאָ נאָך וועמען צו זאָגען קדיש, — זאָג איך, — אָבער דערמיט איז מען נישט יוצא פאַר די מגילה.

איך ווענד מיך צום דריטען: אַ בן-ארבעים, אַ פּאָר ברילען אויף דער לאַנגער רויטליכער נאָז, אַ לאַנגע אומגעשוירענע שוואַרצע באָרד, אַ הדרת פנים, דאָס איז אַודאי, טראַכט איך מיר, אַ איד אַ בן-תורה. כ'טהו צו איהם אַ שמייכעל, ס'הייסט ווי איינער רעדט, אייך לוינט גאָר נישט צו פרעגען אַפילו, צי איהר קענט די מגילה לייע-נען. דער בעל-הבית פון דער שוואַרצער באָרד און רויטליכער נאָז האָט זיך צולאַכט:

— שוטניק, — זאָגט ער, — און קייקעלט זיך פון געלעכטער, — כ'בין דאָך גאָר קיין איד נישט. גאָט האָט מיך שומר ומציל געווען, כ'בין אַ פּראַוואָסלאַווני. כ'האָב געהערט, ווי קסאַווערי קאָנסטאַנטינאָ-וויטש — ער האָט אַ ווינק געגעבען אויפ'ן שפּיציגען — האָט גערעדט מכוח אַ ביסעל משקה. פאַר וואָס טאַקע נישט, האָב איך מיך געטראַכט, אָבער וואָס אָנבעלאַנגט די מגילה, טאָ אוזשע איזוויניטיע.

איך האָב מיך געהאַלטען פאַר די זייטען פון געלעכטער. אַלע האָבען מיטגעהאָלפען, נאָר דער שפּיציגער האָט נישט געלאַכט און די נאָז איז איהם געוואָרען נאָך שפּיציגער, אַזוי ווי איינער זאָגט: איך בין שעהן אַריינגעפאַלען.

דער פערטער, צו וועמען איך האָב מיך געווענדעט, איז בכלל

אַ געגנער פון דער העברעאישער שפּראַך, ווער, זאָגט ער, איז מחויב די צייהן צו צוברעכען אויף אַנ׳אַלטער, טויטער, הילצערנער שפּראַך. צו וואָס! צו ווען? אידען דאַרפען אָננעהמען די שפּראַך פון דער מעהרהייט, וואו זיי וואוינען. און די גאַנצע מגילה אינטערעסירט איהם. ווי פּאַר־אַ־יאָהריגער שניי. ער איז געקומען, זאָגט ער, ראשית, ווייל ער האָט נישט וואו צו נעכטיגען, און צווייטענס, האָט קסאַווע־רי קאָנסטאַנטינאָוויטש געזאָגט, אַז ס׳מאַכט זיך אַ פּרעפערענסעל, — און האָט געוואָרפען אַ שאַרפען בליק, אויפ׳ן שפּיציגען. ס׳איז מיר אַ רחמנות געווען צו קוקען אויף איהם. ער איז געוואָרען נעבעך ברוין און בלאָה.

די אַלע איבעריגע דאָקטוירים, — ס׳איז געווען אָהן אַנ׳עק־הרע 14 פּאַרשוין, — האָבען זיך אויך אָבגעזאָגט פון דעם כבוד צו לייענען די מגילה גאָר פּשוט, ווייל זיי זענען קראַנק אויף דער עברי.

— פאַרוואָס לייענט איהר נישט? — האָט מיך איינער אַ פרעג געטהון מיט חוצפּה.

—כ׳וואָלט געלייענט, זאָג איך. — נאָר גיט מיר אַ מגילה. אָדער אַ תנך״ל.

אַלע זענען געבליבען ווי געפּלעפּט, ס׳איז קיינעם גאָר נישט איינגעפאַלען, אַז מען ברויך אַ מגילה. אַ תנך״ל האָב איך געהאַט מיט מיר. יעקב דינעזאָהן האָט מיר געגעבען אַ מתנה פאַר׳ן אוועקפאָהרען. איך האָב עס געהיט, ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ. איז דאָס אָבער מעשה שטן, אַריינגעפאַלען אין פרעמדע הענד.—שפּעטער האָב איך עס צוריק בעקומען,

— און אויסווייניג?

— אויסווייניג, — האָט אַנ׳ענטפער געטהון דער שפּיציגער, וועל־כער האָט שוין בעקומען צוריק קוראַזש, קען מען עסען המן־טאַשען, אַז מען האָט.

כ׳האָב אַ קוק געטהון אויף דעם עולם אין דער הויך אויף די ברעטער, אויף דעם עולם, וואָס איז געקומען הערען די מגילה, און פון צרות האָב איך מיך צולאַכט. זיי, קוקענדיג אויף מיר, האָבען זיך אויך צעלאַכט. דאָס גאַנצע שטיבעל האָט געקייכט פון געלעכטער. טאַנציורא האָט אויך געלאַכט, איהם איז גלאַט געפעלען דאָס וואָרט:

מגילה, ס'האָט געדויערט אַ שעה פאַר מינוט ביז דאָס גלעקעלע האָט אויפגעהערט.

פאַר־אַ־יאָהרען אויפ'ן באַנקעט — האָט זיך אָנגערופען דער ציוניסט — אַלץ הייסט אַ באַנקעט, ס'זענען געווען אפשר אַ פּאָר טויזענד מענשען, אַ מאַסע דעקאָלטירטע פרויען א. ז. וו. האָט ער געהאַלטען אַ וואוילע רעדע איבער פורים. אויב מען וויל, זאָגט ער, קען ער זי איבער'חזר'ן, ער האָט אַ וואוילען זכרון.

דער עולם איז נישט בעשטאַנען, רעדנער ברויכט מען נישט. כמעט אַלע ווייסען, וואָס פורים איז, און דער פּראַוואָסלאַווער וועט יוצא זיין מיט אַ פּאָר גלעזלעך משקה. דער פּראַוואָסלאַווער האָט אָבער פּראָטעסטירט, דער אַסימילאַטאָר אויך. „זיי ווילען וויסען, זאָגען זיי, וואָס פאַר אַ נס איז געשעהען אום פורים. אַז אפילו אידען מעגען זיך אָנ'שכור'ן און עסען המן־טאַשען".

דער שפּיציגער האָט זיך אונטערגענומען צו דערצעהלען דעם נס פון פורים.

— אָבער בקצור, האָט מען געשריען פון אַלע זייטען.

ער האָט אָנגעהויבען.

די מעשה. זאָגט ער, איז פול וואונדער. ס'איז אַמאָל געווען אין פּערסיען אַ קייזער, האָט געהייסען אחשורוש, ווי אילאָוואַיסקי וויל, דאַריי, דאַריי, אַ גרויסער שכור.

— קיין נייעס נישט, — האָט זיך איינער אָנגערופען.

— איז איהם פּלוצלונג איינגעפאַלען אָבשאַפען דאָס אַלטע ווייב.

— דאָס איז קיין שום וואונדער נישט — האָט אַ זאָג געטהון דער אַסימיליאַטאָר.

— געהייסען האָט זי... ע... ע...

— ושתי — האָב איך איהם אונטערגעזאָגט.

— יאָ, ושתי. הכלל, ווי קען דען אַ פּערסישער מלך זיין אָהן אַ ווייב, האָט ער זיך מישב געווען און האָט געמאַכט אין אַלע 127 מדינות קאָמיסיעס, וועלכע האָבען אויסגעקליבען שענע מיידלעך.

— אוי, איז אודאי געווען גנבות — האָט אַריינגעשטעלט דער פּראַוואָסלאַווער.

— און די אַלע אויסגעקליבענע שענע מיידלעך האָט מען געשיקט צום קייזער, מען האָט זיי געשמירט און געבאָדען און יעדע פון זיי האָט געמוזט האַלטען אַנ'עקזאַמען. הכלל, פון אַלע מיידלעך

איז דעם קייזער געפעלען אַ אידיש מיידעל אסתּר.

— אויך קיין וואונדער נישט — האָט זיך אָבגערופען דער אַסימיליאַטאָר,

— די גמרא זאָגט — האָב איך איהם געגעבען צו פערשטעהן — אַז אסתּר איז געווען אַ גרינע.

— און אַ גרינע איז דען שלעכט? — האָט זיך אַריינגעמישט דער פּראַוואָסלאַוונע.

— און דער קייזער האָט מיט איהר חתונה געהאַט.

— האָך!—האָט זיך צושריען אַ דאָקטאָר „אויס ריגאַ". — האָט שאָן דער קייזער איינע פּרוי.

דער שפּיציגער האָט זיך אָנגעבלאָזען.

— אַז יעדער, זאָגט ער. וועט אַריינשטעלען זיינע פּאָר גראָשען, וועט ער נישט קענען ענדיגען די מעשה.

— ביים קייזער, — האָט ער ווייטער דערצעהלט. — איז געווען אַ מיניסטער, האָט ער פיינד געהאַט אידען.

— אויך קיין נייעס נישט, — האָט איינער אַריינגעשטעלט.

— און ער האָט גע׳פּועל׳ט ביים קייזער. ווען ער איז געווען שכור, אויסצו׳הרג׳ענען אַלע אידען אין אַלע 127 מדינות אין איין טאָג.

— ביי אונז אין רוסלאַנד, — האָט זיך אָנגערופען דער פּראַוואָסלאַווני — טרעפען זיך נאָך אַצונד אַזעלכע זאַכען.

— דער מיניסטער האָט געהייסען המן.

— אַ! המנקע, — האָט זיך דערמאָהנט אַ יעקאַטערינאָסלאַווער דאָקטאָר.

— די קייזערין איז דערפון געוואָהר געוואָרען, האָט זי גע־מאַכט אַ גוטען מאָהלצייט מיט אַ סך משקה. האָט זיך אויסגעפּוצט, האָט זיך אויסדעקאָלטירט און האָט איבערגע׳דבר׳ט דעם קייזער מען זאָל די אידען נישט אויס׳הרג׳ענען, און זי האָט טאַקע גע׳פּועלט.

— וואָס פּועלט דען נישט אַ יונג ווייב ביי אַנ׳אַלטען מאַן? — האָט אַ זאָג געטהון אַ דאָקטאָר מיט אַ גראָהע בערדיל.

— המנ׳ען מיט זיינע צעהן ממזרים האָט מען אויפגעהאַנגען, אידען האָבען געשלאָגען די פּערסען מכות רצח, און אסתּר׳ס פּעטער, מרדכי, אַ קלוג אידעל, איז געוואָרען וויצע-קעייג.

דער עולם האָט אויסגעשריען בראַוואָ. די ברעטער האָבען זיך

צעשאָקעלט און האָבען צוקלאַפּט די קעפּ די, וואָס זענען געזעסען אויף די קעסטלעך, דער שפּיציגער איז געווען זעהר צופריעדען.

— זעהר גוט, — האָט זיך אָנגערופען דער אַסימיליאַטאָר, — אָבער וואו זענען די וואונדער, וואָס איהר האָט צוגעזאָגט, — ס'איז דאָך אַ גאַנץ נאַטירליכע מעשה!

— דאָס וואונדער, — האָב איך מיך אָבגערופען. און דאָס קול האָט מיר געציטערט, גאַנץ מעגליך פון הונגער, איך האָב דעם גאַנצען טאָג נישט געגעסען, —דאָס וואונדער ליעגט גאָר אין אַן'אַנדער זאַך, וועלכע דער פריהערדיגער רעדנער האָט פערפעהלט.

די קייזערין אסתר, איידער זי איז געגאַנגען בעטען אחשורוש'ן אויפ'ן מאָהלצייט, האָט געזאָגט צום פעטער: געה און זאַמעל איין אַלע אידען, וואָס וואוינען אין שושן. שושן איז געווען אַ גרויסע האַנדעלס־שטאָדט און אידען האָט אודאי קיין עין הרע נישט געפעהלט ס'זענען אודאי געווען חובבי ציון און שונאי ציון. ציוניסטען און אַנטי־ציוניסטען. אוגאַנדיסטען איז אפשר נאָך נישט געווען. זענען געווען אַנדערע איסטען, טעריטאָריאַליסטען האָט אודאי נישט געפעהלט, היינט זענען געווען פערסען בני דת משה, אַזוינע שלימ־מזל'ען זענען שטענדיג געווען. זיי פלעגען האַלטען די קאָנסטיטוציעס און זענען געווען גרויסע חשובים ביים הויף און האָבען מיט התלהבות גערעדט פון אחשורוש דעם נראָבען, דעם דינעם אָדער דעם גרויסען. חוץ זיי זענען געווען די בני הגולה פון ירושלים. וואָס זעבען זיך „געקומען צו שלעפען" קיין פערסיען און האָבען אודאי אַ פנים געהאַט אין שושן. ווי, למשל, ליטוואַקעס אין וואַרשא. ס'איז לייכט אַרויסצורעדען: געה און זאַמעל איין אַלע אידען אין שושן, געה נעם צונויף מענשען וואָס רייסען און בייסען זיך, וואָס מסר'ן איינער דעם אַנדערען, וואָס זענען איינער דעם אַנדערען שונאים אויפ'ן לעבען, אויב מרדכי'ן איז דאָס געלונגען — איז דאָס אַ וואונדער, אסתר, ווייזט אויס, איז געווען אַ וואוילער פסיכאָלאָג, זי האָט געהייסען אַלע אידען פאַסטען דריי טעג און דריי נעכט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מענשען וואָס פאַסטען צוזאַמען אַ פּאָר מעת־לעת, וועלען גיכער קומען צו איין דעה.

לאָמיר זיך נישט נאַרען! ווייסט איהר, פאַרוואָס איהר האָט אייך פאַרזאַמעלט דאָ ביי מיר 14 אידען? אַז די מגילה שפּיעלט דאָ די קלענסטע ראָליע, האָב איך דאָך אַליין געזעהען! איהר האָט אייך

פערזאַמעלט, ווייל איהר זייט אין אַ פרעמד לאַנד, נאַקעט און באָר־
וועס, הונגעריק און דורשטיג, גלויבט מיר, אַז אויב איהר וואָלט גע־
ווען זאַט נישט נאָר ביי זיך אין דערהיים נאָר אפילו דאָ, וואָלטען
אַ זויגע 14 אידען אַודאי זיך נישט צונויפגעקומען און אפילו קסאַ־
ווערי, ווי הייסט ער דאָרט, וואָלט אויך נישט געהאָלפען.

— עט, וואָס טויגען מיר די מרה־שחורה׳דיגע דרשות, — האָט
מיר איבערגעשלאָגען דער שפיציגער. מען דאַרף זיך נעהמען צום
עסען און נאָך מעהר צום טרינקען, ווייל עסען איז דאָ ווייניג.

די חברה איז לעבעדיג געוואָרען, איז אַראָב פון די ברעטער
און איז געפאַלען אויפ׳ן ברויט, ווי הייזשעריקען. ס׳איז געווען נאָר
איין מעסער און דאָס ברויט האָט מען צוריסען מיט די הענד. קאָ־
ניאַק האָט מען געטרונקען גלייך פון פלעשעל איינער נאָכ׳ן אַנדערען,
מען האָט פערביסען מיט ניס, צוקער און ברויט. אין אונס.

— „לחיים" האָט מען געשריען, איבער אַ יאָהר ביי קובאַ. אי־
בער אַ יאָהר ביי טיעסטאָוו.

טאַנציורא האָט אַריינגעשלעפט דעם גרויסען סאַמאָוואַר, די פאַ־
רע פון איהם האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם רויך פון פאַפּיראָסען.
און איינער האָט נישט געזעהן דעם אַנדערען, מען האָט אָנגעהובען צו
טרינקען טהיי אין פערשידענע כלים: גלעזער, טעפּלעך און באַנקעס
פון קאָנסערווען. איינער איז גאָר געפאַלען אויף אַ המצאה און האָט
געטרונקען פון אַ לייעק פערשטאָפּענדיג דעם אונטען מיט פאַפּיר.
דער עולם האָט זיך געפרעהט און געווערטעלט, ווי קליינע קינדער.

— ס׳איז דאַכט זיך אַ מצוה. — האָט זיך אָנגערופען איינער, —
צו שפּיעלען אום פורים אין קאָרטען.

— אום חנוכה,—האָט איהם פאַרריכט דער שפיציגער.

איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, זענען שוין געווען אַ פּאָר
טעשלעך קאָרטען אויף די ברעטער. מענשען אָהן איבערגעריק האָבען
פּאָרט געהאַט מיט זיך קאָרטען, 4 פון זיי האָבען זיך געזעצט — אַ
שען זיצען, אומשטיינס געזאָגט — שפּיעלען אין פרעפערענס. אַנדערע
האָבען פּראָטעסטירט: אידען, זאָגען זיי, בעדאַרפען שפּיעלען אין
אָקע, און האָבען זיך טאַקע געזעצט שפּיעלען אין אָקע. דער
פּראָוואָסלאַווגע מיט די איבעריגע האָבען זיך געזעצט קוקען.

איך בין געווען זעהר מיעד, כ׳האָב קוים געקענט ריהרען מיט

די איברים. כ׳האָב אַ ווינק געגעבען טאַנציוראַ׳ן האָט ער מיר אויס־געלעגט דאָס פעלצעל מיט׳ן וואָילאַק, האָט אָנגעבלאָזען דאָס קישעלע און איך האָב מיך געלעגט.

— אַ גוטען פורים, חברים, — האָב איך צו זיי אַרויפגעשריען: ווען עמיצער פון אייך וועט אַראָבשפּרינגען, געדענקט, אַז דאָ אונ־טען ליגט אַ איד, וואָס האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער

קיינער האָט מיר נישט געענטפערט, איינער האָט פונקט געהאַט דריי טייז און דער צווייטער אַ גרוסען קיוענץ.

איך בין באַלד איינגעשלאָפען ווי אַ טויטער.

XVII.

דער הספד

1

די שטראַהלען פון דער אלול׳דיגער זון האָבען זיך שוין אַריינגעגנב׳ט דורך די שפּאַרעס פון די לאָדענס אין אַ קליין שטיבעל אין גונדזשולין, וואו ס׳זענען געלעגען פיער מענשען אין פעלד־בעטלעך אויף היהנערישע פּיסלעך.

דאָס זענען געווען דאָקטוירים, וואָס זענען געקומען אויף די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה פון פערשיעדענע קאַנטען: איינער פון אָמסק, דער צווייטער פון כאַרקאָוו, דער דריטער פון פּעטערבורג און דער פיערטער פון וואַרשא, דריי אידען און איין קריסט, מענשען מיט גאַנץ פערשיעדענע וועלט־אַנשויאונגען, מיט פערשיעדענע טעמפּעראַמענטען און דאָך האָבען זיי זיך צונויפגעלעבט און האָבען געטיילט ברודערליך שמחות און צרות, זיי האָבען זיך צוזאַמען געשלעפּט פון כאַבאַראָווסק קיין כאַרבין, פון כאַרבין קיין מוקדען, פון מוקדען קיין טיעלין, פון טיעלין קיין גונדזשולין, ציזאַמען געאַרבייט, געלאָפען און פערשוואַרצט געוואָרען, זיי זענען געלעגען מיט אָפענע אויגען, יעדער פערנומען מיט זיינע געדאַנקען.

איינמאָל האָט זיך איינער געווענדעט צו זיין נאָהנטסטען שכן.

— דו, פּאָליטיקער גרויסער — האָט ער איהם געזאָגט פערביסען — וואו איז דיין שלום, מיט וועלכען דו פערדרעהסט אונז דעם קאָפּ טאָג און נאַכט? לעת עתה לויפט אָב אַ טאָג נאָך אַ טאָג, דער טייוועל וויס, ווען וועט זיך דאָס ענדיגען. וויטע יאָגט זיך נישט,

וואָס פעהלט איהם דען אין פּאַרטסמוט, און וואָס פעהלט דיר דאָ אין דעם פּערשטינקענעם גונדזשולין?

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער געכאַפּט אַ קישען און האָט געוואָרפען דעם שכן אין קאָפּ אַריין. דער שכן האָט נישט לאַנג גע־לאָזט ווארטען אויף תשובה און מיט די ווערטער: „אָט האָסטו, משוגע׳נער, דעם שלום!" האָט ער איהם געוואָרפען אַ לייכטער מיט אַ גראָב סטעאַרין ליכט.

די איבעריגע צוויי פּערשוין זענען אויך נישט געבליבען בייט־ראַל און ס׳איז געוואָרען פּשוט אַ מהומה, אַ וואַרפעריי מיט מונדירען, הויזען, שווערדען, ביכער און פערשיעדענע אַנדערע זאַכען.

איינער פון די דאָקטוירים, וועלכען מען האָט ס׳מייסט בעוואָר־פען, האָט ענדליך אָנגעהויבען בעטען שלום. די געגנער זענען בע־שטאַנען, נאָר מיט׳ן תנאי, אַז ער זאָל פיער מאָל אויסשרייען: „כאַ־כאַרני מאַראָזש". ער האָט זיך געפּרובט אָבבעטען, ס׳האָט אָבער גאָר־נישט געהאָלפען און ער — אַ מענש פון אַ יאָהר עטליכע און פער־ציג מיט אַ גראָהליך בערדעל — האָט זיך נעבען אויפגעשטעלט איב׳ם בעטעל, אינ׳ם טיעפסטען נעגליזשע, און האָט מיט אַנ׳עכט פּאָניש קול פיער מאָל אויסגעשריען: „סאַכאַרני מאָ—ראָאָ—זש".

מען האָט געקייכט פון געלעכטער און ס׳איז געוואָרען שלום.

ס׳איז שטיל אַריינגעקומען דער דענשטשיק, אַ סאָלדאַט אין די מיטעלע יאָהרען מיט אַ רויטער נאָז, און האָט בכּבוד גדול אַנידער־געשטעלט נעבען יעדען בעטעל אַ פּאָר אויסגעפּוצטע שטיוועל און האָט זיך אַנידערגעשטעלט קוקען, אויב זיי שטעהען גוט, מיט אויגען פון אַ צערטליכער מוטער.

נאָכדעם האָט ער געעפענט די לאָדען.

— וואָס הערט זיך נייעס? — האָט איהם אַ פרעג געטהון איי־נער פון די דאָקטוירים.

— טאַק טשטאָ, וואשע בלאַהאָראָדיע, האָט דער דענשטשיק אָנ־געהויבען צו קייען מיט דער צונג, — דער גענעראַל רעק... רענ... ווי הייסט ער דאָרט...

— רענענקאַמפּף.

טאַק טאָטשנאָ, רעקענקאַם געהט אָבנעהמען מוקדען, ער האָט שוין בעקומען אַנ׳ערלויבניש פונ׳ם גלאַווני־קאָמאַנדויושטשי.

— דאָס האָבען מיר שוין געהערט, — האָט געענטפערט דער

דאָקטאָר, — לאָז איהם זיין צו מזל.

— צו דער אַלטיטשקער אין די ברילען — האָט ווייטער נאָך אַ קליינער פויזע דערצעהלט דער דענשטשיק מיט אַ גנבישׁ געלעכ־טערעל — איז ווידער געקומען צופאָהרען דער קאַזנאַטשיי.

— באַלד אין דער פריה?

— ניקאַק ניעט, נאָך נעכטען ביינאַכט... ער פאָהרט שוין אַוועק, אַלע האָבען זיך צולאַכט.

דער דענשטשיק שטעהט צופריעדען און גראַבעלט מיט אַ פינ־גער אין דער נאָז.

— טאַק טשטאָ, זאָגט ער ווייטער, ס׳איז געקומען דער „פער־שעל" פונ׳ם זעכצעהנטען שפּיטאָל און האָט דערצעהלט, אַז דער דאָק־טאָר, וואָס איז געלעגען דאָרט אויפ׳ן טיפוס, איז ביינאַכט געשטאָרבען.

— געשטאָרבען! — האָט זיך אַרויסגעריסען מיט איין מאָל פון מיער ברוסטען.

אינ׳ם שטיבעל איז געוואָרען שטיל, קיינער האָט זיך נישט אַ ריהר געגעבען פונ׳ם אָרט.

— אָבריסען זיך פון אַלע נאָהענטסטע, פון אַלעם, וואָס איז טייער — האָט זיך ענדליך איינער אָבגערופען — אַוועקשלעפען זיך 12 טויזענד ווייאָרסט פון דערהיים, פרעגט פאַר וואָס און פאַר ווען און בלייבען ליגען...

ער האָט נישט געענדיגט און האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

עמיצער האָט זיך געפרובט וויצלען, אַז דערפאַר שרייט ער טאַקי נעבען, אַז מען בעדאַרף וואָס גיכער ענדיגען די מלחמה; קיי־נער האָט אָבער נישט רעאַגירט דערויף און די אומעטיגע שטימונג האָט זיך נישט געענדערט.

2

מיט דער לויה פונ׳ם פערשטאָרבענעם האָבען זיך בעשעפטיגט אַלע גונדזשולינער דאָקטוירים, אפילו די, וואָס האָבען איהם גאָרנישט בעקענט.

מען האָט אַלץ בעזאָרגט, נאָר קיין קאַטוילישער גייסטליכער איז אין גונדזשולין נישט געווען — דער פערשטאָרבענער איז געווען אַ

קאַטויל. — מען האָט טעלעגראַפירט און טעלעפאָנירט אין פערשיעדע־נע פּאָלקען, ס׳זאָל קומען אַ קסיאָנדז, מען האָט צושיקט שליחים אין די גאַנצע אומגעגענד, נאָר אין קול ואין עונה — קיין שום תּשובה און קיין שום גייסטליכער.

דער אויפזעהער פון׳ם שפּיטאָל, וואו דער דאָקטאָר איז גע־שטאָרבען, האָט ערקלערט, אַז אויב צו דער בעשטימטער צייט וועט נישט אָנקומען קיין קאַטוילישער גייסטליכער, וועט מוזען די צערע־מאָניע אויספיהרען דער פּראַוואָסלאַוונער גייסטליכער.

אינ׳ם טאָג, ווען ס׳האָט בעדאַרפט פּאָרקומען די לויה, האָט מען כּעלות ווידער טעלעגראַפירט און טעלעפאָנירט, און קיין קסיאָנדז איז דאָך נישט געקומען. די אויפרעגונג איז געווען זעהר גרויס. אַ דע־פּוטאַציע פון געשטאָרבענעמ׳ס חברים האָט זיך געווענדעט צום אויפ־זעהער פון שפּיטאָל מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל ערלויבען צו בעערדי־גען דעם מת אָהן גייסטליכע, אויב דער קסיאָנדז וועט נישט אָנקו־מען, דער אויפזעהער האָט אָבער אָבגעזאָגט, ווייל על פּי דין — פּאַ זאַקאָנו — איז נישט ערלויבט צו בעערדיגען אַ קריסט אָהן גייסטליכע.

די לויה האָט בעדאַרפט פּאָרקומען 5 אַזייגער נאָך מיטאָג, שוין אַרום 2 האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערזאַמלען דאָקטוירים פון אַלע שפּיטעלער, וואָס זענען געשטאַנען אין גונדזשולין און אין דער אומ־געגענד, סיי קריסטען, סיי פּוילישע אָדער רוסישע אידען. די גאַנץ נאָהנטסטע קאָלעגען פון׳ם געשטאָרבענעם שטעהען אין דער גרעסטער אויפרעגונג מיט די זייגערלעך אין די הענד און קוקען אויף אַלע זייטען. ווי באַלד מען דערזעהט פון דערווייטענס עפּעס שוואַרץ, לויפט מען ענטקעגען. מען טענה׳ט ווידער מיט׳ן אויפזעהער, אפשר, איז פּאָרט מעגליך אָהן גייסטליכע, און ער זאָגט קאַטעגאָריש אָב.

ענדליך ווערט פינף און די לויה מוז זיך אָנהויבען, דער באַ־טיושקאַ מיט צוויי זעלנער אונטערהעלפער הויבען אָן אומעטיג צו זינ־גען די נויטיגע תּפילות, חברים מיט אויפגערעגטע טרויעריגע פּנים׳ער לעגען אַרויף דעם ארון אויפ׳ן קאַראַוואַן און מען הויבט אָן צו געהן. מען געהט נאָך דעם קאַראַוואַן מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ און אַנ׳אָר־קעסטער צונויפגעשטעלט פון פערזשאַווערטע, כּמעט צובראָכענע אינ־סטרומענטען, האָט געשפּילט, מ׳שטיינסגעזאָגט, אַ טרויער-מאַרש, אַז ס׳האָט אַזש אין די אויערען געריסען.

אַ גוטע שעה איז מען געגאַנגען, ביז מען איז געקומען אויפ׳ן

בית־הקברות, אַ זעהר גרויס פעלד פול מיט קברים און מצבות.

— פאַר זעקס חדשים — בעמערקט עמיצער — איז דאָ נישט געווען קיין איינציגער קבר.

דער אָפּענער קבר, צו וועלכען מען האָט צוגעטראָגען דעם ארון, איז געווען ביז אין דער העלפט פול מיט וואַסער — גונדזשו־לין איז זעהר אַ זומפּיג אָרט.

דער גייסטליכער מיט די אונטערהעלפער׳ס האָבען ווידער אָב־געזונגען אַ פּאָר תפלות און מען האָט דעם ארון געלאַסען אַראָבגע־לאָזט אינ׳ם קבר.

ס׳האָט אַ שטאַרקען פּליוסק געגעבען...

ס׳האָט זיך אָבגערופען אין אַלע הערצער...

די זון האָט זיך שוין גענייגט צום אונטערגאַנג און איהרע שוואַכע שטראַהלען האָבען בעלויכטען די קליינע אומעטיגע גרופּע נע־בען קבר.

ס׳האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט און מען האָט נאָר גע־הערט דאָס פערשיטען דעם קבר.

גאָר פּלוצלונג האָט זיך צוגעשטופּט גאַנץ נאָהנט צום קבר אַ סאָלדאַט פון אַ יאָהר פערציג, ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל איבערגע־צלמ׳ט און האָט אָנגעהויבען צו רעדען אינ׳ם קבר אַריין.

— מיין קינד — האָט ער געזאָגט מיט אַ פער׳שכור׳טע הייזע־ריגע שטימע — מיין קינד, האָסטו אַ מאַמע וועט זי היינט וויינען, ווייל זי האָט פערלוירען איהר קינד. האָסטו אַ כלה, אָדער אַ ווייב, וועט זי היינט וויינען, ווייל זי האָט פערלוירען איהר געליעבטען. האָסטו קינדער, וועלען זיי היינט וויינען, ווייל זיי האָבען פערלוירען זייער אָפּיעקון און ברויט־געבער. דער רעדנער האָט זיך ווידער אי־בערגעצלמ׳ט און האָט זיך אָבגערוקט אינ׳ם עולם אַריין.

מען איז געשטאַנען ווי פערגליווערט, מען האָט פּשוט מורא געהאַט איינער דעם אַנדערען אַ קוק צו טהון אין פּנים אַריין.

איינעם פון די דאָקטוירים האָט מען געמוזט נעהמען אויף די הענד און אַרויסטראָגען:

ער האָט גע׳חלש׳ט.

XVIII.

דער פערשטערטער מוסף

נאָכדעם ווי מוקדען איז געפאַלען איז גונדזשולין געווען דער מיטעלפונקט, וואו ס'האָבען זיך קאָנצענטרירט אַלע העכסטע מיליטערישע אינסט־טוציעס, דער שטאַב, דער סאַניטאַר־אינספעקטאָר און פערשיעדענע אַנדערע שררות. אַודאי איז דאָס געווען אַ גרויסער יחוס און כבוד פאַר אונז, ס'איז אָבער געווען פערבונדען מיט זעהר אַסך אונאַנגענעהמליכקייטען, מיר האָבען נישט געהאַט קיין מנוחה פון דער שפע „נאַטשאַלסטיוא", וואָס פלעגט זיך שטענדיג און אומעטום אַרומשלעפען, מיר האָבען געמוזט זיין שטענדיג אָנגעטהון על פי דין מיט דער שווערד אויף די היפטען, אַ חוץ דעם אַלעם איז דער אדון הגדול. דער אינספעקטאָר האַרבאַצעוויטש געווען אַ גרויסער פאָרמאַליסט און נאָך אַ גרעסערער רשע און אונז דאָקטוירים, בפרט אידישע, איז אויסגעקומען צו ליידען געברענטע צרות נישט נאָר פון איהם. נאָר אַפילו פון זיין סעקרעטאַר, איינעם אַ רובצאָוו. ס'זענען געווען מאָמענטען, ווען ס'איז אונז פשוט נמאס געוואָרען דאָס לעבען.

געוואוינט האָבען מיר זאַלבעפיערט אידישע דאָקטוירים אין אַ שטיבעלע ד' על ד'. וואו ס'האָבען זיך קוים אויסגעשטעלט אונזערע פיער פעלד־בעטלעך. אַלס אַ צוגאָב האָט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט אַ סוב־לאָקאַטאָר אַ דאָקטאָר פון לעטלאַנד — ליוויטען. דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַנ'אמת'ען באָסיאַק. אַ לץ שבלצים. די גאַנצע „נאַטשאַלסטווא" איז איהם אָנגעגאַנגען ווי דער פאַראַיאָהריגער שנעע, ער האָט אויך געהערט צום רעזערוו, מיט וועלכען מען האָט געוועהנליך פערשטופט אַלע לעכער, ער האָט זיך אָבער שטענדיג אויסגעדרעהט. איז, למשל, ערגיץ קראַנק געוואָרען אַ דאָקטאָר, און מען האָט געשיקט ליוויטענ'ען איהם צו פערטרעטען, האָט געדויערט אַ צוויי־

וואַכען, ביז ער איז כלומרשט געוואָהר געוואָרען, ווי אַזוי מען פאָהרט אַהין און ווען ער איז ענדליך אַהינגעקומען, איז שוין דער קראַנ־קער דאָקטאָר געווען אויפ׳ן עולם האמת און פערטרעטען פון אַנ׳אַנ־דערען, אָדער פעליג געזונד. ביז ער איז צוריקגעקומען האָט ווייטער געדויערט עטליכע וואָכען. מען האָט איהם גע׳מוסר׳ט, געמאַכט „ווי־גאָוואָרען״ מינדליך און שריפטליך, ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, ליויטען האָט געטהון זיינס.

יעדע עטליכע טעג פלעגט ער אויף אַ געוויסע צייט פערפאַלען ווערען. ער האָט ערגיץ געשפּילט אין קאָרטען און גע׳שכור׳ט און פלעגט צוריקקומען אָדער מיט אַ פולען טייסטער, אָדער אָהן אַ גראָ־שען, אפילו אָהן דעם שינעל.

רוסען האָט ער פיינד געהאַט בתכלית השנאה און האָט זיך, ווי מיין באָבע האָט געזאָגט, פערנאַרעט צו אונז אידען, ביז ער איז ענדליך געוואָרען אַ סובלאָקאַטאָר, אַזוי ווי ס׳איז אָבער נישט געווען אין אונזער שטיבעלע קיין אָרט פאַר דעם פינפטען בעטעל, איז ער געפאַלען אויף אַזאַ המצאה. ער האָט צו די פיער עקען פון זיין פעלד־בעטעל צוגעבונדען פיער גראָבע שטריק, וועלכע ער האָט אַרי־בערגעוואָרפען איבער די בעלקען פון סופיט. אַ גאַנצען טאָג פלעגט דאָס בעטעל הענגען האַרט נעבען סופיט; ביינאַכט פלעגט מען עס אַראָבציהען. ליויטען האָט זיך אַנידערגעלעגט און מיר האָבען איהם אַרויפגעצויגען אויף אַ געוויסע הויך און ער האָט דאָרט צוגעבונדען די שטריק. ער פלעגט עס רופען בעל-עטאַזש.

וועהרענד מיר אין דער נידער האָבען געמוזט קעמפען גאַנצע נעכט מיט די גרויסע מחנות פון שטשורעס, וואָס האָבען אונז בעלאַ־גערט, ווי ס׳איז נאָר אויסגעלאָשען געוואָרען דאָס ליכט, איז ליויטען געלעגען אויבען רוהיג ווי אַ שררה און האָט געשיט מיט פוילע וויצען.

איינמאָל אין אָווענד, ווען מיר האָבען שוין ליויטען׳ען אַרויפ־געצויגען אין זיין בעל־עטאַזש, איז אַריינגעקומען אונזער דענשטשיק און האָט געמאָלדען, אַז צוויי „יעווריטשיקעס״ ווילען דורכאויס מיט מיר רעדען וועגען אַ וויכטיגען ענין:

איך האָב זיי געהייסען אַריינבעטען.

דער ערשטער „יעווריטשיק״, וואָס איז אַריינגעקומען האָט זיך געמוזט איינבויגען אין דרייען, ביז ס׳איז איהם געלונגען אַריינצו־

געהן דורך דער נידריגער טהיר. אזוי הויך איז ער געווען, עוג מלך הבשן, א יונג מיט ביינער, מיט א פאר ברייטע פלייצעס, דאס רויטע פנים האט בעשיינט א היבשע רויטע בארד. דער צווייטער איז געווען א בלאסער יונגערמאנטשיק, א קליינטשיקער, אבער א דיקער. נעבען דעם ערשטען האט ער אויסגעזעהען, ווי אנ׳אתרוג נעבען א לולב, פאט און פאטאשאן.

זיי האבען זיך אויסגעצויגען על פי דין און דער קליינטשיקער האט זיך געווענדט צו מיר אויף רוסיש בזה הלשון:

— „וואשע בלאהאראדיע, אזוי ווי מארגען איז נאווי־האד״...

— דער קארליק איז, נעבעך, ווייזט אויס, משוגע געווארען — האט אראבגעשריען ליוּיטען פון זיין בעל־עטאזש און האט אנגעהויבען פון גרויס פרייד צו טאנצען אויפ׳ן בעטעל.

דער רעדנער איז געווארען צומישט און האט אויפגעהויבען די איבערגעשראקענע אויגען צום סופיט, פון וואנען דאס קול איז געגאנגען און דערזעהענדיג, ווי א האלב־נאקעטער פארשוין שטעהט און טאנצט, האט ער זיך, קענטיג מיט אלע כחות איינגעהאלטען פון געלעכטער.

מיר אבער האבען גאנץ גוט פערשטאנען, אז דער רעדנער איז נישט משוגע און מיט נאווי־האד מיינט ער ראש־השנה, מיר האבען פערוואונדערט אנגעקוקט איינער דעם אנדערען, ווי איינער זאגט, שען זעהען מיר אויס, מיר האבען שוין פערגעסען אפילו אין ראש־השנה.

דער רעדנער איז געקומען צו זיך. ער האט זיך אביסעל אויסגעהוסט און האט מיט גרויס ערנסט אנגעהויבען צו דערצעהלען, אז אזוי ווי מארגען איז ראש־השנה האבען די אידישע זעלנער פון גובּ־דזשולין איינגעארדענט אנ׳ארט צום דאווענען, ס׳זענען דא אהן אנ׳עין הרע אפשר צעהן מנינים אידען. מען איז געפאהרען קיין כארבּין און מען האט פון דארט געבראכט א ספר־תורה, א שופר און עטליכע מחזורים. א בעל־קורא האבען זיי, א בעל־תוקע — גאר א ווארילען. א בעל־שחרית וועט זיך אויך געפונען, אבער קיין בעל־מוסף האבען זיי נישט, דער כארבינער רב אבער האט זיי אנגעזאגט, אז בשעת הדחק זאלען זיי זיך ווענדען צו מיר און דערפאר טאקי זענען זיי געקומען צו מיין בלאהארדיע בעטען, אז איך זאל מארגען דאווענען מוסף.

איך האב זיי זעהר געדאנקט פאר׳ן כבוד און פאר דעם פערגעניגען, וואס דער כארבינער רב האט מיר פערשאפט דערמיט. וואס

ער האָט נישט פערגעסען אָן מיר. דעם כּבוד האָב איך געזאָגט קאָן איך נישט אָננעהמען איבער פיעל טעמים. דאַן האָבען שוין אָנגעהויבען צו רעדען ביידע דעלעגאַטען צוזאַמען פּשוט מיט טרעהרען אין די אויגען, סטייטש, זיי זענען פערוואָגעלט פון דער היים, פון זייער ווייב און קינד, ליידען פון פּאַניע׳ן צרות אכזריות. זאָלען זיי אפילו אין אַזאַ הייליגען טאָג, ווי ראש־השנה, נישט דאַווענען? ס׳איז דאָך אַלץ פּאַרטיג, האָבען זיי גע׳טענה׳ט, ס׳פעהלט נאָר אַ בעל מוסף.

מיינע קאָלעגען האָבען זיי צוגעהאָלפען און האָבען מיך זעהר צוגערעדט, אַז איך זאָל זיי נישט אָבזאָגען און ווען איך האָב זיי בעמערקט, אַז אום ראש־השנה בין איך גראָד „דיזשורני“ אויפ׳ן פּונקט האָט ליויטען, וואָס איז בינו לבינו געוואָהר געוואָרען וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך, אַראָבגעשריען, אַז ער וועט מיך פערטרעטען.

— דו ויעסט דאָך אָבער מאָרגען חרטה האָבען און וועסט לוי־פען כאַפּען אַ קערטעל — האָב איך צו איהם געזאָגט.

ער האָט זיך בעליידיגט. אַז מען זאָגט, זאָגט מען. „איך בין דאָך נישט קוראָפּאַטקין, אַז איך זאָל זיך צוריקציהען“. האָט ער שוין געזאָגט מיט ליצנות.

צוגעזאָגט האָב איך פאָרט נישט, אָבער אָבגעזאָגט קאַטעגאָריש האָב איך אויך נישט און די צוויי דעלעגאַטען זענען אַוועקגעגאַנגען מיט׳ן בטחון, אַז איך וועל אַודאי דאַווענען מוסף.

מיר זענען, נאָך זייער אַוועקגעהן, נאָך נישט געגאַנגען שלאָפען און מיר האָבען באַלאַקעט, וואָס אַ מלחמה קאָן אַלץ מאַכען מישטיינס געזאָגט, אַז מען קאָן פערגעסען אפילו אין אַזאַ יום־טוב. ווי ראש־השנה, וואָס האָט ביי יעדען פון אונז אַזוי פיעל טראַדיציעס.

איך האָב באַלד בעמערקט. אַז די בעציהונג פון מיינע קאָלעגען צו מיר איז געוואָרען אַנ׳אַנדערע, ווי פריהער, וואָס איז געוועז אי אינטערעסאַנט, אי קאָמיש. איך האָב אויפגעהערט צו זיין אַ דאָקטאָר און אַ קאָלעגא און בין געוואָרען אַ בעל־מוסף. איינער פון זיי איז אַרויסגעגאַנגען און האָט אַריינגעבראַכט פון דער קיך אַ וואוילען גאָגעל־מאָגעל, וואָס האָט מיר פיין געשמעקט, דער צווייטער האָט מיר פאָרגעלעגט זיין פּלעד. בכדי איך זאָל מיך ביינאַכט חלילה נישט פערקיהלען. און דאָס איז געטהון געוואָרען מיט׳ן גרעסטען ערנסט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעטהון, גלייך ס׳ערוואַר־טעט מיך אויפ׳ן צווייטען טאָג מי יודע וואָס, איך האָב אַלץ אינאיי־

נעם געזוכט אַ פּאָרטעל, ווי אַזוי זיך אויסצודרעהען פון דעם גאַנ־צען עסק. כ'האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסקלער'ען.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפריה, איז מיר איינגעפאַ־לען פשוט נישט צו געהן. האָבען זיי ווידער אַ בעל-שחרית האָב איך בערוהיגט מיין געוויסען, ווייל ער דאַרף קאָנען דאַווענען אויך מוסף, ווי איך בין אָבער אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און האָב דערזעהן דעם רוימען זעלנער אָבהיטען מיין נשמה, האָב איך פערשטאַנען, אַז ס'איז פערפאַלען, אַז איך מוז געהן.

מיר זענען געגאַנגען זאַלבע פינף קאָלעגען און דער רויטער זעלנער פון פאָרענט, אַלס אַ וועג-ווייזער.

ס'איז געווען אַ הערליכער מאַנדשורישער פריהמאָרגען, די זון האָט געוואַרעמט גאָר פיין. אויפ'ן וועג האָבען מיך בעגעגענט, די הויכע מאַנדזשורען, וואָס האָבען אונז פאָרגעלעגט צו קויפען „פּאַפּיהאָ־סי", שען פּאַפּיער מיט קאָנווערטען, פערשידענע געטער, אויסגעהאַקט פון שטיין, מיר זענען אַזוי אָבגעגאַנגען אַ וויאָרסט דריי, ביז מיר זענען געקומען אויף אַ גרויסען פּלאַץ, וואו ס'זענען געווען צעוואָר־פען אַ צעהנדליג אַזוי-גערופענע „זעמליאַנקעס", דאָס הייסט אַנ'אָרט הייזלעך-סוטערינעס. מיט דעכער און ווענד פון אויסגעטריקענטער בלאָטע.

— „אָט דאָ איז דער מנין" האָט דער רויטער זעלנער אָנגעוויזען אויף איינע פון זיי און מיר האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אין איהר אויף עטליכע טרעפּ. ס'האָט אונז אַרומגענומען אַ דעמפיגע וואַרעמע לופט. די זעמליאַנקע איז געווען נישט שלעכט בעלויכטען מיט סטעאַרין ליכט. זי איז געווען אָנגעפּאַקט מיט זעלנער פון פערשידענע טיפּען, אַנ'אמת'ער קבוץ גליות. מען האָט געמאַכט אַ וואַרע און מען האָט אונז אַרויפגעפיהרט אויבען אָן.

ס'איז שוין געווען נאָך שחרית און מען האָט אָנגעהויבען צו פערקויפען די עליות.

— „דריי רובל כהן" האָט הויך געשריען דער קליינטשיקער דעלעגאַט. עס האָבען צווישען זיך פערביסען קאָנקורירט צוויי כהנים און איינער פון זיי האָט ענדליך געקויפט די עליה פאַר 18 רובל מיט 75 קאָפּיקעס. און אַזוי ווי אויף אַ מלחמה ווייסט מען קיינמאָל נישט אינדערפריה, וואו וועט מען זיין ביינאַכט, האָט דער גליקליכער קויפער אַרויסגענומען פון כאָלעווע אַ גרויסען בייטעל מיט געלד און

האָט אויסגעצאָהלט די סומע, לוי איז פערקויפט געוואָרען נאָך טייערער, ווייל ס'זענען געווען אפשר זעקס בעלנים.

אַלע עליות זענען געוואָרען גוט פערקויפט, מען האָט זיי פשוט פערצוקערט, מיך האָט מען מכבד געווען מיט מפטיר. דאָס שופר־בלאָזען איז אַדורך שווער, דער מאַנדזשורישער שטן האָט בשום אופן נישט דערלאָזט. דער בעל־תוקע האָט נעבעך געשוויצט, דער שופר אויך געשוויצט און ס'זענען פו איהם אַרויסגעקראָכען עפעס משונה'דיגע קולות, אָבער נישט קיין תקיעות. דער עולם האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש.

מיר האָבען זיך געשטעלט דאַווענען מוסף.

אין דער זיעמליאַנקע איז געוואָרען שטיל און ביי מיר האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבען צו קלאַפען, ווי ביי אַ גזלן, אין מיין זכרון איז פלוצלונג אַרויפגעשוואומען מהרש״לס שוהל אין לובלין מיט דעם שענעם בעלעמער, מיט די ריעזיגע הענגעל־לייכטער און מיט'ן עטליכע טויזענד קעפיגען עולם, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שטעה נעבען מיין פאָטער עליו השלום, וואָס זאָגט „הנני“ און צוויינט זיך מיט אמת'ע טרעהרען. מיט אַ ציטערדיגער שטימע האָב איך אָנגעהויבען צו זאָגען „הנני“, צווישען עולם האָט זיך געלאָזט הערען זיפצען און קרעכצען, אונטערגעהאָלפען האָבען מיר אַזש פינף משוררים. רעכטס איז געשטאַנען אַ לירא־טענאָר, מיין קאָלעגא. ד״ר קעניגשטיין, לינקס — אַ באַריטאָן, מיין קאָלעגא ד״ר לעאָן ענדעלמאַן, ביידע וואוילע דאָקטוירים, הגם נישט געניטע משוררים, אָבער פאָרט מנגנים, און זיי האָבען זיך גוט געהאַלטען. די צרה איז אָבער געווען פון הינטען, וואו ס'זענען געשטאַנען די קאָלעגען ד״ר שערעשעווסקי פון אָמסק און ד״ר סלאָנימסקי פון קיעוו, זיי האָבען גלאַט געברומט אין דער וועלט אַריין אין פערשיעדענע טענער, נאָר ערגער איז געווען מיט'ן פינפטען משורר, דעם בעל־שחרית, אַ פעלדשער פון בעכיווע, וואָס האָט פערוויקעלט דער קאָפ מיט אַ פערפעצטען טלית און האָט געמאַכט שבת פאַר זיך.

ס'איז געווען אַזאַ קאַצען־מוזיק, אַז אויב איך האָב עס אויסגעהאַלטען, בין איך געווען שטאַרקער פון אייזען. ביי'ם קדיש האָט זיך די סיטואַציע נאָך פערערגערט, ווייל דער בעכיווער רופא האָט זיך צעלאָזט אויף אַ ביי־קול און האָט נישט געלאָזט קומען צו קיין וואָרט, ווען דער קדיש האָט זיך געענדיגט, בין איך געווען פשוט גליקליך.

ביי דער הויכער שמונה-עשרה איז געוואָרען אַביסעל בעסער, די משוררים האָבען זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט איינער צום אַנדע־רען און ס'האָט אָנגעהויבען צו ווערען נישט שלעכט. ביים „מלך עליון" האָבען מיר גאַנץ גוט אָבגעקלאַפּט דעם בעקאַנטען פּאַלאָנעז פון לוקרעציאַ באָרדזשיאַ, אַז דער עולם האָט קענטיג געהאַט גרויס הנאה.

ובכן לך תעלה קדושה, כי אתה אלהינו מלך, ונתנה תוקף... ס'איז געוואָרען אַ שרעקליך געוויין, ס'האָבען געיאָמערט די עלטערע זעלנער, ס'האָבען געקלאָגט די יונגערע, מען האָט געפּאַטשט מיט די הענד מען האָט זיך געבויגען אין דרייען, און מען האָט בעדאַרפט זיין שטאַר־קער פון אייזען, אַז מען זאָל נישט מיטוויינען און מיר אַלע דאָק־טוירים האָבען זיך טאַקע אויך צעוויינט...

פלוצלונג קומט צו אונז צו דער שרייבער פונ'ם פונקט, ער איז געווען פעריאָמערט, פערשוויצט און האָט אַזוי געסאַפּעט, אַז ער האָט קוים געקאָנט אַרויסרעדען אַ וואָרט. קוים מיט צרות זענען מיר פון איהם געוואָהר געוואָרען, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסער צוג מיט קראַנקע, האַרבאַצעוויטש איז אויך דאָ, מיט עטליכע גענעראַלען פונ'ם שטאַב און אויפ'ן פונקט איז נישטאָ קיין איינציגער דאָקטאָר.

— „און דר. ליויטען?" פרעגען מיר אַלע צוזאַמען.

— „ווער ליויטשן, וואָס ליויטען", ענטפערט דער שרייבער, ס'איז זיין געביין נישטאָ. ראַדי באָגא, גאָספּאָדאָ, לאָמיר לויפען, ס'איז אַ סקאַנדאַל".

מיט אַ צעבראָכען האַרץ האָב איך אויסגעטהון דעם טלית, צום עמוד האָבען מיר צוגערוקט דעם בעליוער רופא, מיר האָבען זיך שטילער־הייד געטהון אַ טראָג אַרויס און אָנגעהויבען צו מאַכען פיס...

XIX.

וואָס טהוט מען אין גונדזשולין?

ס'ווערט נאַכט, די לופט איז פול מיט תקיעות און תרועות פון טראָמפּייטערם מיט דעם קוואַקען פון די זשאַבעס, מיט יללות פון די מוילאייזלען און מיט זידלערייען פון די דענשטשיקעס. איך ליעג אויסגעצויגען אויף אַ באַנק נעבען מיין דירה און קוק אויפ'ן אויסגעשטערנטען מאַנדזשורישען הימעל מיט דער גרויסער זילבערנער לבנה און טראַכט מיר, ווי גוט וואָלט עס געווען דאָס אַלעס נישט צו זעהן און נישט צו הערען און צו זיין בעסער אין דערהיים ביי ווייב און קינד. פּלוצלונג זעה איך פאַר מיר אַ געשטאַלט, אָנגעטהון אין ווייסען. איך קוק מיך צו נעהנטער, אַ מענש מיט בריליאַנטענע רינגען אויף די פינגער, מיט אַ גאָלדענער קייט אויפ'ן וועסטיל, אויף דער נאָז אַ גאָלדענע פּענסנע און אויפ'ן קאָפּ אַ הויכער צילינדער.

פונקט אַ יאָהר האָב איך שוין קיין צילינדער נישט געזעהן און איך האָב געברויכט אייגענטליך צו מאַכען אַ „שהחיינו", נאָר ווער האָט דען דעם קאָפּ דערצו?

— וואו בין איך? — פרעגט מיך דער גאַסט מיט אַ גראָב קול.

— איהר זעהט דען נישט, ענטפער איך איהם: אַז איהר זענט אין גונדזשולין? אַ כרך גדול, אַ קליינינגקייט: אָט געהט דער גונדזשולינער פּאַטרול, אָט איז די גונדזשולינער באָד, ווייז איך איהם מיט'ן פינגער.

דער ווייסער מענש האָט זיך אומגעקוקט און האָט געשאָקעלט מיט'ן צילינדער, אַזוי ווי איינער זאָגט: פונדעסטוועגען, ווען מען זאָגט מיר נישט, וואָלט איך פאָרט נישט געוואוסט, אַז איך בין אין גונדזשולין.

— איהר זענט אפשר מיעד? זאָג איך איהם: זעצט אייך! ער האָט זיך געזעצט.

— פון וואַנען קומט איהר? פרעג איך איהם.

— פון דאָרט, ענטפערט ער און ווייזט מיר מיט אַ בריליאַנטענעם פינגער גלייך אויף דער לבנה.

— אויף דער לבנה זענען דען דאָ מענשען? האָב איך געפרעגט און האָב שוין געוואָלט אָנהויבען שרייען „שמע ישראל״.

— איהר זעהט דאָך!

— און אַלע זענען אַזעלכע שפרינגערס?

— חלילה, זאָגט ער, די וועלט וואָלט קיין קיום נישט געהאַט. אַ סך מיליאָנען קאָנען קוים קריכען, זיי האָבען קיין כוח נישט, שפרינגערס איז דאָ וועניג, און ביז זיי האָבען זיך אויסגעלערנט, האָבען אַנדערע טויזענדער מענשען האַלז און נאַקען צובראָכען.

— עוואָלוציע, זאָג איך מיט אַנ׳אָרים פנים.

דער לבנה־מענש האָט אַ שפרונג געגעבען און האָט אינגאַנצען געציטערט, דער פענסנע איז איהם אַראָבגעפאַלען פון דער נאָז. — רעוואָלוציע, זאָגט ער, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, וואָס רעדט איהר?

— עוואָלוציע, האָב איך איהם בערוהיגט, ער איז אָבער געבליבען צוטומעלט פון פחד.

— וואָס זענט איהר? פרעג איך איהם. אַ דעלעגאַט פון דער לבנה, אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ צייטונג, אָדער אפשר גאָר אַ דעזערטיר. אָדער אַ קונצענמאַכער?

ער איז געשטאַנען פערטראַכט און האָט מיר גאָרנישט געענטפערט.

„אַהאַ, טראַכט איך מיר: ביסט אַוודאי פון יענע לייט, מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג.

— איהר זענט אַ היגער? פרעגט ער מיך.

— ניין, זאָג איך: געבוירען בין איך אין לובלין, פערשריבען אין וואַרשא, געלערענט האָב איך מיך אין...

ער שלאָגט מיר איבער די רייד:

— וואָס טהוט איהר דאָ?

איך האָב מיך דערמאָנט אָן אַ רב פון אַ גרויסער שטאָדט, וועלכער אויף דער פראַגע: רבי, וואָס טהוט איהר דאָ? האָט נישט געהאַט נעביך וואָס צו ענטפערען.

— וואָס איך טהו? האָב איך אָנגעהויבען צו דרעהען מיט דער צונג. אַצינד... אַצינד... טהו איך גאָרנישט, איך... איך... שוויץ, האָב איך אַ זאָג געטהון און—אָבגעזיפצט. ווי נאָך אַ שווערער ארבעט.

— איהר שוויצט? זאָגט ער: שוויצען קאָנט איהר דאָך אין דער היים, צו וואָס זענט איהר אייך געקומען צושלעפּען אַהער?

פון דער קלאָץ-קשיא האָב איך פערשטאַנען, אַז איך האָב איהם אומזיסט חושד געווען, — ער איז טאַקע, ווייזט אויס אַ לבנה-מענש. איך האָב איהם נישט געענטפערט.

— צו וואָס זענט איהר אַהער אַראָבגעשפּרונגען? פרעג איך איהם בעליידיגט.

— ס'איז אויבען, זאָגט ער: נישט אויסצוהאַלטען, מען קאָן נישט רעדען צווישען זיך, מען קאָן נישט שלאָפען, מען הערט אַלץ כסדר פון אונטען שיסען, קרעכצען, וויינען און קלאָגען. מען האָט ביי אונז אויפגעהערט חתונה צו האָבען.

„אודאי אַ שדכן, טראַכט איך מיר, אָדער אַ פאָטער פון אַ סך טעכטער.

— האָט רחמנות אויף אונז, האָט ער ווייטער געזאָגט מיט גרויס געבעט: ס'איז אויבען אָנגעמאַכט אַ סך שאָדען, קעסלען ווערען צו־זעצט, פאַבריקען געהען אונטער. מיר פערליערען פערמעגענס די פּיאַנינאָ איז מיר קאַליע געוואָרען.

— וואָס געהט אונז אָן אייער לבנה? פרעג איך איהם שוין אַביסעל מיט העזה.

— וועניג טובות האָט איהר פון אונז? ענטפערט ער: אונזער לבנה לייכט אייך נישט?

— זי לייכט טאַקע, אמת, אָבער וויפיעל צרות האָבען מיר פון איהר: וויפיעל אומגליקליכע ליעבעס. וויפיעל קראַנקהייטען, אַלץ פון דער לבנה! גלויבט מיר, לבנה־מענש — האָב איך איהם אַ קלאַפּ גע־טהון אויף די פּלייצעס — אַז מיט דער עלעקטריציטעט, וואָס מיר מאַ־כען אַליין, קאָן מען שוין יוצא זיין אהן אייער לבנה.

ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און האָט זיך נעבעך צעוויינט. און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי מיין קאָפּ בע־וויינט. נאָר פּלוצלונג האָט מען אָנגעהויבען צו טראָמייטערען, האַר־מאַטען האָבען אָנגעהויבען צו שיסען, די פויקען האָבען זיך צופויקט, מענשען האָבען אָנגעהויבען צו לויפען. מיין לבנה־מענש האָט נישט

מיט זיין קול געשריען „גוואַלד" און איז אַנטלאָפען, פערלירענדיג דעם צילינדער, איך האָב מיך נישט איבערגעשראָקען, ווייל איך בין שוין צו אַזוינע זאַכען געוועהנט, נאָר פונדעסטוועגען האָב איך מיך אויפגעכאַפּט: איך ליעג נאָס, ווי אין אַ טייך, די הענד אויף דער ברוסט, דער מענש איז פערשוואונדען, דער צילינדער איז אויך נישטאָ, געבליבען איז נאָר די לבנה, וועלכע קוקט אויף מיר מיט אַפּאָר אויגען, ווי להבדיל אַ לעבעדיגע.

„ס'איז אודאי געווען אַ חלום" טראַכט איך מיר, און אפשר נישט, אַ קשיא אויף אַ מעשה? בפרט אין מאַנדזשוריען.

„וואָס טהוט איהר דאָ? האָט ער מיך געפרעגט. און וואָס טהון הונדערט אַנדערע? מען שוויצט.

גענעראַלען שוויצען, איך שוויץ, אַלע דאָקטוירים שוויצען, און נישט פון אַרבייט, חס וחלילה. אויף אַ מלחמה, וואו מען שלאָגט זיך צוויי וואָכען און מען רוהט זיך אָב פינף חדשים, קאָן גאָר קיין אַרבייט נישט זיין. בשעת דער שלאַכט, ווען ס'ווערט בלוט פערגאָסען ווי וואַסער, אַרבייט מען טאַקע נישט נאָר מיט די הענד, נאָר מיט אַלע אברים... דערנאָך אָבער רוהט מען גוט אָב. קיין עפּידעמיע איז ביז אַהער נישט געווען, נישט דערפאַר וואָס מען האָט אָנגעיאָגט מהודו ועד כוש טויזענדער דאָקטוירים. ניין, אַן'עפּידעמיע האָט נישט מורא פאַר דאָקטוירים, זיי זענען אַלטע בעקאַנטע, נאָר גאָר פּשוט ווייל דער קלימאַט אין מאַנדזשוריען איז אַ געזונדער, דאָס מיליטער פערנעהמט אַ זעהר גרויסע שטרעקע און דערוייל גיט מען נישקשה זיי צו עסען.

קיין אַרבייט איז נישטאָ, און מען שוויצט גאָר פּשוט פון דער גרויסער היץ ביז עטליכע און דרייסיג גראַד אין שאָטען.

דער אויבערשטער האָט אַרויסגענומען די זון פון איהר שייד, ס'איז אַ גרויסער חסד פאַר קראַנקע, וואָס ברויכען צו שוויצען, אָבער וואָס זענען שולדיג, די, וועלכע קאָנען זיך בעגעהן אָהן שוויצען?

בכדי אַביסעל זיך אָבצוקיהלען פאַלט מען אויף פערשיעדענע המצאות. די מונדירען האָבען מיר שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפען, מיר טראָגען העמדלעך פון פערשידענער פאַרבען און קאָלירען. איהר וועט נישט בעגעגענען צוויי מענשען, זיי זאָלען טראָגען גלייכע העמדלעך פון דעמזעלבען קאָליר.

די אונטערשטע העמדלעך האָבען מיר אויך אויסגעטהון. טייל האָבען פון זיי געמאַכט אויבערשטע. מען וואָלט אפילו נאָכגעטהון די כינעזער און אינגאַנצען אַרומגעגאַנגען נאַקעט, נאָר געה טראָג אַ שווערד און עפּאָלעטען אויפ'ן בלויזען גוף, און אָהן די זאַכען זעהט מען דאָ אויס ווי חוזק.

אַ וואויל מיטעל אַקעגען דער היץ איז איבערגיסען זיך מיט קאַלט וואַסער, אמת?

איז אָבער דאָס וואַסער אַזוי שוואַרץ אין באָד — מען זאָגט פון בלאָטע — אַז ס'איז אַ סכנה אינגאַנצען שוואַרץ צו ווערען, און אונזערע ווייב און קינדער קאָנען נאָך אונז נישט דערקענען, ווען מיר וועלען צוריקקומען, כ'וויס אין 5—10—30 יאָהר אַרום, אַזוי ווי די אמת'ע „פּאַטריאָטען" ווילען. הכלל, מיט וואַסער אָבגיסען זיך טאָר מען נישט. און ווען ס'וואָלט דאָ געווען אַ זאַקאָן פון מקוה, וואָלט געווען אַנ'אומגליק...

די תוכחה: „בבוקר תאמר, מי יתן ערב" (וואָס אמת איז פערקעהרט אויך) איז שוין ביי אונז מקוים געוואָרען. אַז די זון געהט אונטער, איז מען גליקליך. ס'הויבט זיך אָן צו בלאָזען אַ קיהל ווינדטעל, די פינקעלדיגע שטערען ווייזען זיך אויפ'ן הימעל, די מיעדע אברים גלייכען זיך אויס און מען שעפּט כחות אויפ'ן צווייטען טאָג.

מען זאָל אָבער ביי זיך נישט גרויס ווערען און נישט פערגעסען, אַז מען איז נאָר אַ בשר ודם, היינט דאָ און מאָרגען דאָרט. האָט דער אויבערשטער בעשאַפען מייז, — אַלץ הייסט מייז, גרויס ווי די קעץ. ווי ס'ווערט פינסטער און איהר לעגט אייך אַנידער אָברוהען, קריכען זיי אַרויס פון די לעכער און הויבען אָן צו בעל־הבית'עווען ווי ביי זיך אין דערהיים, טאַנצען אַרום און שפּרינגען אויף דעם טיש, אויפ'ן פענסטער, אויפ'ן בעט, גנב'ענען־צו דאָס ליכט, וואָס שטעהט נעבען בעט, עסען און טרינקען ווי נישט־גוטע רחמנא לצלן, פון שלאָפען אין אַזאַ עולם התוהו קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין.

איך האָב מיך מישב געווען, האָב אָנגעטהון די בגדי מלכות און האָב מיך געווענדעט מיט אַ רעדע צו אַ גרויסער פעטער מויז, אודאי אַ בעל־דעה, טראַכט איך מיר. „האָכגעעהרטע מויז: זאָג איך איהר און טהו מיך אַ נויג, ווי אַנ'אַקטיאָר אַ שניידער אין מכירת יוסף'ס שפּיעל: אפשר איז מעגליך, איהר זאָלט אייערע אָנשטעלען מאַכען בייטאָג? איהר מעגט טהון, וואָס אייער האַרץ גלוסט, אדרבא,

כ׳וויל זעהן, כ׳וועל דערפון הנאה האָבען, מיר וועלען זיך בעקענען, ס׳וועט ווערען שלום ושלוה, און בייגאַכט וועלען מיר רוהען". די רעדע, טראַכט איך מיר, איז געראָטען און וואָלט געקאָנט נוצען אפילו אויף ביי עמיצענס יובילעאום.

די מויז איז אַריין אין אַ לאָך און האָט אַרויסגעשטעקט דאָס קעפעל. מען קאָן, זאָגט זי, נישט איבערמאַכען אַ דין משׁשת ימי בראשית, אָדער ווי הייסט עס דאָ־ט — אַ טראַדיציע. מייז מוזען אַר־בייטען בייגאַכט אין דער פינסטער, די אַרבייט געהט גאָר אַנדערש, די ליכט שאַדט. חוץ דעם, זאָגט זי, האָבען זיי גלאַט מורא פאַר׳ן צווייפיסיגדיגען, בפרט פון די קאַלטע לענדער. ער איז אַ גנב. ער האָלט קיין וואָרט נישט. שלאָפט איהר, זאָגט זי צו מיר, בייטאָג, וואָס? די זון לאָזט נישט? לאַכט דערפון! ס׳איז דאָ טויזענדער מיט־לען זי צו פאַרשטעלען, איהר קאָנט נישט שלאָפען בייטאָג? טרינקט בראָנפען, שמעקט שלאָפגעטראַנק, נעהמט אַביסעל אָפּיום, דאָ איז דאָ דערפאַר ענגלישער אָפּיום".

איך האָב פונקט, ווייזט אויס, געטראָפען אויף אַ געבילדעטע מויז. זי לייענט אַוודאי דעם שומר הבריאות.

אַז מוסר העלפט נישט, מוז מען זוכען אַנדערע מיטלען: מען פערשטופט די לעכער מיט פלעשלעך, שטיינער, ס׳העלפט נישט אויף לאַנג, אַ חיי שעה אָבער איז אויך גוט.

וואָס קומט אָבער אַרויס דערפון. אַז ס׳איז דאָ פאַרהאַן נאָך אַ גרעסערע פורעניות ווי די מייז: איך מיין — די פליגען... איך קען ברוך השם פליגען נישט פון נעכטען, פליגען פעהלט נישט אפילו אין וואַרשא נישט דוקא אויף מיסט. נאָר אפילו צווישען דאָקטוירים און ליטעראַטען. יאָגט מען זיי אַרויס דורך דער טהיר, קומען זיי אַריין דורך דעם פענסטער, דורך דעם קוימען, דורך אַ שפּאַרע, זיי טהוען אַמאָל אַ ביס אויך, ס׳איז אָבער נישט קיין גרויסע סכנה. די מאַנדזשורישע פליג איז אָבער גאָר עפּעס אַנדערש, אַ נוקם ונוטר, ווי דער גרעסטער תלמיד חכם. און מעהרט זיך, ווי די פאַרטייען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די מאַנדזשורישע פליג לאָזט נישט רוהען נישט בייטאָג און נישט בייגאַכט. רוישט אַרום נעבען אייערע אויערן. גלייך זי וואָלט אייך געוואָלט דערצעהלען פערשי־דענע רכילות. בייסט אייך אין די נאָז, פערקריכט מי יודע וואוהין, שטעהט איהר אויף פאַרטאָג, שטעהט זי אויך אויף השכמה.

איז עמיצער קאַטבּלוטיג און ריהרט נישט אַ פליג אויף דער וואַנד, מעג ער זיך בּעשטעלען תּכריכים, די פליגען וועלען איהם אויפעסען לעבּעדיגערהייד; האָט ער אָבּער הייס בּלוט און כאַפּט אַ האַנדטוך אָדער אַ פּאָר הויזען און לויפט אַרום אין שטיבּעל, ווי אַ משוגענער און דער׳הרג׳עט למשל 20 פליגען, און צובּרעכט דערבּיי דאָס איינציגע גלאָז וואָס ער האָט, העלפט עס אויך ווייניג, צוואַנציג פליגען דאָס איז אַ טראָפּען אין ים. איך האָבּ מיר געפּרובּט ווענדען צו אַ גראָבּער בּעל־הבּית׳שער פליג און האָבּ איהר געזאָגט מיט אַ תּחינה־נגון: טייערע פליג: דו האָסט דאָך אַ כּשרה נשמה, דו האָסט דאָך געבּרענגט וואַסער צו לעשען די שרפה פון אונזער בּית המקדש: וואָס בּיסטו אַזוי שלעכט געוואָרען? וואָס בּייסט דו? האָבּ וועניגסטענס רחמנות אויף אונז פאַרוואָס צאַפּסטו פון אונז דאָס בּלוט?

„זזזזז... האָט געמאַכט די פליג, ווער האָט עס געהערט: אונז, איהר, אַלע זענען גלייך! און זי האָט אָנגעהויבּען הקפות צו מאַכען אַרום מיין נאָז. איך האָבּ מיך צונאָסען.

„דו בּיסט דאָך אייגענטליך אַ כינעזישע פליג, האָבּ איך איהר ווידער פאָרגעלעגט, אַוועקיאָגענדיג זי פון דער נאָז: געה צו דיינע כינעזער;"

„געה צו די כינעזער, האָט די פליג איבּערגע׳חזר׳ט און האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויפ׳ן גראָבּען פינגער—מיינעם, פערשטעהט זיך, וואו זענען זיי, די כינעזער? זאָגט זי: לעת עתּה זעה איך איז זייערע שטיבּלעך דיך און דיינגלייכען".

די פליג איז מיר אַריין אין אויער און האָט זיך צולאַכט. גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אַז אַ פליג צולאַכט זיך.

איך האָבּ ווייטער גאָרנישט גע׳פּועל׳ט, אַ פליג זאָל גאָר רעדען חכמות! אַ פליג אַ סאָציאַליסט! „וואָס טהו איך דאָ?" האָט מיר דער לבּ:ה־מענש געפרעגט, קאָן מען עפּעס טהון. אַז מען איז פערטהון רחמנא ליצלן גאַנצע טעג און נעכט מיט מייז און פליגען?

ס׳איז אָבּער דאָ נאָך ערגערס.

די זון בּרענט נישט שטענדיג, זי ווערט אויך אַביסעל מיעד. דער הימעל בּעדעקט זיך מיט וואָלקען, די דונערן זענען אַזוי שטאַרק, אַז מען הערט זיי אודאי פון איין עק וועלט בּיז צום אַנדערן. און ס׳בּליצט אַ פּאָר שעה דורכאַנאַנד, כּמעט דער גאַנצער הימעל עפענט זיך און ס׳הויבּט אָן צו גיסען אַנ׳אמת׳ער מבּול, וואָס פערפלייצט אין

אַ פּאָר מינוט אַלעס, אַרום און אַרום ווערען אויף דער יבשה טייכען, פּאַר קאַטשקעס איז דאָס אַ גליק, זיי בעקומען נעבען דער נאָז אַ טייך און שווימען אַרום מיט גרויס גאוה, גלייך ווי זיי וואָלטען דעם טייך אַליין געמאַכט. דער מענש אָבער בעקומט דערפון נאָך מעהר צרות. די לופט ווערט פון רעגען נישט פרישער. דער רעגען אַליין איז הייס. ס׳ווערט אָבער אַ בלאָטע, וועלכע גרייכט ביז צו דער קניע און נאָך העכער. ס׳איז דאָ אַפּאָר פינסקער דאָקטוירים, וועלכע שטאָלצירען מיט זייער בלאָטע. זיי מוזען אָבער מודה זיין, אַז זייער בלאָטע הויבט זיך גאָרנישט אָן אַקעגען דער מאַנדזשורישער. דער כינעזער גיט זיך אַנ׳עצה און שפּאַצירט אַרום גאָר באָרוועס, פאַר אונז פּאַסט אָבער נישט. און אונזער גאַנצע ענערגיע געהט אַוועק אין אַרומקריכען אין דער בלאָטע און בעמיהען זיך נישט איבערצולאָזען דאָרט די שטיוועל — זיי קאָסטען דאָ 25 רובל! אמת, די פיס ווערען גוט אויסגעמנאַסטיצירט, וואָס קומט אויך אַמאָל צו־נוץ...

די לופט איז אין גונדזשולין נישט אַמבעסטען: דורך גונדזשולין געהט דורך אַ מאַסע זעלנער און פערד, וועלכע לאָזען איבער פון זיך אַ זכר.

די חיונה איז אויך נישט זעהר גוט, ברויט און פלייש זענען זעהר טייער און ס׳איז גלאַט שווער צו בעקומען. אַזעלכע זאַכען ווי מילך, פּוטער, קעז וכדומה, זעהט מען נישט אפילו פאַר די אויגען.

הכלל, קאָן מען עפּעס טהון?

יאָ, רבותי, דער אידישער גוף האָט דאָ אויך נישט קיין גרויסע תענוגים. די נישט-אידישע גופים איז פּאָרט בעסער. ערשטענס, בעקומען זיי, ווי דער סדר העולם איז, מעהר געהאַלט און קאָנען מעהר אויסגעבען. צווייטענס, איז ביי זיי דער בעדיענער אַנ׳עבד כנעני, אַ מאַשין. וואָס קאָכט, באַקט, בראָט, וואַשט וועש, ברענגט וואַסער, פּערריכט די שטיוועל, יאָגט אַרויס פליגען, פּערטרייבט מייז און „בעקומט״ אַלץ, אפילו אונטער די הרי חושך. דער אידישער גוף אָבער, ובכלל אַלע, וועלכע זענען נישט געווען פאַר דער מלחמה אין מיליטער, האָט גאָר דעם חוש נישט אַרומצושאַפען מיט אַ מענש, ווי מיט אַ קנעכט. געה זאָג „דו״ אַ הויכען גוי מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכער איז עלטער פאַר דיר און האָט אין דערהיים אַ ווייב מיט 5 נפשות. און שאַף דיך מיט איהם אַרום. זאָגט איהר איהם אָבער: „איהר, זייט-זשע מוחל״, האָט ער אייך אין דער לינקער פּאה און

שהוט גאָרנישט, קיין אייגענע איניציאַטיווע פערמאָגט ער נישט פאַר א גראָשען.

מילא, פונ'ם גוף לוינט נישט אַזוי פיעל צו רעדען. ווי לאַנג לעבט מען דען? דערפאַר אָבער די נשמה, די אידישע נשמה, וואָס לעבט אייביג, זי קלויבט דאָ נחת.

ראשית חכמה אין דערפריה בעקומט מען די היגע צייטונג — דער רעדאַקטאָר איז א קאָזאַצקי פּאָדעסאַאול, — גאָר פון אָנהויב ווערט מען געוואָהר פון פערשיעדענע פּריקאַזען, און אָרדערס, וואָס גליקליכע מענשען האָבען בעקומען. דערנאָך געהט א סדרה פון דע־פּעשען, וועלכע זענען אַזוי פערדרעהט, אַז איהר ווייסט נישט אויף וואָס פאַר א וועלט איהר זענט. די דעפּעשען זענען אַלע אָדטגעבאַ־קענע; דעלקאַסע, למשל, איז ביי אונז געווען מיניסטער אודאי א 2 וואָכען לענגער ווי אין פּאַריז. אָבער אַזעלכע נייעס, אַז צווישען דעמאָנסטראַנטען האָט מען בעמערקט אַרומדרעהענדיג זיך 4 קליינע אידישע מיידלעך — דאָס קומט אַרויס גענוג בולט. ווייטער געהען אַרטיקלען איבערגעדרוקט פון צייטונגען, פון וועלכע די אידישע נשמה קוועלט גאָר — פון „נאָוו. ווערעמיאַ“, „מאָסק. וועדאָמ.“, „דיען“, „סוועט“. גאָר צום סוף לייענט איהר פון פערשיעדענע פערד, וועלכע זענען פערלוירען געוואָרען און מען גיט אייך אַלע סמנים, בכדי עס זאָל אייך גרינגער זיין צו כאַפּען.

אויב עס געלינגט אייך צו בעקומען עפּעס א צייטונג, ווערט איהר געוואָהר, אַז אידען וועלען נישט האָבען קיין פאָרשטעהער אין קומענדיגען „פּאַרלאַמענט“, אַז אין זשיטאָמיר האָט מען א דען געשטאָכען און צוטראָטען, אין מעליטאָפּאָל — גע'הרג'עט, אין מינסק געשאָסען; שולדיג איז קיינער נישט, נאָר אידען אַלייז, זיי געהען אַרום און בעטען פּשוט רחמים: הרג'עט אונז, שחט אונז!

ביי מיטאָג דערצעהלט א גענעראַל, אַז די גאַנצע מהומה ביי מוקדען האָבען אָנגעמאַכט אידען, עס איז דאָ מענשען, וואָס האָבען עס געזעהען מיט די אייגענע אויגען. און ווער איז דען שולדיג אין דעם אומגליק ביי צוסימאַ? רופט זיך אָב א קאַפּיטאַן מיט א רויטער נאָז, אַז נישט אידען? זיי האָבען שלעכט געבויט דעם פלאָט, זיי האָבען געגעבען שלעכטע קויהלען, ניעבאָגאַטאָוו? עס איז דאָך א ידוע לכל, אַז זיין עלטער־זיידע האָט נעשפּיעלט אין זעקס־און־זעכציג מיט א אידישען „רענדאַרס א ווייב“.

„די יאַפּאַנער קומען דאָך גלאַט אַרויס פון אידען, רופט זיך אָב מיט בושה אַ יונגער פּאָרוטשיק, וואָס שרייבט אויס דעם „דיען".

די אַלע שטעכווערטער זאָגט מען גלאַט אין דער וועלט אַריין. מען מיינט נישט חלילה אייך; פערקעהרט, אייך האָט מען זעהר ליעב. אדרבא: אַ דאָקטאָר, פערשטעהט איהר מיך, קאָן שטענדיג צו־נוץ קומען. דער גוף זיצט כלומר׳שט רוהיג און די אידישע נשמה שטעכט מען מיט שפּיזען. אָפט קאָן זי נעבעך נישט אויסהאַלטען און הויבט אָן צו וואַרפען מיט פייער און שפּייען מיט שוועבעל, נאָר נאָך עפטער מוז זי זיך נעבעך איינהאַלטען מיט כל הכחות, זי האָט רחמנות אויפ׳ן גוף אין מונדיר...

אמת, נישט היימליך, רבותי.

דאָס איינציגע פערגעניגען איז, ווען מען בעקומט פון דערהיים אַ בריף—מען פערגעסט אויף אַ פּאָר מינוט אין אַלע צרות, מען טראָגט זיך איבער מיט די געדאַנקען צו נאָהנטע בעליעבטע מענשען, נישט איינמאָל" וויינט מען פון כעס, בשעת די פּאָסט קומט אָן, אַ שטיקעל נחמה איז פאַר אַ אידען אויך אויסגעמישט מיט טרעהרען. פון איין בריעף ווערט איהר געוואָהר, אַז אַ נאָהנטער קרוב האָט געבאַנקראָטירט און איז געבליבען אָהן אַ גראָשען. פונ׳ם צווייטען — אַז אַ מוהמע, וועלכע איז קוים מעוברת געוואָרען 15 יאָהר נאָך דער חתונה, האָט אַ קאָזאַק נאָכגעיאָגט און זי האָט גע׳מפּילט. אַז אַ ברודער אַ סטודענט זיצט הינטער די קראַטעס, אַז אַ גוטער בעקאַנטער האָט גלאַט בעקומען אַ פּאָר קלעפּ אין קאָפּ אַריין און איז אַביסעל משוגע געוואָרען.

אַ שטיקעל נחת פאַר דער אידישער נשמה, ווען זי זעהט, ווי זשאַנדאַרמען און קאָזאַקען גיבען דעם גוף, אָנגעטהון אין מונדיר „טשעסט". זי לייענט אָבער איבער אין די אויגען פון דעם הויכען זשאַנדאַרם מיט דער לאַנגער געלער באָרד די געדאַנקען: וואַרט אַביסעל, זאָל נאָר גאָט געבען, מיר זאָלען אַהיים קומען אין דו וועסט מיט מזל אויסטוהן דעם מונדיר, דעמאָלט וועלען מיר ריידען גאָר אַנדערע דבורים".

אַ סך זאָגט דאָס אָנטהון: אויפ׳ן מונדיר ליעגט אויך דער גלות און דער דאַשיק (קאָזירעק) איז מייסט אָנגענייהט אין דער קרום. נאָר דער עיקר איז דאָס פּנים. אויף די פּנימער פון די אידישע דאָקטוירים איז אויסגעגאָסען אַ מרה שחורה. אַ בענקעניש, אַ בענקע־

ביש נאָך ווייב און קינדער. נאָכ'ן היים און נאָכ'ן... רובל. אידישע דאָקטוירים לעבען אין דער היים כמעט נאָר פון פריוואַט־פּראַקטיק און די מלחמה האָט לעת עתה געררואינירט די גאַנצע פּרנסה. מי יודע, וואָס וועט ווערען מיט די פּאַציענטען, אין וואָסערע הענד וועלען זיי אַריינפאַלען און אפשר וועלען זיי גלאַט פערגעסען צו קרענקען. אלץ איז דאָך אַ געוועהנשאַפט. מען קאָן זיך געוועהנען אפילו געזונד צו זיין. הכלל, אַלע אידישע דאָקטוירים זענען נעביך אומעטיג.

געוויס זענען דאָ אויסנאַהמען אויך, טייל ווילען אַליין פער־געסען און אַנדערע זאָלען אויך פערגעסען, דאָס זיי זענען פון „זאַפּאַס". ס'העלפט אָבער זעלטען.

אָט געהט אַ דאָקטאָר און קלאַפּט מיט די שפּאָרעס, דער מונ־דיר מיט די קנעפּ בלאַנקט, א יף דער ברוסט אין דער הויך טראָגט ער 2 אָרדענס, נידריגער רעכטס — אַ זילבערנעם צייכען, אַז ער איז אַ דאָקטאָר, לינקס — אַ שטעמפּעל, אַז ער געהער צו דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע ביי זיך אין דערהיים; חוץ דער שווערד טראָגט ער אין דער האַנד אַנ'אייזערנעם שטעקען, אכלל מיט איין וואָרט — אַ מאַרס און פון הינטען קאָן מען מיט איהם יוצא זיין, טראָגט ער אָבער פון פאָרענט אַ נאָז!

אָט זעהט איהר אַ הויכען מענש, אַ הדרת פּנים, אַ קול פון אַ מגיד, אַ שטערן פון אַ רב, אויגען פון אַ רבין ר' מלך, קרענקט ער אָבער אויף אַנ'ענגלענדער און גאָלט די באָרד און די וואָנסעס. איהר מיינט ס'העלפט איהם? חס ושלום.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ „שוועסטער" און מאַכט אַ זעהר זיס פּנים.

נעבען מיר אויף דער באַנק זיצען צוויי אונבעקאַנטע „שוועס־טער"; איך הער, ווי איינע פרעגט די אַנדערע: „קטאָ עטאָט ווי־סאָקי זשיד?"

דאָס פּנים איז אַ מסור. פערפאַלען! אָבער ס'טרעפט זיך, אַז אפילו אַזאַ אידען־ספּעציאַליסט ווי איך בין איך מיך אויך טועה.

ס'דרעהט זיך דאָ אַרום אַ דאָקטאָר מיט אַ גראָה בערדיל, עסט אַ סך ציבעלע און — ביי ווערטער, ווי „חאָלעראַ", „דזשומאַ", שפּייט ער אויס. אַז ער איז אַ איד, — האָט ער אַליין געזאָגט און איך האָב געמיינט, אַז ער איז גאָר אַ גוטער איד.

לעזענדיג די דעפּעשע פון זשיטאָמירער פּאָגראָם, האָב איך איך מיך זעהר שלעכט געשפּירט און האָב געזוכט אַ מענש, איך זאָל מיר אַביסעל אָבּרעדען פון האַרץ. בעגעגען איך פונקט דעם דאָקטאָר, ס׳איז געווען 9 אַ זייגער אין דערפריה און ס׳האָט שוין פון איהם געטראָגען דער ריח פון ציבעלעס.

— איהר האָט שוין געלעזען פון דעם נייעם אומגליק? פרעג איך איהם נישט מיט מיין קול.

— וואָס איז? פרעגט ער און אויף יעדען פּאַל שפּייט ער אויס.

— אין זשיטאָמיר אַ פּאָגראָם, רעד איך קוים אַרויס און די אויגען ווערען מיר פייכט.

— אין זשיטאָמיר אַ פּאָגראָם, חזר׳ט ער איבער קאַלטבלוטיג! וואָס געהט עס אייך אָן?

דעמאָלט האָב איך אויסגעשפּיגען.

פערגעניגען אין גונדזשולין איז דאָ איבערהויפּט זעהר ווייניג. דער צענטער פון היגען לעבען איז אויף דער סטאַנציע, דאָרט קאָן מען זיך פערגעסען און מיינען, אַז מען איז אין דערהיים; דערזעל־בער גלאָק, דאָסזעלבע פייפען, דיזעלבע וואַגאָנען און דיזעלבע... זשאַנדאַרמען; דאָרט זעהט מען אַביסעל לעבען, מענשען קומען, מענ־שען פאָהרען אַוועק, פאָהרט עמיצער קיין רוסלאַנד נישט זעהר קראַנק—איז מען איהם מקנא, פאָהרט עמיצער אויף די פּאָזיציע—איז מען איהם נישט זעהר מקנא. אויף דער סטאַנציע איז דאָ אַ בופעט, וואו מען בעקומט עפּעס עסען, און בפרט טרינקען, דאָרט קאָן מען זעהן מענשען מיט פערשיעדענע געננ: קרום, זיגזאַגען, מיט דעם קאָפּ אַראָב, איינגעבויגענע קניע וכדומה.

אויף דער סטאַנציע געפינט זיך די איין און איינציגע נקבה אין גונדזשולין—די „שוועסטער״ רעכען איך נישט—זי פערקויפט צייטונגען און איז זעהר שטאָלץ, קיין וואונדער נישט: איין און איינ־ציגע, און הייסט זיך גוט בעצאָהלען. ווער ס׳וויל אַ צייטונג לעזען, מוז צו איהר אָנקומען. טייל, זאָגט מען, האָבען זיך אַזוי פערלעזען, אַז מען האָט זיי געמוזט ווי אַמגילסטען צוריקשיקען קיין רוסלאַנד. אוי, רבונו של עולם, וואָס די צייטונגען מאַכען אָן?

אַ זייגער זעקס נאָך מיטאָג זעהט איהר אויף דער סטאַנציע גאַנץ גונדזשולין, אַלע גענעראַלען, אַלע אָפיצירען, אַלע אַטאַשע׳ס, דאָקטוירים, „שוועסטער״, קאָרעספּאָנדענטען, סוחרים—די לעצטע צייטען

זעהט מען שוין אידישע אויך...—כינעזער רייכע און אָרימע; מען הערט פערשיעדענע שפּראַכען. מען הערט לאַכען און מען הערט וויי־נען. מען הערט פערשיעדענע פוילע וויצען, וויכטיגע נייעס און מעשיות, וואָס זענען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. הכּלל, נישט אַרויסגעהענדיג אויף דער סטאַנציע, קאָן מען שוין אינגאַנצען פערשימעלט ווערען.

דאָקטוירים, וועלכע האָבען געמוזט פערפּאַקען אַלע זייערע ספּעציאַליטעטען, ביז זיי וועלען בשלום אַהיים קומען — דאָ מוז מען זיין אַ כּל־בו— בעשעפטיגען זיך דאָ מיט אַנדערע ספּעציאַליטעטען. מיר האָבען ספּעציאַליסטען פון גענעראַלען, זיי זענען בקי אין אַלע הלכות פון לאַמפּאַסען און שטערענדלעך. וויפיל יעדער בעקומט גע־האַלט, ווער איז זיין ווייב און מיט ווענמעס ווייב ער איז בעקאַנט, און אַנדערע וויכטיגע ענינים.

מיר האָבען ספּעציאַליסטען פון „שוועסטער”. אַזאַ ספּעציאַליסט איז מחויב צו וויסען אַלץ, וועלכע שוועסטער איז וועלכען גענעראַלס אָדער פּאָלקאָווניקס אַ קרובה, און וועלכע איז נעבעך עלענד ווי אַ שטיין.

ס'זענען דאָ ספּעציאַליסטען פון די אַטאַשע'ס.

אָט געהט אַ הויכער אָפיציר מיט אַ לאַנגער נאָז און טראָגט אויפ'ן קאָפּ אַ הויכע קעפּי. דער ספּעציאַליסט דערצעהלט אייך, אַז דאָס איז דער עסטרייכישער אַטאַשע. ער עסט נישט קיין גולאַש, און בשעת ער איז געוועזען אין כאַרבין, איז ער אַרויסגעלאָפען פון צירק, ווען די טענצערין האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען אַ אונגאַרישע פּאָלקע. פּאָמעראַנצען פון טריעסט האָט ער זעהר ליעב און וואָלט זיי געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט, נאָר ס'איז נישט דאָ. דער אַלטער מיט דער רויטער נאָז און מיט די דינע לידקעס — דאָס איז דער ענגלי־שער אַטאַשע. ווען מען גיט אים אַ קוועטש פון ביידע זייטען וואָלט ער געשפּריצט מיט וויסקי.

און ווער איז דער? פרעג איך דעם ספּעציאַליסט, ווייזענדיג אויף אַ יונגענמאַן מיט אַ שענער בלאָנדער באָרד.

— דאָס איז דער איטאַליענישער אַטאַשע.

— דער לאָבוז? מישט זיך אַריין מיט אַ משניות־ניגון אַ קליין־שטעדטעלדיגער דאָקטאָר: דער אין די לאַנגע זאָקען? ער קאָמפּראָ־מעטירט דאָך גאַנץ איטאַליען, געהט גאַנצע טעג אויף דער סטאַנציע

און פייפט אָדער זינגט ליעדלעך: פינ־קולי—פינ־קולאַ. גאָר עפּעס אַנ־דערש איז דער פראַנצויזישער אַטאַשע: אַ קליינטשינקער מיט פינ־קעלדיגע אויגעלעך, אָנגעטהון אין ווייסען ווי אַ כּהן גדול, און טראָגט פון פאָרענט אַ זעהר קליג פּנים. ער קוקט אויף אַלץ מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: מעסיע, איהר זעהט די מאַשינען, די וואַגאָנען, די רעלסען, — דאָס איז אַלץ פאַר מיין געלד געמאַכט.

ווילט איהר עפּעס געוואָהר ווערען וועגען אַ קאָרעספּאָנדענט, מוזט איהר אייך מטריח זיין צו אַ ספּעציאַליסט, וועלכער טרינקט — אַזוי זאָגט ער—מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון „מאַטען״ יעדען טאָג אַ גלעזעל ביער.

מיר האָבען אפילו ספּעציאַליסטען — „זאַקאַניקעס״ און זיי זענען טאַקע זעהר נויטיג: ס׳איז שווער צו געפינען צוויי דאָקטוירים פון „זאַפּאַס״, זיי זאָלען בעקומען גלייך געהאַלט, יעדער שפּיטאָל, יעדע קאָמיסיע, יעדער פּאָלק, יעדע בריגאַדע פערשטעהט אַנדערש דעם זאַקאָן און צאָהלט אַנדערש. אַזוינע ספּעציאַליסטען מוזען קענען אויס־ווענדיג אַלע זאַקאָנעס פון פּעטער דעם גרויסען אָן. איהר קאָנט זיי בעגעגענען אָכט אויף דער גאַס איינע אַליין און רעדען צו זיך און מאַכען מיט די הענד, מען זאָגט, אַז טייל פון זיי זענען שוין משוגע געוואָרען. לאַכט נישט, ס׳זענען פאַרהאַן דינים, וואָס ברעכען דעם מוח: על פּי דין, למשל, קומט אַ דאָקטאָר, אָדער אַן אָפיציר אין אַ קאָמיסיע געלד אויף אַ פערד. ער קויפט אָבער נישט קיין פערד, ווייל ער בעדאַרף נישט. ער פאָהרט מיט דער באַהן; ס׳איז קיין שום סוד נישט, אַלע, אפילו דער פרעזעס ווייסען דערפון; הייגט איז אַ פראַגע: קומט איהם געלד אויף פוראַזש פאַר׳ן פערד וואָס ער האָט נישט, אָדער ניין?

על פּי שכל הישר קאָן מען ענטפערן: ניין, און על פּי דין איז דוקא—יאָ.

אַזעלכע משלים איז דאָ הונדערטער, נאָר מיר האַלטען ביי פערד, וועלען מיר ווייטער שוין שמועסען מכּוח פערד: אַ דאָקטאָר אָדער אַן אָפיציר אין אַ שפּיטאָל, וואָס שטעהט אויף איין אָרט, קומט נישט קיין פערד, וואָרום צו וואָס טויג איהם אַ פערד? הייגט איז אַ פראַגע: קומט איהם 75 רובל אויף אַ זאָטעל, אָדער ניין?

על פּי שכל הישר וועט איהר אודאי ענטפערן — ניין. ס׳איז

אָבער דאָך דאָ אַ זאַקאָן. אַז—יאָ, און אַ סך האָבען בעקומען.

אַ שטיקעל ספּעציאַליסט פון אידישע דאָקטוירים בין איך און דערקען נישט נאָר אַז ער איז אַ איד נאָר כ׳שטויס מיך אפילו פון וואַנען ער איז. די סמנים קאָן איך אייך נישט מוסר זיין, כ׳האָב נישט קיין סיסטעם, ס׳איז אַ ריינע אינטואיציע, אַ שטיקעל רוח נבואה.

דאָקטוירים לעבען דאָ בשלוה, אָהן קאָנקורענץ, אָהן אינטריגעס, אַלע זענען גלייך, אַלע געהען צו פוס... דאָס איז אַלס דאָקטוירים, אָבער אַלס מענשען וועט איהר נישט געפינען צוויי דאָקטוירים אידישע זיי זאָלען קאָנען געהערען צו איין פּאַרטיי. יעדער איז פאַר זיך אַ בעל־הבית און בויט לופט־פּאַלאַצען אויף אייגענע טעאָריעס.

ס׳איז לייכט צו פערשטעהן, אַז די וכוחים פון אידישע דאָקטוירים זענען אויך פערשיעדען. איין חברה דאָקטוירים רעדט וועגען דעם קומענדיגען קאָנגרעס אין באַזעל, וועגען אוגאַנדאַ. די צווייטע—וועגען זשאַרגאָן און העבּרעאיש, די דריטע — איבער בוליגינ׳ס פּראָיעקט און וועגען דעם אידישען אַרבייטער, די פּיערטע—גאָר איבער אָרדענס און „טשין״, פּונקט ווי ביי די אומות העולם, און דער פינפטער גלאַט אַ דאָקטאָר אַ לץ און מאַכט נאָך, ווי אַ בלינדער רב בעקוקט ווערימדיגע פלוימען.

שפּאַצירען אין גונדזשולין איז כמעט נישטאָ וואו, די גאַנצע בעגענד איז פול מיט שפּיטאָלען. טראַנספּאָרטען. בריגאַדעס א. ז. וו.

די פּאַגאָדעס (כינעזישע טעמפּלען) זענען מיר שוין נאָך מוקדען און טיעלין נמאס געוואָרען, פונדעסטוועגען בין איך פאַר אַ פּאָר וואָכען אַריינגעגאַנגען אין אַן אַלטע כינעזישע פּאַגאָדע, וואו ס׳געפינט זוך אַ זעהר גרויסער קריעגס-גאָט. איך שטעה און בעקוק דעם גאָט פון מלחמה. וועלכער האָט אַן אָבגעבראָכענע האַנד און אַן אויסגעשטאָכען אויג אין בויך — דער קריעגס־גאָט האָט אַ פּאָר אויגען אפילו אין בויך—פּלוצלונג בעווייזט זיך פון אונטער איהם אַ געשטאַלט אָהן אַ היטעל, מיט אַ געלער קאָלטענעוואַטער באָרד, מיט אַן אָפּען האַרץ. איך האָב מיך פשוט דערשראָקען, נאָר אויף אַזעלכע זאַכען האָב איך אַ וואוילע סגולה.

— זייט-זשע מוחל, ווי הייסט איהר? זאָג איך צו דעם געשטאַלט אויף אידיש.

ער שטעהט דערשראָקען און ענטפערט נישט.

— שעמט אייך נישט און זאָגט, ווי הייסט איהר? זאָג איך איהם ווייטער.

— נטע בורשטין, ענטפערט ער און וויל אָבגעבען „טשעסט". ער האָט פערגעסען, אַז ער איז אָהן אַ היטעל.

— פון וואַנען איז אַ איד?

— פון קאָוונאַ.

— וואָס טהוט איהר דאָ?

ער איז, זאָגט ער, אַ סאַניטאַר אין טראַנספּאָרט און האָט זיך געלעגט אַביסעל שלאָפען. „האָט, זאָגט ער, נישט פּאַראיבעל."

מיר האָבען זיך צושמועסט, כ'בין געוואָהר געוואָרען, אַז ער האָט אין דערהיים אַ ווייב מיט אַ באַר דערוואַקסענע קינדער, קיין גרויסער גביר איז ער נישט.

ר' נטע בורשטינס ווייב! אַ גרוס אייך פון אייער מאַן, ער זעהט אויס אָהן עין הרע זעהר גוט און האָט זיך נאָך נישט פערליעבט אין אַנ'אַנדערע, ער וועט אייך אַודאי בלייבען טריי ביז צום סוף פון דער מלחמה.

פונדעסטוועגען ווען ער וועט אם ירצה השם צוריקקומען צו אייך אַהיים, מעגט אַ הר איהם אַביסעל אויסקעמען די באָרד. ס'וועט איהם, חלילה, גאָר נישט שאַדען.

XX.

צום סדר

אַ דירה האָב איך געהאַט. זאָג איך אייך „כּיד המלך", ווי פּי־ני דער שניידער פלעגט זאָגען ביי יעדער געלעגענהייט. אַ קליינינ־קיים, אַ שטוב, — אַלץ הייסט אַ שטוב, — אַ פעלד מיט פענסטער, מיט אַ טהיר, וואָס מען האָט געקאָנט אפילו פערמאַכען, מיט אַ סופיט, מיט אַ פּאָדלאָגע און אפילו מיט אַ איוועז ס'איז טאקי אמת. אַז דאָס פענסטער האָט געהאַט אַ פּאָר אויסגעריסענע פּאַפּירענע שויבען, אַז פון סופיט פלעגט שטענדיג רינען און אין דער פּאָדלאָגע זענען געווען מעהר לעכער ווי אין דעם בעסטען שווייצערישען קעז. אַז דעם אויוועז האָט מען נישט געקאָנט הייצען. ווייל ס'איז געווען אָב־געבראָכען ביי איהם די רעהר. דורך וועלכע דער רויך וואָלט זיך געקאָנט אַרויסטראָגען, אָבער כ'בעט אייך ' צי איז מען דען געקימען קיין מאַנדזשוריען תענוגים צו האָבען? עולם הזה? ס'איז דאָך עפּיס אַ מלחמה, און דאָס האָבען מיר שיין אַ קימא לן מדיר דורות. אַז אויף אַ מלחמה קאָן מען קיינמאָל פּאָראויס נישט וויסען צי וועט מען אויספיהרען אָדער צי וועט מען בעקימען קלעפּ. אָבער אַז מען וועט אויסגעריסען ווערען—דאָס איז קיין שום ספק נישט. דערפאַר—עולם־הבא „סקאָלקאָ אוגאָדנאָ".

דאָס מעבעל און די איינריכטונג פון דער שטוב איז געווען נאָך מעהר „כּיד המלך". רעכטס ביי דער וואַנד שטעהט מיין בעט, אָבער אַ בעט—פּלאַי פלאים. כל זמן ס'שטעהט רוהיג, קאָן מען אויף איהם דרייסט ליגען, אָבער פונדעסטוועגען זעהר פאָרזיכטיג, טהוט מען עס אָבער דעם קלענסטען ריהר פונ'ם אָרט—פערפאַלען: פאַלט אַראָב

די ליינוואַנד, פערבויגען זיך די פיסלעך — אויס קאַפּעליושמאַכער, שטעה אויף און פאָרע דיך אַ האַלבע שעה קלאַפּ און פערבייג פער־שיעדענע טשוועקעס, ביז ס׳שטעהט ווייטער גלייך אַזוי ווי ינישט איהם מיינט מען. ליגענדיג אויף דעם בעט פלעג איך מורא האָבען צו פער־גינען זיך אַ הוסט צו געבען אָדער אַ נאָס; ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳ליג אויף אַ טייערען ווענעציאַנישען שפּיגעל, וועלכער קאָן יע־דע רגע פּלאַטצען. כ׳זאָג אייך אַ בעט אויף אַלע שונאי ישראל גע־זאָגט. נישט אומזיסט האָט מיר דער סוחר, ביי וועלכען כ׳האָב געקויפט, אַריינגערעכענט אין גרן, אַז ס׳איז אַ מוסטער פון דער עסטרייכישער אַרמעע.

לינקס ביי דער וואַנד שטעהט דאָס בעט פון מיין חבר — מיר וואוינען אין צווייען. — זיין בעט האָט אפילו נישט געהאַט די זכיה צו זיין אַ מוסטער פון דער עסטרייכישער אַרמעע, — ווייל ס׳א׳ז פון אַ אידישער פירמע, — ס׳האָט אָבער פאָרט די זעלבע אייגענשאַפטען. די גרעסטע מעלה אָבער איז, וואָס ס׳האָט אַ פאָרם פון אַ מולטער אָדער פון אַ קליינשטעדטעלדיג וויגעל, און מיין חבר ליגט שוין נע־ביך אַ חדשים אַכצעהן נאָר אויף די זייטען. ווייל גלייך אָדער אייפ׳ן בויך איז אונמעגליך צו ליגען. ס׳איז אַ גאָט׳ס רחמנות אויף איהם צו קוקען ד. ה. אויפ׳ן חבר. ער האַלט זיך שטענדיג ביי די זייטען און האָט אַ נדר געטהון, ווען ער וועט אי״ה אַהיים קומען בשלום נישט צו ליגען אפילו אַ מינוט, אויף אַ זייט; זאָלען זיי נעביך קו־מען צו זיך.

צווישען אונזערע בעטען שטעהט אַ הילצערנער קאַסטען אָהן אַן׳אויבערשטען און אַן׳אונטערשטען דעק, מיר האָבען איהם געפונען אויף דער גאַס ליגענדיג, נעביך עלענד ווי אַ יתום, אַרום איהם זע־נען געשטאַנען אַפּאָר מאַנדזשורישע חוירים מיט די פּיסקעס צוזאַמען, זיי זענען געווען שטאַרק פערטיעפט אין מחשבות, און זיי האָבען אודאי געטראַכט ווי אַזוי ווערט מען אונז פטור.

מיר האָבען זיך אויפ׳ן קאַסטען מרחם געווען און האָבען גע־הייסען אונזער קאַמערדיענער אַריינשטעלען איהם צו אונז אין שטי־בעל, ער האָט זיך נעביך מחיה געווען און איז געוואָרען באַלד אַ יחסן: אַ טיש און אַ שאַנק צוזאַמען. מיר האָבען איהם אַנידערגע־שטעלט אויף אַ זייט מיט די לעכער צו דער שטוב, און מען האָט דאָרט געקאָנט אַריינשטעלען פון כל טוב, און ס׳זענען טאַקי דאָרט

געשטאַנען צוויי גלעזער, אַ טשייניק, אַ צובראָכען לעפעלע, אַ פּאַריווע מעסער אָהן אַ קלינק, פון פּראָוויאַנט אַן׳אַלטגעבאַקענער ברויט, אַ פושקעלע טהעע און אַ זעקעל מיט צוקער.

די צוויי בעטען און דער קאַסטען—האָבען פּערנומען די ברייט פון שטיבעל. אין דער לענג איז לינקס געשטאַנען דער אויוועז מיט דער צובראָכענער רעהר און רעכטס אַ שיסעל אויף וואַסער, וואָרום וואָס זאָל נישט זיין — וואַשען מוז מען זיך פאָרט. איבער׳ן שיסעל האָבען אַרויסגעשטאַרט אַפּאָר טשוועקעס, אויף וועלכע זענען געהאָנגען אונזערע בגדי מלכות, אַפּאָר פעקלעך מיט זאַכען, וועש און אַ האַנד-טוך. שטוהלען צום זיטצען איז נישט געווען. מען האָט אפילו גע-קאָנט בעקומען שטוהלען, נאָר ווי נעמט מען פאַר זיי אָרט, און חוץ דעם צו וואָס בעדאַרף מען אייגענטליך שטוהלען? אַ גאַנצען טאָג ווער זיצט דען אין דער היים? און ביינאַכט ליגט מען דאָך, משטיינס געזאָגט. די מייז, וועלכע בעל-בתיווען גאַנצע טעג און נעכט, בע-דאַרפען אויך נישט קיין שטוהלען, זיי זענען יוצא מיט דעם קאַס-טען, מיט די בעטען, מיט דער שיסעל, וואו זיי באָדען זיך נישט ער-גער, ווי אָרעמע אידען אין קאַרלסבאַד. זיי זענען מיט אונז נפש אחת, זיי עסען פשוט פון דער האַנד.

קאַלט איז אין שטיבעל ווי געהעריג, מען וואָלט בעדאַרפט אים לעבען הייצען, נאָר ס׳איז פאָרט נישט דאָ קיין רעהר. מיר האָבען אפילו געבעטען עפּעס אַ „סמאָטריטעל״ און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ס׳וועט זיין, און מיר האָבען טאַקי געלעבט מיט דער האָפנונג, אַז אין תמוז, אויב מען וועט דערלעבען מיט געזונד, און אויב מען וועט נאָך זיין אויפ׳ן זעלבען אָרט, וועט די רעהר אודאי זיין פּער-ריכט. אָט אין אַזאַ מעבלירט צימער האָבען מיר געוואוינט נאָך דער מהומה ביי מוקדען אין אַ דערפעל אונטער גונדזשולין.

איינמאָל אין דערפריה ליג איך מיר אַזוי — אַ מוסטער פון עסטרייכ׳שער אַרמעע, — און מיינע געדאַנקען זענען גאַנץ ווייט פון מאַנדזשוריען. אין דרויסען פאַלט אַ שנעע אויסגעמישט מיט רעגען, וועלכע שיקען אַריין אין שטיבעל דורך די אויסגעריסענע שויבען און דורך די לעכער אינ׳ם סופיט — כ׳וועל מיך אויסדריקען ווי אַ דיכטער — זייערע דעלעגאַטען.

די פיס מיט די זייטען טהוען נאָך וועה פון מוקדען, און ס׳גלוסט זיך נישט אויפצושטעהן, מיין חבר ליגט אויף דער לינקער-

זייט און קרעכצט. ער איז בטבע אַ גרויסער פילאָזאָף און נישט קיין בעל־בכי. פולווער וואָלט ער אפשר נישט ענטדעקט, ווען ער וואָלט אפילו זיך זעהר מטריח געווען, נאָר אַ חזן וואָלט ער געווען אַ וואוילער, ער ליגט און פילאָזאָפירט.

— העלמהאָלץ, זאָגט ער, האָט געהאַט אַ פּרעטענסיע צום רבש״ע, אַז ער האָט שלעכט בעשאַפען דאָס אויג פונ׳ם מענשען. ער, העלמ־האָלץ הייסט אָס וואָלט געמאַכט אַ בעסער אויג, איך אָבער זאָג, האָט ער ווייטער געפילאָזאָפירט, אַז דער גאַנצער מענש איז שלעכט בע־שאַפען און דער גרעסטער חסרון איז, וואָס ער איז פון איין שטיק, ס׳וואָלט אַ סך בעסער געווען, ווען אַלע אברים וואָלטען געווען אויף שרויפען בכדי מ׳זאָל קאָנען אָבשרויפען ווען מען וויל און וואָס מען וויל. פאָהרסט קיין מאַנדזשוריען — שרויף אָב דעם מוח, דאָס האַרץ, דעם רוקען און לאָז איבער אין דערהיים, די זייטען מיט די פיס נעהם מיט.

— און אַז מען וואָלט די אָבגעשרויפטע אברים אוועקגע־גנב׳עט? — פרעג איך איהם אַ קלאָץ־קשיא.

— אויך אמת, — זיפצט ער אָב.

ס׳קומט אַריין דער דענשטשיק. אַ איד, און נישט קיין פּראָס־טער איד, נאָר אַ וואַרשעווער פון דער סאַמעראָדנער קראָכמאַלנער גאַס. ער איז אַ היבער יונג, געזונד־אייזען. ווי אַזוי איז ער געוואָ־רען אַ דענשטשיק איז אַ גרויסע קשיא, אָבער נישט די ערשטע און נישט די לעצטע אין דער דאָזיגער מלחמה. רעדען רעדט ער אויף אַלע לשונות ד. ה. קיין איינציג לשון קען ער נישט, אפילו אידיש נישט. נאָר ער מישט אויס אַלע צוזאַמען, פויליש, רוסיש און אידיש און ס׳קומט אַרויס עפּעס אַ מין שפּראַך, וואָס אפילו דער מחבר פון וואָלאַפּיק וואָלט חלשות געפאַלען, ווען ער דערהערט. און דער פּער־שוין קומט אַריין, שטעלט אַנידער מיט גרויס כבוד די שטיוועל און טהוט אַ קוק, אויב כ׳שלאָף, אונזערע אויגען בעגעגענען זיך.

— גוט מאָרגען, זאָגט ער, וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע.

כ׳האָב איהם טויזענד מאָל געבעטען, ער זאָל מיר נישט דעם קאָפּ פערדרעהען מיט די שמאָכטעס און זאָל פּשוט זאָגען: איהר. וויל ער אָבער בשום אופן נישט. ער איז, זאָגט ער, אַ גרויסער בקי אין דינים „טשטאַ קאַסאַיעטסאַ״, וואָס פאַר אַ טיטעל ס׳קומט פערשיעדענע מענשען. פאַדלוג די „פּאַסיקלעך״ און די זוויאָדעטשקעס, וועלכע זיי האָבען אויף די עפּאָלעטען.

— וועט ער אָבער „זאַביוואַיען די זאַקאָנעס" און וועט זאָגען אַנ'אַנדערן איהר, וועט ער בעקומען פּעטש און אפשר נאָך ערגערס. ער קאָן, זאָגט ער, נישט מאַכען קיין אויסנאַהמען, אַ „פּאַסיקעל" אָהן אַ „זוויאָזדעטשקע" קומט „וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע", — און טהוט איהם עפּעס. חוץ דעם איז ער מיט מיר פּאַן־בראַט. מיר זענען דאָך פון איין שטאָדט; „וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע", זאָגט ער, „שטעהט זייט־זשע כוחל אויף היינט אַביסעל פריהער. ס'איז דאָך ערב פּסח און מען בעדאַרף פאַרטיג מאַכען דעם סדר".

— וואָס ערב פּסח? — פערוואונדערט זיך מיין חבר, ער האָט געמיינט, אַז דאָס יאָהר, וועט גאָר נישט זיין קיין פּסח.

— וואָס אייגענטליךווילט איהר מאַכען? — פרעג איך דעם דענשטשיק און שמייכעל: לאַכען טאָר איך נישט, ווייל דאָס בעט האָלט געווען אין אַ סכנה.

— ערשטענס, — ענטפערט ער און קלאַפּט מיר ווידער אַריין דעם ברייטען וואַשע וו—דיע, ערשטענס בעדאַרף מען באַקען מצות.

כ'קוק איהם אָהן, ווי אַ משוגענעם, וואו? וואָס? ווען?

— ס'זענען, זאָגט ער, געקומען דריי אידישע זעלנער: איין פעלדשער און צוויי „גיזשני טשינעס", זיי ווילען אויך העלפען. אפשר וואָלט וואַשע וו—דיע פּאַזוואָליט זיי אַריינצוגעהן? אין דרויסען איז אַ „מבול".

— אדרבא,

און ס'קומען אַריין אונזערע דריי אידען, פערבלאָטיגט נעביך בי'ז'ן פּאַס; פון די הויכע שוואַרצע פּאַפּאַכעס רינט ווי פון אַ זיפּ. זיי זעהן אויס רח"ל, ווי די כשוף־מאַכערס. זיי שטעלען זיך אויס אין איין שורה אויסגעצויגען, גלייך זיי וואָלטען געוואָלט אַרויס־שפּרינגען פון די מלבושים. מיין חבר זאָגט זיי דעם ברייטען גוט־מאָרגען—ער איז אַ כאַרקאָווער איד און מאַכט עס גאָר וואוי'ל. — זיי טהוען אַנ'ענטפער צוזאַמען, אַז זיי ווינשען געזונד אונזערע וויסאָקאָ־בלאַהאָראָדיעס, אָבער מיט אַזעלכע קולות, אַז דאָס שטיבעל ציטערט.

— וואו אייגענטליך ווילט איהר באַקען מצות? פרעג איך זיי פשוט אויף אידיש. דאָס אידיש האָט געמאַכט, אַז די וואַנד צווישען אונז איז איינגעפאַלען. זיי האָבען אויפגעהערט זיך אויסצוציהען און האָבען אָנגעהויבען צו רעדען כאחד האָדם.

— טאַקע אין אייער אויווען, האָט געענטפערט איינער מיט אַ

וואָלינישען אַקצענט. מיר האָבען שוין לאַנג געוואָרפען אויפ׳ן אָנ־
אויג.

— ס׳איז דאָך קיין רעהר נישט דאָ! פרעג איך אַ קשיא.

— מילא אַודאי, ענטפערט ער, וואָלט ער געהאַט אַ שטיק
רעהר, וואָלט ער צוגעמאַכט; ער איז, זאָגט ער, אַ בלעכער־מאַכער
פון דער היים. אָבער אָהן מאַטעריאַל קאָן ער גאַר נישט טהון, אָבער
וואָס אייגענטליך איז אַ חילוק, — יאָ רעהר, נישט רעהר. צי איז
אין אמת׳ן אַנ׳אונטערשיעד, צו דעם רויך געהט אַרויס דורך די רעהר
אָדער דורך דעם פענסטער, אַבי ער געהט אַרויס. בפרט אַז די שוי־
בען זענען אויסגעהאַקט און קיין גרויסען מהלך וועט דער רויך
נישט האָבען.

מיין חבר האָט זיך צולאַכט און די מולטער ווערט נאָך שמע־
לער. כ׳בין איהם מקנא אָבער כ׳מוז מיך איינהאַלטען, ס׳פּאַסט נישט
אַראָבצופאַלען אויף די פּאָדלאָגע, בשעת כ׳האָב געסט.

— זאָל זיין אַזוי, זאָג איך, אָבער וואו איז מעהל, וואַלבער־
האָלץ און אַנדערע מכשירים?

— אָלץ איז דאָ — ענטפערט דער וואָלינער זעהר צופרידען און
טהוט זיך אַ קראַץ אין פּאַפּאַכאַ.

כ׳בין מיך מתגבר כארי און שטעה אויף, מיין דענטסשיק טהוט
אַ הויב אויף די שטיוועל און האַלט זיי מיט צוזאַ רעספּעקט, וואו בײ־
סנדקאות און איך קריך מיט מזל אין זיי אַריין. ווען איך טהו
דאָס אַליין אָהן זיין הילף, וואָלט ער געוועזן טיעף בעליידיגט. כ׳האָב
מיך אַרומגעוואַשען געמומען נישט ווילענדיג אַ קאַלטען פרישניק, ווייל
כ׳האָב מיך פונקט אַנידערגעשטעלט אונטער אַ לאָך פון סופּיט. הכלל
כ׳בין פאַרטיג צו דער מצוה. דער חבר מיינער איז שוין אויך פאַר־
טיג און מיר נעמען זיך צום באַקען מצות. ד. ה. די פיער זעלנער
אַרבעטען און מיר שטעהען אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן קאַסטען און קוקען מיט
גרויס פערגעניגען ווי אַזוי דער איבערשטער האָט אָבגעטהיילט פון
זיין חכמה פערשיעדענע בשר ודמ׳ס, מעגען זיי אפילו טראָגען
פּאַפּאַכעס.

ראשית האָבען זיי אָנגעלעגט אין אויווען אַ פייער, דער אוי־
וועג ווייזט אויס האָט זיך זעהר פערוואונדערט אויף די העזה און
האָט אָנגעהויבען שרעקליך צו רויכערען, נאָר דאָס איז גראָד קיין
חכמה נישט, ס׳איז פּשוט על פי דרך הטבע, אמת טאַקי, אַז דער

רויך האָט אַ קליינעם מהלך ביז'ן פענסטער צו די אויסגעהאַקטע שויבען, נאָר פון דעסטוועגען פערקריכט ער אין די נאָז און אין די אויגען און מיר ניסען און וויינען. אויף אַזעלכע זאַכען איז אפילו דאָ אַן עצה: מען נעהמט די פיס אויף די פלייצעס און מען ענטלויפט, אָבער וואוהין? אין דרויסען איז פון אונטען אַ בלאָטע ביז'ן גאַרטעל און פון אויבען — ווילט איהר שנעע, ווילט איהר רעגען, — ס'זענען ביידע פערהאַנען.

דער נייער אינ'ם אויווען האָט זיך צופלאַקערט, מיינע אידען האָבען פון זיך צראָבגעוואָרפען דעם זעלנערישען מונדיר, פערקאַטשעט די אַרבעל, אָבגעוואשען מיט גרויס כונה די הענד און האָבען אָנגעהויבען מאַכען טייג אין אַ בלעכענער שיסעל, וועלכע זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט. וועלגערען, וועלגערט מען אויפ'ן פענסטער, וועלכער איז אויסגעלעגט מיט צייטונגען און דאַכט זיך דוקא ווי אויף צו להכעיס מיט דער „מאָסק. וויעדאָמ". גערעדעלט ווערט מיט אַ אָרדער, וואָס איינער פון די זעלנער האָט נאָך פון דער היים פאַר גוט שיסען. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ נישט די גרויסע חכמה. כ'שטעה און בין נייגעריג צו זעהן, אויף וואָס וועלען זיי זעצען די מצות, אָט דאָס וועט זיין די גרעסטע חכמה. און כ'זעה, ווי איינער פון די זעלנער וויקעלט אויף אַ באַשליק און נעמט אַרויס אַן אייזערנע לאָפאַטע, וועלכע בלאַנקט, ווי גאָלד. און די האָלצערנע האַנד איז שפּאָגעל ניי. כ'קוק אָן די לאָפּאַטע און טראַכט מיר, ווער ווייס, וואָס פאַר אַ גלגול אין איהר שטעקט און וואָס פאַר אַ תקון זי וועט האָבען דורך די מצות. אַלץ איז געווענדעט אין מזל! וואָס קען ערגער זיין פון אַ לאָפּאַטע ביי אַ זעלנער אין מאַנדזשוריען? אקערן אקערט מען נישט מיט איהר, זייהען — אויך נישט, מען רייניגט נאָר מיט איהר אויס די אומרייניגסטע זאַכען, פון דעסטוועגען, אַז מען האָט אַ שטיפעלע מזל, פאַלט מען אַריין אין אידישע הענד און מען באַקט אויף איהר מצות, ד. ה. מען לעגט אויף איהר אַנידער אַ אָבגערעדעלטע מצה און מען האַלט זי אַזוי לאַנג איבער'ן פייער ביז די מצה ווערט פאַרטיג. זי איז טאַקי אַביסעל פעררויכערט, אַביסעל פערברענט, אָבער אַ מצה איז זי דאָך.

ביי דער צעהנטער מצה׳ האָט דער פעלדשער געפסקנ'ט, אַז ס'איז גענוג. ער איז געווען דער „מיירע־האַלטער" און האָט נעביך שוין נישט געקאָנט אָפען האַלטען די אויגען פון רויך, „גענוג", זאָגט ער

„ס׳וועלען היינט מארגען אָנקומען אודאי מצות פון כארבין, דער רב האָט צוגעזאָגט״.

די צעהן מצות ליגען שוין יום-טוב׳דיג אויף אַ ריינעם האַנד-טוך, ס׳שפריצט פון זיי עפּיס אַ מין נחת, די שכינה רוהט אויף זיי. כ׳האָב שוין געזעהן אין מיין לעבען פערשיעדענע מצות, אפילו מאר-קושאָווער שמירה, וועלכע איז בעריהמט אין גאַנץ פוילען מיט איהר שוואַרצקייט, אָבער ס׳הויבט זיך גאָר נישט אָן אַקעגען אונזערע מאַנ-דזשורישע: אמת׳ע קויהלען.

— הכלל מיט מצות איז מען שוין פערזאָרגט, מיט אַנדערע זאַכען אויף פסח, לוינט זיך נישט דעם קאָפּ צו פערדרעהען, — זאָגט איינער פון די מצות-בעקער. ס׳איז עפּיס אַ פערוואָרפען דערפעל און מען קאָן גאָר נישט בעקומען חוץ כינעזישען בראָנפען. אידען צווי-שען די זעלנער איז דאָ זעהר ווייניג און די צוויי אידישע דאָקטוי-רים פון פאָלק זענען גאָר קיין נאַראָנים נישט און זענען אַוועקגע-פאָהרען אויף יום-טוב קיין כארבין.

זיי געזעגענען זיך און דער דענשטשיק בעט זיי, זיי זאָלען קומען בעציייטענס און זאָלען מיטברענגען אַפּאָר ליכט.

— דערלעבט איבער אַ יאָהר ווידער — זאָג איך זיי און באַקט מצות, נישט אין מאַנדזשוריען, נאָר אין ארץ ישראל.

— ארץ ישראל ווי ארץ ישראל — ענטפערט דער וואָלינער — אָבער ס׳איז שוין טאַקי צייט צו זיין אין דער היים ביי ווייב און קינד. אוי פאָניע! — האָט ער געענדיגט און האָט שווער אָב-געזיפצט.

דער גאַנצער טאָג געהט אַוועק אין פּאָרען זיך. דער דענש-טשיק שאַרפט דעם מוח, ווי אַזוי צו מאַכען אַ באַנק צום זיטצען, און פאַלט טאַקי אויף אַן׳המצאה. אַז די טהיר איז אין גאַנצען איב-ריג, ווייל זי געהט אַרויס נישט אויף דער גאַס, נאָר אין פּאָדער-הויז, די טהיר ווערט אַראָפּגענומען, אַרויפגעלעגט אויף צוויי גרויסע גראָבע שטיקער האָלץ דער קאַסטען ווערט אַרויסגעשלעפּט פון זיין בכבוד׳יגען פּלאַץ צווישען די בעטען נאָהנטער צו דער טהיר און מיר בעדעקען איהם מיט אַ ווייסען ליילעך; ער זעהט עס אודאי צום ערשטען מאָל.

הכלל אַ טיש מיט אַ באַנק איז שוין ברוך השם דאָ.

דער דענשטשיק געהט אַרויס זוכען עפּעס אַ געוועלב מיט משקה און קומט צוריק אין אַ שעה אַרום נישט טויט און נישט לעבעדיג. ס'איז, זאָגט ער, סכּנת נפשות, ער איז קוים מיט דעם לעבען אַרויס פון דער מוראדיגער בלאָטע. ער האָט אָבער דאָך געבראַכט אַ פער־בלאָטיגט פלעשל „סטאָלאָוואָיע ווינאָ". די בלאָטע אויפ'ן פלעשעל איז נישט אַזוי געפעהרליך אָבער די בלאָטע אינעווענינ איז נישט זעהר אַנגענעהם, און אַז מען טהוט אַ שאָקעל די פלאַש שווימען אַרויף בלאָטע און פערשיעדענע בעשעפענישען, כּוסות זענען נישט דאָ, ועט מען טרינקען פון די גלעזער, איז נישט קיין פולע, אַז זיי זענען חמצדיג, דאָס איז נישט קיין אומגליק פסקנט דער דענשטשיק. ס'איז דאָך פאָרט מאַנדזשוריען. חרוסת? — זאָג איך ווייטער איהם איז אין גאַנצען איבריג. וואָס? זכר לטיט? ס'איז גענוג אַ קוק צו טהון אויף דער פּאָדלאָגע. מרור, פילאָזאָפירט מיין חבר, בעדאַרף מען אַוודאי נישט, מיר האָבען איהם איבער גענוג.

— אַנ'אפיקומן, דרשענט דער דענשטשיק, — איז אויך דאָ אָבער וואָס טהוט מען מיט אַנ'הגדה?

— „אָהן אַ הגדה" פעריכט איך איהם.

— יאָ. זאָגט ער, אָהן אַ הגדה. ער טרייסט זיך אָבער אַליין, אַז די הגדה געהער צו די דאָזיגע זאַכען, וואָס מען קאָן אויסוועניג.

איך בעט איהם, ער זאָל מאַכען אַ פּראָבע. ער טהוט אָן די כּאַפּאַכע און הויבט אָן פון די פיער קשיות, די ערשטע געהט נאָך נישט קשה, ביי די צווייטע אָבער מוז ער נעביך זיך אַנידער שטע־לען און ווערט רויט, ווי עשו.

— וואַשע וו—דיע— הויבט ער אָן.

איך האַק איהם איבער, אפשר, בייזער איך מיך, וועט ער וועניגסטענס אים יום טוב מיך לאָזען לעבען.

— ניין, זאָגט ער, דאָס וועט וואַשע וו—דיע נישט פועלען.

מיר זענען זיך מכין צום סדר, וואַרפען אַראָב די ברודיגע מונדירען און טהון אָן זומער־רעקלעך. ס'איז אַפילו קאַלט, זיי זע־נען אָבער ריין און מען דערמאָנט זיך אַ ביסעל אָן פריהלינג אין דער היים, אָן דעם אמת'ן פסח. אין דרויסען קעהרט די וועלט, דער רעגען האָט זיך שוין אין גאַנצען אויסעמאַנציפּירט און איז געוואָרען אַ ריינער רעגען אָהן אַ כּזית שנעע, — ס'ווערט פשוט אַ מבול, און די בלאָטע איז אַ ים! חזירים אַפילו געהן שוין נישט, נאָר זיי

שווימען. דער דענשטשיק קומט אַריין נעבּיך מיט אַ אַראָבּגעלאָזטער נאָז און בּרענגט אַ בּשורה, אַז אַ קאָזאַק אויף אַ פערד איז דערטרונקען געוואָרען, אַז ס'איז סכּנת נפשות אַ פוס אַרויס צו שטעלען. מי יודע, זאָגט ער, צי דער עולם וועט קאָנען קומען. ער האָט טאַקי אַרויסגערעדט אין אַזאַ שעה, אַז די נבואה איז מקוים געוואָרען. ס'ווערט שוין פינסטער און דעם עולם זעהט מען נישט. אַ שטיקעל ליכט, וואָס מיר האָבּען געהאַט, האָט אויסגעבּרענט, און מיר זענען געבּליבּען אין דער פינסטער. אין שטיבּעל איז שטיל, מען הערט נאָר דעם רעגען אין דרויסען און דאָס קאַפּען פון סופיט אויף די פּאָדלאָגע. די מייז הויבּען אויך אָן צו מאַכען זייערע משוגעגע העויות, צו פייפען און צו שפּרינגען ווי נישט-גוטע.

און אַז ס'ווערט אין דרויסען אַ קאַפּ שטילער הער איך וואָר מיין חבר, ליגענדיג אין דער מילטער, וויינט אַבּיסעל אונטער שטילערהייט. „איהר וויסט, וואָס כ'וועל אייך זאָגען״, ווענד איך מיך צו מיין חבר און צום דענשטשיק, „פאָלגט מיך זאָלען מיר אויסטהוען די שטיוועל און זאָגען קינות״.

— וואָס זאָגט איהר, וואַשע וו—דיע, בּעליידיגט זיך דער דענשטשיק, ס'איז דאָך יום טוב.

— קאָלעגאַ, זאָגט דער חבר מיט אַ וויינענדיג קול, כ'וועל אייך פרעגען פיער קשיות: מה נשתנה הלילה הזה מכּל הלילות, וואָס איז ערגער די נאַכט פון אַלע נעכט? אַלע נאַכט איז בּיי אונז לכל הפחות ליכטיג, היינט איז פינסטער חושך? אַלע נאַכט עסען מיר, וואָס פאַר אַ וויעטשערע ס'איז, היינט זענען מיר טויט הונגעריג? פאַר וואָס אויף אַ גוישען יום טוב איז פאָרט דאָ אַלעס, אַפילו שאַמפּאַניער, אויף אונזערען אידישען גאָר נישט? פאַר וואָס?! האָט ער זיך צוויינט אויף אַ קול און האָט כמעט געשריגען, פאַר וואָס האָט מען אונז גלאַט אָבּגעריסען פון ווייבּ און קינד און פערשלעפּט אַהער, פאַרוואָס, פאַרוועןן?

גאַנץ שטיל האָבּ איך איהם געענטפערט: עבדים היינו, מיר זענען געוועזען און מיר זענען קנעכט לפרעה בּיי פרעה'ן און נישט דוקא בּיי פרעה'ן בּמצרים אין מצרים און נישט דוקא אין מצרים. — ווייטער האָבּ איך נישט געקאָנט רעדען, כ'בּין דאָך אין די זאַכען אַ שטיקעל מומחה, פון דעסטוועגען קאָן איך בּיז אַהער נישט פערשטעהן, וואָס איז דאָס געווען. ס'האָט מיך צוגעדריקט צום האַרץ

און ס'האָט מיר אָבגענומען דאָס לשון.

— נו, ווייטער, בעט מיך דער חבר.

— דאָס איז אַ תירוץ אויף אַלע קשיות, האָב איך קוים אַרויס-געריעדט און כ'האָב מיך מיט כעס אַ וואָרף געטהון אויפ'ן בעט, וועלכ'ס איז מיט נאָך אַ גרעסערען כעס צופאַלען און כ'בין ליגען געבליבען אויף דער פאָדלאָגע,

XXI.

דעמאָביליזאַציע

מען שליסט ענדליך שלום. — דער אַלטער גענעראַל ליניעוויטש וויל נישט אָבגעבען גונדזשולין. — מען נעמט אַראָב די גלאָקען פון דער גונדזשולינער צערקווע. — די לעצטע בקשה פון אַ נוטה למות.

נאָך דער שרעקליכער מפלה פון דעם רוסישען פלאָט ביי צו־סימא האָט מען זיך ענדליך אַנידערגעזעצט אין פּאָרטסמוטה רעדען מכּח שלום, די אונטערהאַנדלונגען האָבען זעהר לאַנג געדויערט, מען האָט זיך געדינגען: די שוואַרצע אָפיצירען האָבען געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז מיט די שלום־אונטערהאַנדלונגען נאַרט מען קלאָמ־פּערשט אָב די יאַפּאַנער, בכדי צייט צו האָבען צו פערגרעסערען די אַרמעע, אָבער אַלע בעוואוסטזיניגע מיליטער־מענשען האָבען פערשטאַ־נען, אַז די מלחמה איז פערשפּילט און אַז דער שלום מוז אין גיי־כען קומען.

הגם ס'איז געשלאָסען געוואָרען וואָפען־שטילשטאַנד איז דאָך אָנגעקומען פריש מיליטער פון רוסלאַנד. דער קאָרפּוס, וואָס איז שוין געווען אויפ'ן וועג, האָט אַפילו בעקומען אַ בעפעהל צו פאָהרען נאָר ביז כאַרבין. אָבער דער קאָמאַנדיר פון דעם קאָרפּוס, גענעראַל פלע־ווע האָט נישט געהאָרכט און האָט זיך גערוקט ווייטער קיין גונדזשו־לין, מיינענדיג, אַז אפשר וועט דער אויבערשטער פאָרט העלפען און ער וועט בעקומען אַנ'אָרדער.

ענדליך איז דער שלום געוואָרען געשלאָסען און ס'איז ערקלערט געוואָרען דעמאָביליזאַציע, אָבער אַ געלאַסענע לויט דעם סדר ווי מען איז אָנגעקומען אויף די מלחמה. די שלום־בעדינגונגען, ביודעים, זענען

דעם שטאַב נישט געפעלען און דער דעמאָלטיגער הויפט-פיהרער, דער אַל-
טער גענעראַל ליניעוויטש האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט גונדזשו־
לין נישט אַוועקגעבען די יאַפּאַנער. ער האָט ערשט אָבגעטרעטען
דעמאָלט, ווען ער האָט בעקומען אַ ידיעה פון פעטערבורג, אַז ער
זאָל דעם קאָפּ נישט פערדרעהען, און מען האָט אָנגעהויבען ביסלעכ־
ווייז צו עוואַקואירען.

זעהר אַ טרויעריגער מאָמענט פאַר דער רוסישער קאָלאָניע אין
גונדזשולין איז געווען די עוואַקואַציע פון דער צערקווע און דאָס
אַראָבנעהמען פון איהר די גלאָקען. די אַלע, וואָס האָבען דאָס ביי־
געוואוינט זענען געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ און האָבען גע־
האַלטען אין איין צלמ'ען זיך. איך האָב דאָס אויך צוגעקוקט און
גראָד דעמאָלט איז אַרויפגעשווימען אין מיינע זכרונות אַן'עפּיזאָד פון
מיינע קינדער־יאָהרען, ווען איך האָב בייגעוואוינט, ווי די קאָזאַקען
האָבען מיט נאַהאַיקעס געשמיסען אויף דער גאַס די אוניאַטען און
ווי זיי האָבען אין לובלין צושטערט אַ קאָשציאָל — וואָס זיי האָבען
פון דעם קאָשטשיאָל געמאַכט — געדענק איך שוין נישט. — על
דאטיפת אטפיך, האָב איך מיר געטראַכט, אָבער וואָס קומט דערויס,
אַז אַזעלכע זאַכען פערגעסען זיך און בשעת דעם וועלט־קריעג האָבען
די רוסען נישט אין איין שוהל געמאַכט אַ גאַראַזש, און נישט אין
איין בית־המדרש — אַ שטאַל פאַר פערד. דער עולם האָט אָנגעהוי־
בען זיך צוצופאָהרען. צו מיר איז נאָך נישט צוגעקומען. ענדליך ענ־
דע נאָוועמבער 1905 איז אין שפּיטאָל אין כאַרבין, וואו איך האָב די
לעצטע צייט געאַרבייט, אָנגעקומען פונ'ם אינספּעקטאָר דאָס לאַנג
ערוואַרטעטע פּאַפּירעל: „אָבשיקען אַזעלכע און אַזעלכע דאָקטוירים
צוריק, פון וואַנען זיי זענען געקומען". אין דער צאָהל פון די גליק־
ליכע איז געווען אויך מיין נאָמען. דער אדון הגדול פונ'ם שפּיטאָל,
זעלבסטפערשטענדיג, אַ כשר'ער פּראַוואָסלאַווני, נישט חלילה קיין דאָק־
טאָר פון „זאַפּאַס", נאָר אַן'אמת'ער מיליטער אַרצט שוין אַ יאָהר צוואַנ־
ציג, האָט דאָס פּאַפּירעל איבערגעלעזען גאַנץ קאַלטבלוטיג און האָט
עס עטליכע שעה געהאַלטען ביי זיך, נישט זאָגענדיג דערפון קיי־
נעם. ער האָט גאָרנישט געשפּירט, ווי ווייט ער זינדיגט דערמיט, ער
האָט זיך גאָרנישט געשטויסען, וויפיעל בלוט ער האָט אונז אויסגע־
צאַפּט. „ראַדי באָגאַ" האָב איך איהם געזאָגט, ווען כ'בין דערפון גע־
וואָהר געוואָרען, „ווי אַזוי האָט איהר דאָס האַרץ געהאַט צו האַלטען

ביי זיך אַזאַ טייער פּאַפּירעל גאַנצע דריי שעה, אַ קלייניגקייט, דריי שעה ניט צו וויסען, אַז מען קאָן שוין פאָהרען אַ היים און פּטור ווערען פון מאַנדזשוריען״.

„עט״ האָט געענטפערט דער אדון הגדול און האָט זיך אַ רייב געגעבען די רויטע נאָז, „וואָס פאַר אַ חילוק איז! כאַרבין, וואַרשא, כאַרקאָוו, גלויבט מיר, קאָלעגע, ס׳איז אַלץ איינס, דאָרט איז גוט, וואו מען צאָהלט גוט, די איבריגע זאַכען איז אַלץ אַנ׳איינרעדעניש, טשעפּוחא!״

כ׳האָב קיין חשק נישט געהאַט אַריינצולאָזען זיך מיט איהם אין אַ ויכוח: זאָל ער בלייבען גערעכט.

הכלל, מען פאָהרט אַ היים!

ס׳האָט ענדליך אויסגעשאָגען די שעה, אויף וועלכע מען האָט געוואַרט צוויי יאָהר און נישט יעדער האָט זי דערלעבט. מען האָט שטענדיג געמיינט, אַז מען וועט משוגע ווערען פון פרייד. ניין, מען איז נישט משוגע געוואָרען. דען וואָס איז די גדולה? מען פאָהרט אַ היים? על פּי שכל הישר מוז מען דאָך אַמאָל אַ היים פאָהרען. אַי וואָס, דער שכל הישר איז נישט געווען קיין גרויסער מיוחס אינ׳ם גאַנצען קריעג, אָבער דאָס נאַרישקייט מוז דאָך אַמאָל נעהמען אַ סוף!

די זאַכען מיינע זענען שוין געלעגען לאַנג איינגעפּאַקט. דאָס פּלעגט זיין איינס פון די ווייניגע פערגניגענס אין מאַנדזשוריען, אויסצופּאַקען די זאַכען און ווידער איינצופּאַקען, חוץ דעם פערגני־גען איז געווען זעהר נוצליך צו האָבען ס׳ביסעל אָרעמקייט שטענ־דיג גרייט על צרה שלא תבוא, אַז מען וועט בעדאַרפען ענטלויפען. מיר פלעגען זיין עהנליך צו די פייערלעשער, וועלכע שלאָפען אין אָנטהון ווייל אפשר בעדאַרף מען לויפען צו אַ שרפה.

נישט אַלע זאַכען אָבער האָט געלוינט מיטצושלעפּען אַ היים, דערפאַר האָב איך זיי רעוויזירט און בכדי ס׳זאָל אַ פנים האָבען פון אַנ׳אמת׳ע רעוויזיע האָב איך צו אַזאַ מצוה פערבעטען מיין דענש־טשיק, אַנ׳עלטערען געשטיפעלטען זעלנער, מיר האָבען אָבער נישט געקאָנט קומען צו איין דעה; דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט מיט־נעהמען אַ היים, האָט ער געוואָלט, אַז איך זאָל עס איבערלאָזען. קוים מיט צרות האָבען מיר זיך אויסגעגלייכט אָהן אַ דין תורה. דער סדר העולם איז, אַז פאַר׳ן אַוועקפאָהרען בעדאַרף מען אַרומלויפען זיך גע־זעגענען, ס׳איז אָבער נישט געווען מיט וועמענען, ווייל די גאַנצע

כאַרבינער מיליטערישע קאָלאָניע איז געװען געגליכען צו אַנ'אינזעל פון זאַמד, װעלכער טהוט נישט מעהר, נאָר ער צושיט זיך. איהר האָט היינט גערעדט, למשל, מיט אַ מענש, אַ הדרת פנים, װאָס האָט געװאויגען אַ צװיי הונדערט פונט און האָט געװאוינט, װי אַ װאַרשאַװער איד פונ'ם גזשיבאָװ דרוקט זיך אויס: „פאָד נומערעם", און מאָרגען ויברח, ס'איז נישטאָ זיין געביין, ד"ה געשטאָרבען איז ער נישט חלילה, אַדרבה, לעבען האָט ער געלעבט כאחד האדם, נאָר ער איז פערשװאונדען געװאָרען. אַװעקגעשלעפט זיך אין אַ פולק, „קאָמאַנדירט" געװאָרען אין אַ שפיטאָל ערגיץ הינטער די הרי חושך אָדער גאָר אַ ביסעל אַ היים געפאָהרען איבער עפעס אַ קראַנקהייט. איך האָב מיך נאָר געזעגענט מיט די אינזשינערען שאַפיראָ און אָסער, װאָס האָבען מיר אַרויסגעװיזען אַזויפיעל גאַסטפריינדשאַפט װי אויך מיט מיינע קראַנקע אינ'ם שפיטאָל, דאָס לעצטע איז מיר אָנגעקומען זעהר שװער. אַ קראַנקהייט איז אַנ'אומגליק, בפרט, אַז מען קרענקט אין אַ פרעמד לאַנד, װאו מען איז עלענד, װי אַ שטיין, בפרט אַז מען האָט נישט קיין האָפנונג געזונד צו װערען, און אַזעלכע איז פונקט געװען זעהר אַ סך. איינער פון זיי װאָס איז קראַנק געװען אויף אַ שװערע פאָרם פון שקארבוט אַ געװעזענער אַרבייטער אין די קויהלען-גרובען פון דאָמבראָװא, אַ זעהר סימפאַטישער פאָליאַק האָט מיך צוגערופען. „איך האָב צו אייך, הער דאָקטאָר, אַ גרויסע ביטע" האָט ער געזאָגט צו מיר זעהר שטיל אויף פויליש און אין דער ברוסט האָט איהם געקאָכט, װי אין אַ קעסעל. „אַז איהר װעט קומען קיין װאַרשא, שרייבט אַ פאָר װערטער צו מיין פרוי און זייט איהר מודיע, אַז איך בין געשטאָרבען. איך שפיר, אַז דאָס איז מיין לעצטע נאַכט". ביי די װערטער האָט ער אַרויסגענומען פון אונטער דעם קישען אַ שטיקעל פאַפיער, אויף װעלכעס ס'איז געװען אויפגעשריבען מיט אַ בליישטיפט דער אַדרעס פון דער פרוי. דער קראַנקער איז געלעגען גאַנץ רוהיג און אויף זיין אָנגעשװאָלענעם פנים איז געװען אויסגעגאָסען אַזאַ ערנסט אַז איך האָב מיך נישט אונטערגעשטעלט צו זאָגען איהם ליגען װעגען זיין געזונדצושטאַנד און איהם צו טרייסטען. ער איז געלעגען כמעט אָהן אַ דופק און דער מלאך המות האָט שוין געהאַט צושפרייט איבער איהם זיינע פליגעל, מיר האָבען זיך שטום געזעגענט אָהן װערטער און די אויגען זיינע, אוי די אויגען, האָבען מיך בעגלייט ביז צו דער טהיר, װיפיעל צער און אפשר אויך

קנאה האָט דער גוסס נעביך געמוזט פיהלען!

מיט טרויעריגע געדאַנקען האָב איך מיך געלעגט שלאָפען, ס'האָט זיך אָבער נישט געשלאָפען, ס'איז געווען די לעצטע נאַכט אין כּאַרבין און יעדע לעצטע זאַך רופט אַרויס ביים מענש אַ שטי-קעל סענטימענט. וואָס אייגענטליך איז מיך אָנגעגאַנגען כּאַרבין מיט זיינע גרויסע הייזער, טיפּער בלאָטע, טייערע רעסטאָראַציעס און דיקע אינטענדאנטען, וואָס האָט מיך געקאָנט אינטערעסירען אַ שטאָדט, פון וועלכער דער בעסטער געדאַנק מיינער איז שטענדיג געווען פון איהר פּטור צו ווערען. פונדעסטוועגען, אַז מען לעגט זיך איבער, אַז מען זעהט אַלץ אַרום זיך צום לעצטען מאָל — אַז די נאַטשאַלסטווא וועט מיך מעהר קיין כּאַרבין שוין נישט שיקען, בין איך געווען מעהר ווי בטוח — ווערט מען געריהרט און ס'איז שווער איינצו-שלאָפען. איך בין געלעגען אויפ'ן בעט מיט אָפענע אויגען און פאַר מיר זענען פערבייגעגאַנגען ווי אין אַ קאַלעידאָסקאָפּ פערשיעדענע גע-שעהענישען פונ'ם פערלאָזען וואַרשא און איך האָב מיך דערמאָנט אָן אַלע צרות און עִנוּיים, אָן דעם אייביגען וואַנדערען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, אָן די שמוציגע טיפלושקעס און שפּיטעלער, אָן די געמיינע בעציהונג פון דער נאַטשאַלסטווא און איך האָב פשוט נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אַזוי האָב איך געהאַט כּוח און מוטה דאָס אַלץ אויסצוהאַלטען.

מיינע געדאַנקען וואָלטען אודאי נאָך לאַנג אַרומגעשוועבט אין די זכרונות, נאָר דער זייגער האָט געשלאָגען דריי און מען מוז אויפ-שטעהן, דער צוג האָט בעדאַרפט אייגענטליך אָבגעהן ערשט אַרום אַ צוועלף ביי-טאָג, אָבער ביי דער קאָסע האָט מען שוין געמוזט שטעהן אַרום זעקס אין דער פריה, ווייל בעלנים צו פאָהרען איז געווען זעהר אַ סך און וואַגאָנעס זענען געווען ווייניג.

דאָס אויפשטעהן פאַרטאָג איז געוועהנליך נישט זעהר אָנגענעהם אַפילו, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען פאַר די רייד, צו די ערשטע סליחות, אָבער דאָסמאָל בין איך אויפגעשטאַנען מיט גרויס שמחה: איך פאָהר אַ היים.

XXII.

דאַס אַרויספאָהרען פון כאַרבין

מיליטערישע און ציווילע פאַסאַזשירען בחול הים. — איינער אַ שכור דרשנ'ט, אַז פערשפּיעלט דעם קריעג האָבען די... יאַפּאַנער. — מען פרירט עטליכע שעה אין דרויסען. — מען שטופּט זיך אריין אין די וואַגאָנען מיט סכנות נפשות.

זעקס אַ זייגער פאַרטאָג.

דער כאַרבינער באַהנהויף, וועלכער איז געוועזען געבויט און איינגעריכטעט נאָך דער לעצטער מעטאָדע פון סעצעסיע, ד"ה אַלע ליניעס זענען געוועזען קרום, די ווענד האָבען געהאַט אַ מיתה משונה קאָליר און אַלע אויפשריפטען זענען געוועזען גיכער ענהליך צו כינעזישע אָבגעטער, ווי צו אייראָפּעאישע אותיות, דער באַהנהויף איז שוין אָבער נאָך געוועזען פול ווי אַ שטייג מיט מאַנספערשוינען, ווייבער און קינדער. איהר וועט אַודאי פרעגען, פון וואַנען האָבען זיך גענומען די קינדער? וואָס, זיי האָבען אויך מלחמה געהאַלטען? גלויבט מיר, אַז ס'איז גאָרנישט אַזאַ הארבע קלאָץ־קשיא, ווי איהר מיינט, אַז ס'האָבען געקאָנט זיין קרייצציגע פון קינדער, פאַר־וואָס האָט נישט געקאָנט זיין אויך אַ מלחמה פון קינדער! אָבער גראָד איז דאָס נישט פאָרגעקומען, די קינדער זענען געפאָהרען מיט זייערע עלטערען פון כאַבאַראָווסק, וולאַדי־וואָסטאָק און פון אַנדערע מקומות. בכלל איז קיין גרויסער חלוק נישט געוועזען, פון וואַנען די קינדער האָבען זיך גענומען, אַבי זיי זענען געלעגען אויסגעשפּרייט אויף די בענק, ווי די שפּעסען און האָבען קאַליע געמאַכט די לופט...

אַ חוץ מענשען איז געלעגען אָנגעוואָרפען אין דעם זאַל, ווי

נאָך אַ שרפה, אַ מענגע פון פערשידענע קאַסטענס, קעסטלעך, קוי־שען און פשוט'ע זעק, ס'האָט געגרייכט כמעט ביז'ן סופית. די בע־זיצער פון די זאַכען זענען געזעסען לעבען זיי אָדער אויף זיי, זיי האָבען געכאַפּט אַ דרימעל און האָבען זיך אָפּט אויפגעכאַפּט, בכדי אַ קוק צו טהון, אויב די זאַכען זענען נאָך דאָ, טייל אָבער האָבען געהאַט נאָך וועניגער פערטרויען צו כאַרבינער עהרליכקייט און זע־נען געלעגען, ארומגעהמענדיג זייער ביסעל אָרימקייט, ווי אַ געליעב־טע, אַ סך זענען נישט געשלאָפען, האָבען געשמועסט, פּאָליטיקירט, געריוכערט און דער רויך האָט זיך אויפגעהויבען אין די הויך און האָט פערדונקעלט די עלעקטרישע לעמפלעך. וואָס האָבען אויך גע־האַנגען סעצעסיש, ד"ה נעביך מיט די קעפּלעך אַראָב און האָבען גע־מאַכט אַנ'איינדרוק פון בעליידיגטע, פאַרוואָס מען האָט זיי אויפגע־האַנגען גראָד אין כאַרבין און גראַד אויפ'ן באַהנהויף. ווענטילאַציע איז אַפילו יאָ געווען, נישט נאָר אויפ'ן פּאַפּיער, נאָר אַפילו אין דער וואַנד, נאָר מעשה שטן, גראָד, ווען מען האָט זי בעדאַרפט, האָט זי נישט געווירקט, פּונקט, ווי אַ קאָנסטיטוציע.

נעבען קליין פענסטעריל פון דער קאַסע, וועלכעס מען וועט ערשט עפענען אַרום צעהן אַ זייגער, איז שוין געשטאַנען אַ לאַנגער ווידעל פון דענשטשיקעס, וועלכע האָבען זיך אָנגעשפּאַרט איינער אויפ'ן אַנדערען און האָבען געכראָפּעט.

מיר, די בעלי בתים, זענען אויך נישט געשטאַנען לעדיג. מיר האָבען געהיטען די זאַכען און האָבען געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי זיך אַריינצוכאַפּען, ווי אַם שנעלסטען, אין וואַגאָן אַריין, פּאַסאַזשירען זענען איבערגעבליבען פון איין טאָג אויפ'ן אַנדערען, ווייל מען האָט געזשאַליוועט וואַגאָנען, אפּיקורסים האָבען געזאָגט, אַז מען האָט נישט געזשאַליוועט, נאָר ס'זענען פשוט נישט געווען קיין וואַגאָנען, אָבער, וואָס איז אייגענטליך דער חלוק?

ס'איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז ס'איז אונמעגליך געווען זיך אויסצודרעהען און דערצו איז געווען מורא'דיג הייס און דעמפיג, „אוי, ווי דערלעבט מען שוין צו זיין אין דער היים און צו ליגען, ווי אַ מענש אין אַנ'אייגען ריין בעט" האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ אַ קיעווער דאָקטאָר, אַ בעיאָהרטער מענש.

„זיי אַ קלוגער", רופט זיך אָן אַ בעקאַנטער דאָקטאָר, אַ געווע־זענער ישיבה בחור, „בשעת כ'בין געלעגען גאַנצע נעכט אינ'ם קלויז

אויף דער האַרטער באַנק, האָב איך געמיינט, אַז ערגערס איז גאָרנישט פערהאַנען, בין איך שוין אַצינד ברוך השם אַ דאָקטאָר, און נאָך וואָס פאַר אַ דאָקטאָר, אַ סאַמאָראָדנע מיליטער־אַרצט מיט פיער אָרדערס, אָהן אַנ׳עין הרע און פונדעסטוועגען ליעג איך, מישטיינס געזאָגט! איך ליעג, כ׳זאָל אַזוי נישט וויסען פון שלעכטס, ווי איך וויים נישט, צי ליעג איך, צי שטעה איך, אַ הערינג אין אַ פאַס וואָלט אויך פעראיבעל געהאַט פאַר אַזאַ ענגשאַפט, הגם ער איז דערצו שוין געוואוינט מדור דורות. האַלב מאַנדזשוריע מיט דער בלאָטע צוזאַמען וואָלט איך אַוועקגעגעבען פאַר דער האַרטער באַנק אין קלויז״ האָט ער געענדיגט מיט אַ זיפץ און האָט זיך, ווייזט אויס, אַ ביסעל אַ ריהר געגעבען פונ׳ם אָרט, ווייל ס׳האָבען אָנגעהויבן צו פאַלען פון אַלע זייטען פּנקלעך. „זייט נישט אַזאַ ברייטער מענש״ האָב איך איהם געענטפערט „ויטע קאָן נאָך פעראיבעל האָבען און וועט אייך אין די דומע נישט אַריינלאָזען״.

איינעם פון די קינפטיגע פאַסאַזשירען, אַ דיקען פערשוין, זענען ביידע פיס פערשלאָפען געוואָרען, געפונען זיך בעלנים און מאַכען איהם מאַסאַזש, אָבער אַ מאַסאַזש, אַז ער דאַנקט גאָט, ווען ער ווערט זיי פטור.

וואָס נעהנטער צו טאָג זענען אַלץ מעהר אָנגעקומען מענשען, וואָס ווילען פאָהרען, נישט דוקא מיליטער־מענשען, נאָר אַפילו איינפאַכע בשר־ודם׳ס, נישט נאָר אין פעלצען און אין פוטערנע היטלען, נאָר אויך אין אייראָפּעאישע רעק אין קאַפעליושען, פענסנע און אין אַנדערע צייכען פון קולטור, ס׳זענען געקומען יפה־פיות, וואָס האָבען שוין נישט געהאַט אין כאַרבין, וואָס צו טהון, די סחורה איז נאָכ׳ן שליסען דעם שלום געוואָרען זעהר וואָלוועל און זיי פאָהרען שוין אויך בשלום אַ היים. רבונו של עולם! האָב איך מיר געטראַכט, ס׳איז אַזוי ענג, מוזען זיי דוקא היינט פאָהרען און דאָס האָבען מיר שוין געהאַט אַ קיימא לן, אַז אַפילו אין די וואַגאָנען, וואָס זענען געווען בעשטימט ספעציעל פאַר מיליטער, זענען קודם כל געזעסען זיי: די קאָנדוקטאָרען און די אָפיצירען האָט עפּעס צו זיי רח״ל געצויגען, ווי אַ מאַגנעס. ט׳איז געוואָרען וואָס אַמאָל ענגער און ס׳האָט דערמאָהנט, להבדיל, כל נדרי אין אַ קליינשטעדטעלדיגער שוהל, ס׳איז געווען ענג, הייס און מען האָט זיך געשטופּט, ס׳איז געווען נאָך אַ גליק, וואָס ווייבער האָבען נישט גע׳חלש׳ט. זיי האָבען פשוט קיין

אָרט נישט געהאַט צו פּאַלען חלשות, נישט קוקנדיג אויף דעם
צלעם איז דער עולם נישט געווען אומעטיג און פון אַלע זייטען זע־
נען געפלויגען וויצען, מייסטענטיילס פוילע.

פונ'ם צווייטען זאַל, וואו ס'איז געשטאַנען דער גרויסער בו־
פעט מיט פערשיעדענע משקאות און מיט דער בעל-הבית'טע, אַנ'אשה
צנועה, וואָס איז געווען בעריהמט און מפורסמת אין גאַנץ לאַרבין
והגליל, האָבען זיך געלאָזט הערען שכור'ע קולות, ס'האָט דאָרט
גע'שכור'ט פּאָניע, צי נאָך פון נעכטען, צי שוין היינט, ווייס איך
נישט, ס'האָט מיר נישט געלוינט בכלל דערויף דעם קאָפּ צו ברע־
כען, צבי מען האָט גע'שכור'ט.

וואָס זיי האָבען דעמאָלט גע'שכור'ט — איז קיין וואונדער נישט
געווען. כ'זאָג אייך באמונה שלי, אַז מען האָט בעדאַרפט האָבען אַ
האַרץ פון אַ איד שבאיד, אַז מען זאָל זיך נישט אָנ'שכור'ען אין
אַזאַ גרויסען יום־טוב, ווען מען ווערט ענדליך פּטור פון מאַנדזשו־
ריען, איך האָב זיי אָבער געקענט נישט פון היינט: זיי האָבען גע־
שכור'ט ווען זיי זענען אַהער געפאָהרען, זיי האָבען גע'שכור'ט בשעת
זיי זענען געגאַנגען, בשעת זיי זענען געלאָפען, ס'איז ביי זיי גע־
ווען די בחינה פון „והגית בו יומם ולילה", מען האָט גע'שכור'ט ביי־
טאָג און ביינאַכט. זאָלען זיי פונקט היינט נישט שכור'ען?

איך האָב מיך קוים דורכגעשטופּט אין דעם זאַל אַריין. איך
האָב געוואָלט טרינקען אַ גלאָז טהיי, דאָרט איז אויך געווען ענג און
הייס, ווי אין אַ באָד, די קעלנערס אין שוואַרצע פראַק מיט נאָך
שוואַרצערע קעלנער פון די העמדער, זענען אַרומגעלאָפען, ווי פער־
סמ'טע. איך האָב מיך געווענדעט צו איינעם פון זיי, אַז ער זאָל מיר
דערלאַנגען אַ גלאָז טהיי, האָט ער אויף מיר אַ קוק געטהון, ווי אויף
אַ משוגענעם.

דער עולם האָט דאָרט גערעדט בקול רם, מען האָט גערעדט
פון געהאַלט, פּראָגאָנען, פּאָדיאָמנע, פון אָרדערס, שוועסטער און
גלאַט נקבות. נישט ווייט פונ'ם בופעט איז געשטאַנען עפּעס אַ שלי־
מזל, אָנגעטהון אין אַ ברייטען פּעלץ מיט אַ גרויסער פּאַפּאַכע אויפ'ן
אָרט, וואָס מען רופט עס געוועהנליך קאַפּ — עד היום ווייס איך
נישט, צי איז דאָס געווען עפּעס אַ מיליטער־מענש, אָדער אַ קאָרעס־
פּאָנדענט פון אַנ'עכט „רוסישער" צייטונג, — אַרום איהם זענען גע־
שטאַנען, און געזעסען אין פערשיעדענע פּאָזען מענשען מיט גלעזער־

שאַמפּאַן אין די הענד, און ער האָט געהאַלטען אַ לאַנגע דרשה: „מיר האָבען אָבגענאַרט די מאַלפּעס, די יאַפּאַנער" האָט ער געזאָגט מיט אַ צונג, וואָס איז געלעגען אין דער קימפּעט „און מיר וועלען זיי ווייטער אָבנאַרען. זיי דוכט זיך, אַז זיי האָבען אויסגעפיהרט, ס'איז אַ ליגען! מיר האָבען אויסגעפיהרט" — ביי די רייד האָט ער זיך קלאַפּ געגעבען אין פּעלץ פון פאָרענט — אַ והא ראיה! ווער איז אין כאַרבין? ווער איז אין אירקוטסק? צי זיי, די מאקאקי, די געצענדיגער, צי מיר, די גבורים פון הייליגען רוסלאַנד. דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ, איינער מורא'דיג שכור האָט געשריען ביס.

„די מאַלפּעס האָבען אַפילו קיין שכל נישט געהאַט" האָט ער ווייטער גע'דרש'ענט „צו יאָגען אונז ווי געהעריג. אָ־וואַ, הונדערט וויאָרסט! און זיי זענען געוואָרען טויט מיעד. ווען מיר וואָלטען זיי געיאָגט, וואָלטען זיי דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּען אַזש ביז טאָקיאָ, יאָ, יאָ, ביז דעם סאַמאָראָדנעם טאָקיאָ, מיר וואָלטען פון זיי די נשמה אַרויסגעיאָגט, מיר וואָלטען פון זיי אַ תל געמאַכט" — און ער האָט געמאַכט מיט די הענד אַ בעוועגונג, וואָס האָט בעדאַרפט אילוסטרירען, ווי אַזוי מען מאַכט אַ תל — „נאָר ס'איז נישט בעשערט געווען, די זשידאָווסקע באַנקירען מיט'ן גאָכפּאָדין וויטע בראש האָבען נישט דערלאָזט, אַז מיר זאָלען ווייטער מלחמה האַלטען און האָבען זיך געאיילט צו שליסען שלום". ס'האָט אויף מיר אַ בלאָז געטהון פון דער „היימאַט" און איך האָב מיך אָבגעטראָגען צוריק אין די ערשטע שטייג זיך צו ערקונדיגען, אויב מען האָט נאָך נישט אַוועקגע'גנבעט די זאַכען.

דער עולם האָט זיך דאָרט אַביסעל צורודערט, די, וועלכע זענען געשלאָפען, זענען ברוך השם אויפגעשטאַנען, מען האָט געגענעצט אויף וואָס די וועלט שטעהט און ס'איז געוואָרן אַזוי ווי אַ ביסעל גרוימער.

אַרום ניין אַ זייגער איז מען געוואָר געוואָרען, אַז דער צוג האָט זיך שוין אויסגעשטעלט. עפּענען די וואַגאָנען וועט מען ערשט אין צוויי שעה אַרום. מיר האָבען אָבער געוואוסט, אַז אויב מען וויל האָבען אַ שטיקעל האָפנונג אויף צו כאַפּען אַנ'אָרט, מוז מען שוין אַרויסגעהן און וואַרטען לעבען וואַגאָן. מיר האָבען גענומען מיט עטליכע קאָלעגען יד אחת און האָבען צוטיילט צווישען זיך די מלאכה: צוויי וועלען בלייבען אינ'ם זאַל היטען די זאַכען און די איבעריגע

וועלען שטעהן אין דרויסען און כאַפּען ערטער. איך האָב מיך פער־שריבען צו די לעצטע. איך האָב אפילו בטבע פיינד צו כאַפּען. איך האָב אָבער פּאָרט געוואָלט זיין בעסער אין דרויסען אויף דער לופט, איידער אינעווייניג אין אַזאַ ענגשאַפט. דער צוג איז בעשטאַנען אין גאַנצען פון דריי וואַגאָנען: איין וואַגאָן צווייטע קלאַס און צוויי — דריטע: מיר דאָקטוירים און אָפיצירען האָבען זיך אַנידער־געשטעלט וואַרטען ביי דער צווייטער קלאַס. מיר זענען געשטאַנען פאַר׳ן וואַגאָן אַ פערשוין פיערציג — ערטער איז געוועזען אין גאַנצען צוויי און דרייסיג. — מיר זעהען, ווי אינעווייניג דרעהען זיך אַרום עטליכע גויעס, וואָס רייניגען דעם וואַגאָן, מיר האָבען זיי זעהר מקנא געוועזען, זיי איז שוין וואַרים. מיר זענען געשטאַנען און גע־וואַרט עפּעס אויף אַ נס, פּונקט ווי אונזערע אור-אור-עלטערען פאַר׳ן באַרג סיני. דער חילוק איז נור געוועזען, וואָס מיר זענען געווען נישט איבעריג ריין. און צווישען אונז האָבען נישט געפעהלט קיין בהמות. דער פּראָסט האָט געבערענט, די מאַנדזשורישע זון וואָס וואַ־רעמט זעהר געטריי איז געשטאַנען נאָך הויך אין איהרע שטראַהלען האָבען קוים אונז דערגרייכט. דער עולם פאַר׳ן וואַגאָן האָט אָנגע־הויבען צו טאַנצען. נישט פון גרויס שמחה, נאָר פשוט די פיס זאָ־לען אינגאַנצען נישט געפרוירען ווערען. אַז יעדער מענש טאַנצט אויף אַן אַנדער אופן, האָב איך שוין געוואוסט פון לאַנג, אַז אָבער אפילו אַזאַ מאָדע טאַנצען אויף אַ פּראָסט זעהט אויך אויס ביי יע־דען איינציגען אַנדערש — איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלען, דאָס הענגט אָב אודאי נישט נאָר פונ׳ם כאַראַקטער און אויך פון די פיס, פון די היהנעראויגען און פון די שטיוועל.

ס׳איז געוואָרען וואָס אַמאָל קעלטער, דאָס טאַנצען האָט שוין אויך נישט געהאָלפען און מען האָט אָנגעהויבען פשוט צו שפּרינגען אָבער אַלץ הייסט שפּרינגען! אַ קאָלעגע, אַ וויצלינג, האָט גענומען שרייען צו מיר „שלום-עליכם״, ווי ביי קידוש לבנה, איך האָב איהם אָבגעענטפערט: „עליכם-שלום״ און דערנאָך האָבען מירביידע אָנגע־הויבען הויך צו קלאַפּען דעם „כשם שאני רוקד״. די גויים האָבען געמיינט, אַז מיר זענען פון דער גרויסער קעלט משוגע געוואָרען. הכלל, מען האָט געהיפּעט, געהויכט אויף די הענד, געריבען די אויערן און ס׳האָט געהאָלפען, ווי אַ טויטען באַנקעס, אַ קליינינקייט, 30 גראַד פּראָסט. אַ גרויסער שאָד, האָב איך מיר געטראַכט, וואָס

איך געהער אויך צו די שפּרינגערס און קאָן אונז נישט אָנקוקען. פון דער ווייטענס האָט געמוזט שעהן אויסזעהען, ווי פערציג פערשוין שטעהען פאַר אַ לעדיגען וואַגאָן און מאַכען משוגענע העויות. דער עולם איז געוואָרען אומצופרידען, טייל האָבען אָנגעהויבען הויך צו פּראָטעסטירען און איך בתוכם. פאַרוואָס עפענט מען נישט די וואַגאָנען, האָבען מיר געשריען, פאַרוואָס האַלט מען מענשען אין אַזאַ פראָסט, ווי הינד, אויף דער גאַס. גערעכט זענען מיר געווען, אָבער וואָס האָט עס געהאָלפען. אַז ס׳איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדען. אַוועקגעהן פונ׳ם וואַגאָן אָבזוכען דעם רעדעלפיהרער פון דעם „סטאַטעטשני־קאָמיטעט”, האָט קיינער נישט געוואָלט און ס׳איז קיין שום וואונדער נישט געווען, ערשטענס האָט מען געוואוסט פאָראויס, אַז מען וועט גאָרנישט פועל׳ן, ס׳איז אודאי אַ גזירה, אַז מען זאָל פרירן, צווייטענס איז געווען אַ סכנה צו פערלאָזען דאָס אָרט, ס׳וואָלטען געווען הונדערט בעלנים.

גאָר אין מיטען האָט זיך דורכגעשטופּט צום וואַגאָן אַ ברייטער קאָנדוקטאָר אין אַ נאָך ברייטערען פּעלץ, איז געוואָרען אַ שטיקעל שמחה, ווייל מיר האָבען געמיינט, אַז ער געהט אונז שוין עפענען די טויערן פונ׳ם גן עדן. ס׳האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ בוידעם, און די סיטואַציע איז געוואָרען אַ נאָך ערגערע, ווייל ער האָט אויפ׳ן וואַגאָן אויפגעקלעבט אַ קוויטעל, אַז ער איז בעשטימט פאַר׳ן רויטען קרייץ ד. ה. גאָר פשוט, אַז מיר האָבען נישט דאָס רעכט צאַריינצוגעהן.

ליעבער לעזער, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? מיין פעדער איז צו שוואַך אויסצודריקען, ווי ווייט מיר זענען אין כעס געוואָרען — וואָלטען מיר געקאָנט ריהרען מיט די איברים. וואָלט אודאי פון קאָנדוקטאָר נישט געבליבען אפילו קיין זכר, מיר וואָלטען איהם צוריסען אויף שטיקלעך. מיר זענען דאָך פאָרט געווען עפּעס מלחמה־לייט. אַז מען האָט אָבער פיס ווי די קלעצער, שטייפע הענט און אַ פערפרוירען פנים — איז שווער צו זיין אַ גבור — פונדעסטוועגען האָבען מיר אַלץ געטהון, וואָס מיר האָבען געקאָנט ד. ה. מיר האָבען בעזידעלט עכט רוסיש, מיר האָבען געשאָלטען מיט טויטע קללות און ס׳האָט טאַקי גאָרנישט געהאָלפען, ווייל נאָך אַלעם איז דאָך דער קאָנדוקטאָר נישט שולדיג געווען: מען האָט איהם געהייסען. מיר האָבען געמוזט בהרפתינו אַוועקגעהן פונ׳ם וואַגאָן 2־טע קלאַס און

האָבען זיך אַנידערגעשטעלט פאַר דער דריטער. די ציװילע פערשוינען, װעלכע זענען דאָרט געשטאַנען און געפּרירט, האָבען פאָרט געהאַט דרך־ארץ און אפשר טאַקי מורא פאַר אונזע־ע שװערדען און האָבען אָבגעטרעטען. זיי װעלען שוין שפּעטער אַריין אין װאַגאָן אַריין, האָבען זיי געשריען און מען האָט זיי געקאָנט גלויבען. לעת עתה האָבען זיי אונז מיטגעהאָלפען שלעפּען דעם רויטען קרייץ. אומעטום ער, די בעסטע געהאַלט האָבען גענומען די אַדמיניסטראַציע און די דאָקטוירים פונ׳ם רויטען קרייץ. די בעסטע װאוינונגען, די בעסטע שפּיטעלער, דאָס בעסטע עסענװאַרג, די שענסטע שװעסטער — אַלץ זיי, אפילו ביים אַװעקפאָהרען האָט מען זיי בעזאָרגט מיט כל טוב און פאַר אונז נעביך, װאָס מיר זענען אויסגעריסען געװאָרען גאַנצע צװיי יאָהר נעמט זיך קיינער נישט אָן. װאו איז **אונזער** אַדמיניסטראַציע? מען האָט אונז אַ װאָרף געטהון אַ בילעט, נאַ, װערג דיך, פאָהר יאָ, פאָהר נישט. מיר זענען װייטער געשטאַנען און געפּרוּירען און דאָס זאָלט איהר װיסען, אַז ס׳איז קיין גרויסער חילוק נישט צי מען שטעהט אויף אַ פראָסט פאַר דער צװייטער אָדער פאַר דער דריטער קלאַס. דער זעלבער פראָסט און די זעלבע פּיס.

אַלץ מוז דאָך פאָרט נעמען אַן עק, דער זייגער האָט געשלאָגען עלף און מען האָט מיט מזל געעפענט דעם װאַגאָן. איהר האָט אודאי געזעהען, װי אידען לויפען אַריין אין די שוהל, בשעת אַ בעריהמטער חזן דאַװענט אויף בילעטען, ס׳איז אָבער קיין שום ענליכקייט נישט, ס׳איז געװאָרען אַזאַ שטופּעריי, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אַ נס, װאָס מען איז לעבען געבליבען. ס׳זענען גאָרנישט געװען קיין מענשען, נאָר סאַמע חיות, עפּעס אַ כשוף רח״ל. איך אליין בין בטבע אַ שטילער מענש, טשעפּע נישט אַ פליג אויף דער װאַנד און פון דעסטװעגען בין איך אַריינגעפאַלען אין אַזאַ רציחה, אַז כ׳האָב נישט געװאוסט, װאָס מיט מיר טהוט זיך: צװיי פערשוין האָב איך אַנידערגעװאָרפען, אַ חבר האָב איך אויסגעהאַקט אַ פּאָר אַריינגעשטעלטע ציינער. אין דער טהיר האָב איך צובראָכען אַ שויב — דאָס ערגסטע — איך האָב געמוזט בעצאָהלען. איך בין אויך נישט אַרויס גאַנץ, מען האָט מיר צוהאַקט אַ זייט און אָבגעריסען די שװערד מיט איין עפּאָלעט, אָבער אַריין בין איך און בין שוין געזעסען. „לאָז זיך עמיצער פּרובען מיך אַצינד צו ריהרען פונ׳ם אָרט״ האָב איך מיר געטראַכט, „זיין טויט, אָדער מיין טויט״.

דער וואַגאָן איז שוין געווען פול, די, וועלכע ס'איז נישט גע־
האַט געלונגען צו פערנעהמען אַנ'אָרט, זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָב־
געלאָזטע נעז. מיר, די גליקליכע האָבען פון זיי געמאַכט חוזק, פונקט
ווי אים לעבען.

יעדער פון אונז האָט געסאַפּעט און האָט דערצעהלט, מיט
וואָסערע נסים ער איז אַריין אין וואַגאָן. דערביי זענען מיר גע־
וואָהר געוואָרען, אַז איינעם אַ קאַליקע האָט מען בשעת דעם שטופּען
זיך אַרויסג'גנב'עט אַ פּאָר הונדערט רובעל און אַנ'אָפיציר האָט מען
אויסגעשניטען אינ'ם פּעלץ די גאַנצע קעשענע, נאָר צום גליק איז
דאָרט געלעגען נאָר אַנ'אַלטגעבאַקענער בייגעל. נאָכ'ן אָברוהען זיך האָט
זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון אַריינטראָגען די זאַכען און כ'בין בטוח
אַז אַפילו בשעת יציאת מצרים איז נישט געווען אַזאַ געשריי, אַזאַ
געפּילדער און אַזא מחלוקת, מען האָט זיך גאָר פּשוט געפּאַטשט.

די צייט האַלט אַלץ אויס.

די זאַכען זענען שוין געלעגען ווי ס'איז במנוחה, מען גיט
דעם דריטען קלינג און דער צוג האָט גערירהט פונ'ם אָרט. עטליכע
בעקאַנטע זענען געקומען בעגלייטען, ס'איז אָבער אונמעגליך געווען
זיך צו געזעגענען איבער דער גרויסער ענגשאַפט.

דער צוג איז זיך שוין צופאָהרען און איך האָב נאָך אַלץ נישט
געגלויבט, אַז איך פאָהר, ערשט דעמאָלט האָב איך געגלויבט ווען
איך האָב בעמערקט דורך די פערפרוירענע שויבען די לאַנגע בריק
אויף דעם טייך סונגאַרי, אַ סימן מובהק, אַז כאַרבין איז שוין פון
הינטען.

אַדיע כאַרבין, האָב איך געזאָגט, מיר שיידען זיך אודאי אויף
שטענדיג, פונדעסטוועגען וועל איך קיין איינציגע טרעהר נישט לאָ-
זען. אומגעקעהרט, איך בין גליקליך, וואָס איך ווער פּטור פון דיר,
פון דיינע שפּיטעלער, פון דיינע ימים-טובים, פון דיינע אינספּעקטאָ־
רען און אַנדערע שררות, דו האָסט מיר אויסגעריסען צוויי גוטע
בלעטלעך פון מיין לעבענס־בוך. אָבער פערפאַלען, איך בין זעהר
צופרידען, וואָס איך קאָן דיר שוין ווייזען דעם רוקען, אַדיע!

איך האָב איך אַנידערגעזעצט מיט גרויס גאוה אויף מיין אָרט,
וואָס טיך האָב מיר ערוואָרבען און אויסגעקעמפּט אַזוי שווער און
קודם־כל האָב איך מיר אָנגעהויבען צו רייבען די פערפרוירענע פיס.

XXIII.

אינ׳ם וואַגאָן

מײן שכן אנ׳אַדרעסער און נישט קײן אדרעסער — א מארקסיסט מיט א ציוניסט אויף איין באנק, — א פלאש מילך — פאסאַזשירען מיט זעק — מיר חארפען זיי ארויס. — אנ׳אַגענט. — מען גנב׳עט שטיוועל־דעד בארג בינגאן.

דער צוג איז געלאָפען גאָר מורא׳דיג, אודאי 10—8 וויאָרסט אַ שעה, אינ׳ם וואַגאָן זענען שוין כמעט אַלע צווישען זיך בעקאַנט. די פּאַסאַזשירען, וואָס זענען אַרײנגעקומען אין וואַגאָן שוין מיט זייערע זיווגים אָדער זיי האָבען זיך ערשט דאָרט מזוג געווען האָבען פערנומען די אָבגעזונדערטע אָבטײלונג פונ׳ם וואַגאָן ד. ה. די אָבגעשלאָסענע קופּע. זיי האָבען, ווייזט מורא געהאַט פאַר אַני־עין הרע. מיר, סאַמע מאַנספערשוינען, זענען געזעסען אין דער אַײַגע־מיינער אָפענער אָבטײלונג, יעדער האָט געזעהן, וואָס דער אַנדערער האָט געטהון און ווי אויף דריטע קלאַס, מיט האַרטע בענק און כמעט אומגעהייצט, איז געווען גענוג פרעהליך.

מיין נעכסטער שכן אויף דער באַנק איז געווען אַ דאָקטאָר פון אַ יאָהר פופציג מיט אַ גראָהע בערדעל און מיט אַ פּאָר פערלאָ־שענע אויגען. זיין שכנות איז מיר געווען נישט זעהר אַנגענעהם, ווייל כ׳האָב געפיהלט, אַז איך וועל מוזען ביינאַכט אָבטרעטען איהם די אונטערשטע באַנק און אַליין אַרויפקריכען אויף די אויבערשטע, נאָר פערפאַלען, בטבע בין איך אַנ׳אָפּטימיסט, אַ גם־זו־לטובה׳ניק, אַלץ בעסער, ווי אַ שכן א שכור. אויב דער דאָקטאָר איז אַ איד, איז איבריג געווען צו פרעגען, אַלץ הייסט אַ איד, מיט אַלע מפרשים.

באַר ווי האַלט מען זיך איין נישט צו פרעגען, ווי דער סדר העולם איז, פון וואַנעט איז ער? און איך האָב איהם טאַקע אַ פרעג געטהון: אַטקודאַ וואַ ד. ה. פון וואַנעט איז אַ איד, „פון דער ערשטער אַרמעע פון קאָנ־דיאַנפו לעבען מאַימאַקיי” האָט ער געענטפערט.

כ׳האָב אויסגעשפיגען.

„הערט קאָלעגע” האָב איך איהם געזאָגט טיעף בעליידיגט, „ס׳איז שוין צייט, אַז איהר זאָלט פערגעסען די אַלע פערשניטענע נעמען, זאָלען שוין די יאַפּאַנער זיך די ציינער ברעכען—איך פרעג אייך, פון וואַנעט זענט איהר אין אמת׳ן, פון דער היים, הייסט עס.

„אַזוי? פון דער היים ווילט איהר וויסען? מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען, איך בין אַנ׳אַדעסער, ד. ה. קיין אַדעסער בין איך אייגענטליך נישט. געבוירען בין איך אין אַ קליין שטעדטעל קאָוונער גובערניע, פּראַקטיציר אין ניקאָלאַיעוו, נאָר אַדעס האָב איך זעהר ליעב, אַי אַדעס, דאָרט וואָהנט מיינס אַ שוועסטער, איהר זענט געוועז אין אַדעס? האַ? ניין? אַ גרויכער שאָד. ס׳איז אַ גאָט׳ס וואונדער, פאָלגט מיך, כרעט אָב קיין אַדעס”.

איך האָב געפיהלט, אַז דער פאַרשוין וועט מיר שוין אויפ׳ן גאַנצען וועג דעם טויט מאַכען מיט זיין אַדעס, נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טהון? מיין גאַנצע האָפנונג איז געווען, אַז ער וועט אודאי אַ סך שלאָפען, ער האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ פעפער.

אַקעגען איבער אויף דער באַנק זענען געזעסען צוויי יונגע דאָקטוירים—אויך אידען, פון זייערע לעבעדיגע אויגען האָט געשפריצט שמחה און ענערגיע. איך האָב זיי שוין געקענט פון לאַנג, איינער פון זיי איז געווען אַ פערברענטער מאַרקסיסט און דער צווייטער אַ הייסער ציוניסט. זיי האָבען זיך דאָס ערשטע מאָל בעגעגענט אינ׳ם אָנהויב פון דער מלחמה ביי טאַרען-טשען, זיי האָבען באַלד אָנגעהויבען צו דיספּוטירען איבער זעהר וויכטיגע ענינים, דער וויכוח האָט געדויערט ביז צו דער מהומה ביי מוקדען ד. ה. כמעט אַ קיילעכדיג יאָהר, דעמאָלט האָט מען זיי צושיידט און דאָ אינ׳ם וואַגאָן האָבען זיי זיך ווידער געטראָפען, זיי זענען צו זיך צוגעפאַלען, ווי פוטער אויף הייס ברויט, זיי האָבען נאָך פאָרלויפיג גערעדט רוהיג, די הענד האָבען נאָך געמאַכט קליינע בעוועגונגען, מען האָט שוין אָבער געשפירט אין דער לופט עלעקטריציטעט, מען האָט געזעהען בעשיינבערליך, אַז אין קורצען וועט ווערען אַ פלאַמפייער און די הענד

וועלען ארבייטען, ווי פליגעל פון א ווינדמיהל.

הכלל, די ערשטע קבלת פנים פון די פאסאזשירען איז שוין מיט מזל אריבער און ווי דער סדר העולם איז, איז מען געווארען הונגעריג. יעדער האט ארויסגענומען זיין ביסעל עסענוווארג און ס׳איז געווארען אנ׳עכטע קאמונע און מען האט זיך געביטען מיט פערשידענע פראדוקטען. דאס עסענוווארג איז געלעגען אויף די קניע, אויף די קעסטלעך, אויף דער אומריינער באנק, אבער מען האט פארט געגעסען. „איך זאג אייך״ האט זיך אנגערופען א בע׳אהרטער אפיציר, עסענדיג א הארט איי, וואס ער האט געטינקט אין זאלץ אויף א שטיקעל צייטונג־פאפיר. „איך זאג אייך. אז א ריינער טיש מיט א ווייסען טישטוך איז אינגאנצען אנ׳איינרעדעניש, אויב מען איז הונגעריג עסט מען אומעטום.״

אויף דער ערשטער סטאציע איז מען ארויסגעלאפען מיט די טשייניקעס נאך הייס וואסער — אלע זענען געווארען דעמאקראטען, ווייל קיין דענשטשיקעס האבען מיר שוין נישט געהאט — מיר האבען פערבריהט טהע און מיר האבען געזופט איין גלאז נאך די אנדערע, א ביליגער תענוג.

איינער פון די פאסאזשירען, א יונגער פראפארשטשיק קומט אריינצולויפען אין וואגאן מיט א גרויסער שמחה, ער האט געקויפט א פלאש מילך, אמת׳ע מילך. ס׳גלוסט זיך צו מאכען א שהחיינו, אזוי לאנג נישט געזעהען. די מילך״ בעריהמט זיך דער קויפער „קאסט בזול הזול אינגאנצען 40 קאפיקעס״ א סך לויפען ארויס צו קויפען אזא מציאה, ס׳איז אבער מעהר נישט געווען ווי דאס איינע פלעשעל. דער מילך־מענש איז אודאי א גרויסער קמצן און גיט קיינעם נישט צו פערזוכען. ס׳האט אלעמען פערדראסען, א קלייניגקייט קנאפע צוויי יאהר קיין מילך נישט געזעהען.

„ס׳איז אודאי גאר קיין קוה־מילך״ האט זיך געוויצעלט איינער פון די דאקטוירים.

„פון וואנעט דרינגט איהר דאס?״ האט געפרעגט דער מילכיגער מיט גרויס העזה.

„וואו האט איהר געזעהען״ האט געענטפערט דער וויצלער, „אז א קוה זאל געבען נאר איין פלעשעל מילך, ס׳איז אודאי מאנדעל־מילך״ מען האט זיך צעלאכט.

„איהר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגען, הער דאקטאר״ האט

זיך אָפּגערופען נאָך אַ קליינער פּויזע דער מילכיגער „איהר זענט אַ בהמה".

„איך בין שוין גאָר אַ בהמה, און נישט איהר" האָט זיך בעוואונדערט דער דאָקטאָר. זיי האָבען זיך ביידע אָנגקוקט, ווי צוויי העהנער, קיינער האָט זיך נישט אַריינגעמישט, יעדער האָט זיך אודאי געטראַכט, וואָס אַרט עס מיך, זאָל ווערען אַ שטיקעל סקאַנדאַל, ס'איז פּאָרט עפּעס אַ בעשעפטיגונג. איך זאָג אייך באמונה שלי, אַז אין וואַגאָן איז פּונקט ווי אים לעבען. די העהנער זענען אָבער, ווייזט אויס, פּאַציפיסטען, זיי ווילען זיך נישט שלאָגען, דער אינצידענט איז אַריבער בשלום. אין פינף מינוט שפּעטער זענען זיי שוין ביידע געזעסען לעבען איין טשייניק, האָבען געטרונקען טהע מיט מילך און האָבען שוין צוזאַמען געשמועסט.

ס'איז געוועזען ערשט דריי אַ זייגער ביי טאָג און ס'איז שוין געוואָרען טונקעל און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז געוואָרען נאַכט — אין די מזרח לענדער איז נישט דאָ נישט קיין אָווענד אין נישט קיין פריה־דעמערונג. אָט איז טאָג, אָט איז נאַכט — אַלע זענען געוועזען שרעקליך מיעד און מען האָט אָנגעהויבען זיך מכין צו זיין צום שלאָפען ד. ה. מען האָט אויף דער באַנק אַנידערגעלעגט עפּעס אַ ווייכען מלבוש, צו קאָפּענס האָט מען אַנידערגעלעגט אַ קישעלע אָדער אַנ'איינגעוויקעלטען מונדיר און דער געלעגער איז געווען פאַרטיג. די מפונקים האָבען זיך אפילו אויסגעטהון, וואָס ס'איז געווען אַ גרויסע מעלה נישט נאָר פון'ם היגיענישען שטאַנדפּונקט, נאָר אפילו פון'ם פּראַקטישען, ווייל מען האָט געהאַט מעהר וואָס אונטער צולעגען, און די באַנק איז געווען מורא'דיג האַרט. די, וואָס האָבען אונטען נישט געהאַט קיין אָרט, זענען אַרויפגעקראָכען אויבען און אַלע באַגאַזשען האָט מען אַראָבגעשטעלט, אַזוי אַרום איז מען אינ'ם וואַגאָן שוין נישט אַרומגעגאַנגען אויף דער פּאָדלאָגע, נאָר אויף קעסטלעך, קוישען, טשעמאָדאַנען וכדומה.

אינ'ם עק פון וואַגאָן האָט דער קאָנדוקטאָר אָנגעצונדען אַ ליכטעל, וועלכעס איז נישט געווען בכוח — כ'וועל מיך אויסדריקען, ווי אַ דיכטער — זיך צו ראַנגלען מיט דער דיקער פינסטערניש און ס'איז טאַקי געווען וימש חשך, איינער האָט נישט געזעהן דעם צווייטען.

מיין שכן דער אָדעסער ד. ה. נישט דער אַדעסער האָט זיך

אויסגעבעט, ווי איך האָב פאָראויסגעזעהן, אויף דער אונטער־שטער באַנק און איך בין אַרויף אויבען און האָב מיך דאָרט אויס־בעצויגען, ווי אַ גראַף. ס׳איז געווען, וואָס אמת. אומריין פערשטויבט אָבער דערפאַר נישט ענג און קיינער האָט זיך נישט געשטופט.

אַרום און אַרום האָט מען אָנגעהויבען צו כּראָפּען, אויף וואָס די וועלט שטעהט, טייל האָבען גאָר גערעדט פונ׳ם שלאָף נאָר מיר, עטליכע פּאַסאַזשירען פונ׳ם צווייטען שטאָק, האָבען עפּעס נישט געקאָנט באַלד איינשלאָפען און מיר האָבען צווישען זיך גערעדט. פון די בעזונדערע חדרים׳לעך האָבען זיך געלאָזט הערען שכּור׳ע קולות.

אויף יעדען „ראַזיעזד״, אויף יעדער סטאַציע זענען אַריינגע־קראָכען פרישע פּאַסאַזשירען. וועלכע האָבען גאָרנישט געקוקט, צי ס׳איז יאָ דאָ אַנ׳אָרט. צי נישט. נאָר אַלץ מוז דאָך נעמען אַנ׳עק, ס׳האָבען זיך אַריינגעפּאַקט אַזוי פיעל מענשען, אַז אַ שפּילקע אויף די ערד איז שווער געווען צו וואַרפען. געלויבט איז גאָט, האָב איך מיר געטראַכט, פּטור געוואָרען פונ׳ם דרעהעניש, ס׳וועט שוין ווערען שטיל און מען וועט קאָנען איינשלאָפען.

איך האָב מיך אָבער טועה געווען.

ויהי בּחצי אָדער כּחצי הלילה, איך קאָן אייך ריכטיג נישט זאָגען, ווייל אַ קוק טהון אויפ׳ן זייגער איז געווען אונמעגליך איבער די גרויסע פינסטערניש און דער צוג האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף אַ סטאַציע מיט אַזאַ פּאַרשניטענעם נאָמען, וועלכען איך קאָן גאָר־נישט נאָכזאָגען. און אין אונזער וואַגאָן האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינ-צושטופּען עטליכע מענשען מיט גרויסע גראָבע זעק, וועלכע זיי האָ־בען אַנידערגעוואָרפען אויף דער באַנק, נישט קוקענדיג, וואָס דאָרט ליגט, און דאָרט זענען דאָך געלעגען לעבעדיגע מענשען, טאַטעס פון קינדער, מענער פון ווייבער, קאַלעזשסקי סאָוויעטניקעס, נאַדוואָרני סאָוויעטניקעס און אַנדערע גרויסע מיוחסים. אַלע האָבען זיך אויפ־געכאַפּט, ס׳איז געוואָרען אַ געשריי עד לב השמים מען האָט זיך גע-זידעלט און געשנידעלט. עטליכע מעהר געלאַסענע מענשען האָבען אָנגעהויבען די מענשען מיט די זעק צו געבען צו פערשטעהן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אָרט, אַז זיי בעדאַרפען זיך מטריח צו זיין און אַרויסגעהן. זיי האָבען אָבער נישט געוואָלט הערען.

— „דאָס איז אַ וואַגאָן פאַר אָפּיצירען״ האָט אַראָבגעשריגען פונ׳ם צווייטען שטאָק אַ פערשלאָפענער קאַפּיטאַן. „אַצינד איז אַלץ

איינס״ האָט געענטפערט איינער פון די זעקטרעגער. „אַצינד איז אַלץ איינס, אַן׳אָפיציר און גלאַט אַ מענש״ *).

דער קאָנדוקטאָר האָט בעקוקט די בילעטען פון די פערשוינען און דאָס זענען געווען בילעטען פון דער פיערטער קלאַס פון אַ צוג, וואָס בעדאַרף אָנקומען שפעטער. „ווער קוקט אַצינד אויף קלאַסען״ האָט ווייטער פילאָזאָפירט דער זאַק-טרעגער, „צווייטע, דריטע אָדער פיערטע, אַלץ איינס״. דער פערשלאָפענער קאַפיטאַן האָט שיער נישט געפּלאַצט פון כּעס, ער האָט געמאַכט אויבען אַ קליינעם קריגסראַט, וועלכער האָט בעשלאָסען אָנצונעמען די פערשוינען פאַר׳ן קאַרק און אַרויסוואַרפען. עטליכע אָפיצירען און דאָקטוירים זענען פון אויבען צראָבגעשפרונגען, אונטען זענען אויך איינינע צוגעשטאַנען און ס׳איז געוואָרען אַן׳אמת׳ע מלחמה. מען האָט אָנגעהויבען צו זשאגגלירען מיט די זעק, אַרויף, אַראָב. איין זאַק מיט מעהל האָט געפּלאַצט, צי פון כּעס צי פון וואַרפען ווייס איך נישט. אָבער געפּלאַצט איז ער און דער גאַנצער וואַגאָן איז געוואָרען בעמעהליגט, די מלחמה האָט געדויערט אַ שעהנע פּאָר מינוט, די זאַק-טרעגער האָבען געשטריטען ווי די לייבען, נור ס׳איז דאָך נאַריש, פּאָרט אָפיצירען און „אָבטרע-טען״ איז נישט געווען וואוּאַהין, מען האָט די פערשוינען און די זעק מיט מעהל אַרויסגעוואָרפען. נאָר וואָס קומט אַרויס? קאָן מען נאָך אַזאַ מהומה איינשלאָפען? היינט דאָס מעהל? אַלע האָבען זיך צוהוסט.

דער צוג האָט ווייטער געריהרט. פון דרויסען האָט עמיצער געוואָרפען אַ שטיין אין פענסטער, אַודאי איינער פון די אַרויסגע-וואָרפענע, און האָט אויעגעהאַקט אַ שויב פונקט לעבען פערשלאָפע-נעם קאַפיטאַן, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו שעלטען מיט טויטע קללות, געסטראַשעט מיט׳ן עשאַפאָט, מיט דער תליה. דער ווינד אָבער מיט דעם שנעע האָבען זיך דערפון נישט געמאַכט און האָבען זיך דורך די אויסגעהאַקטע שויב אַריינגעריסען אין וואַגאָן און האָבען געאַרבייט מעשים. ס׳איז געוואָרען אַ שרעקליכע קעלט, מען האָט דאָס לאָך פערשטופט אַפילו מיט אַ קאַווקאַזישע בורקע, ס׳האָט אָבער ווענינ געהאָלפען. אַ מעלה איז אָבער פּאָרט געווען: פונ׳ם מעהל און שנעע איז געוואָרען אין וואַגאָן אַ ביסעל ליכטיגער און מען האָט וועניג-

*) ער האָט געמיינט די קאָנסטיטוציע פונ׳ם 17 אָקטאָבער.

סטענס געזעהען, וואָס ס׳טהוט זיך. דער צוג איז געגאַנגען טריט ביי טריט, גלייך ער וואָלט זיך געלערענט געהן, מען ווערט איינגעוויגען און מען דרעמעלט. פון גיהינום זאָל נישט אַרויס דער, וואָס האָט אויסגעקלערט סטאַציעס, אַזוי איז שטיל און רוהיג, ווי ס׳קומט אָבער אַ סטאַציע אַנ׳אומגליק — נייע פערשוינען. מיר האָבען זיך שוין אָבער אויסגעלערענט אַרויסוואַרפען און ס׳איז געגאַנגען, ווי געשמירט. מען האָט געשריען, אַז ס׳איז קיין יושר נישט אַליין צו פאָהרען און אַנדערע נישט אַריינצולאָזען, אָבער ווער קוקט אויף יושר, אַז מיר זענען געווען שטאַרקער און אַ חוץ דעם אונז צו קוועטשען און נישט לאָזען שלאָפען איז אַ יושר? נאָר איין פּאַסאַזשיר האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט אַרויסוואַרפען, ער האָט געשריען, אַז ער איז אַנ׳אַגענט פון דער באַהן און פאָהרט מיט וויכטיגע פּאַפּירען, מען האָט אָנגעצונדען זאַפּאַלקעס, בכדי צו בעקוקען דעם אַגענט און ער האָט אויסגעזעהען, ווי אַ קוימענקעהרער, נאָר דאָס איז גראָד קיין ראיה נישט געווען, ווער האָט דעמאָלט נאָך דער מלחמה אויסגעזעהען שענער? ער האָט אונז איבערגעדבר׳ט — ער איז דאָך אַנ׳אַגענט און איז איבערגעבליבען. האָט ער זיך אָבער געטהון אַ זעץ אַנידער אויף אַ באַנק און האָט שיער נישט צובראָכען די פיס, נישט זיינע, נאָר דעמס, וועלכער איז געלעגען נעביך אויף דער באַנק און ס׳האָבען זיך איהם אַודאי געחלומט זיין ווייב און קינד. ס׳איז ווייטער געוואָרען אַ געוואַלד, אַרויסוואַרפען האָט שוין נישט געפּאַסט, מען האָט איהם צוגעזאָגט, האָט ער אָבער געמוזט געבען דאָס וואָרט, אַז ער וועט שטעהן און ער איז נעביך טאַקי געשטאַנען ביז אין טאָג אַריין.

מען האָט קוים דערלעבט טאָג, מען האָט אָנגעהויבען אויפצושטעהן און מען איז געוואָהר געוואָרען, אַז ס׳פעהלען צוויי שטיוועל און נישט פון איין פּאָר, ד.ה. צוויי פּאַסאַזשירען זענען געבליבען אָהן שטיוועל. ס׳איז געוואָרען אַ גרויס געלעכטער. אָבער די, וואָס זענען געבליבען אָהן שטיוועל, די האָבען נישט געלאַכט און האָבען געשאָלטען מיט טויטע קללות. נאָר גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכה: פּאָניע האָט אויף יעדער סטאַציע פערקויפט פון זיך אַראָב פערשיעדענע זאַכען, בכדי צו האָבען פאַר וואָס צו שכור׳ען. אויף דער נעכסטער סטאַציע האָבען מיר געקויפט צוויי פּאָר וואויליקינע שטיוועל און די צוויי בעגנב׳טע אָפּיצירען האָבען ווייטער געקאָנט אַרויסגעהן אויף גאָטס וועלט.

מיר זענען ווייטער געפאָהרען. דער טאָג איז פאַרביי כדאתמול, די צייט האָט זיך געשלעפּט און מען איז שיער נישט משוגע גע־וואָרען, די געגענד איז דאָרט אַ זעהר אָרימע, סטעפּעס אָהן אַנ׳עק, אַ בוים זעהט מען נישט פאַר אַ מיליאָן און אַלץ איז שוין געווען בעדעקט מיט שנעע. אום זומער דרעהען זיך דאָרט וועניגסטענס אַרום קאמעלען, אודאי אור־אור־אייניקלעך פון אליעזר׳ס, אברהם אבינו׳ס קנעכט׳ס קאמעלען, אָבער אין ווינטער בעהאַלטען זיי זיך אויך אַפילו. שעהן איז געוואָרען די געגענד ערשט לעבען חינגאַן. דאָס איז אַ גרויסער באַרג און דער טונעל איז דאָרט זעהר אַ לאַנ-גער, מען האָט געקאָנט אַוועקגנבענען נישט נאָר צוויי שטיוועל, נאָר אַפילו אַ פּאָר הויזען. ביים בויען די כינעזישע באַהן האָבען די אינזשיניערען, זאָגט מען, שעהן פּערדיענט, נאָר מ׳שטיינס געזאָגט, וויפיעל קאָן מען פערדיענען אין אַ סטעפּ, אויף אַ גלייכען וועג. וואו ס׳איז נישט דאָ אַפילו קיין וועלדעל, וואָס טהוט גאָט? שיקט ער צו אַ הויכען גרויסען באַרג — חינגאַן, מען מאַכט איין טונעל — טויג ער אויף כפרות, מאַכט מען אַנ׳אַנדערן, האָט ער זיך שוין אַפילו נישט שלעכט געהאַלטען גאַנצע דריי יאָהר, מען האָט איהם אָבער געמוזט פּעררירכטען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און דאָס האָבען מיר שוין אַ קיימאלן, אַז ביי פּעררירכטען טונעלען לעגען די אינ־זשיניערען אויך נישט צו.

דריי טעג און דריי נעכט האָבען מיר זיך געשלעפּט פון כאַרבין ביז צו דער סטאַנציע מאַנדזשוריא, די טעג זענען ווי ס׳איז אַריבער אין עסען, טרינקען און אין וויכוחים, די נעכט זענען געווען עהנליך צו דער ערשטער נאַכט, דער חלוק איז געווען נאָר אין די שטיוועל: אַלע האָבען זיי געהאַלטען צוקאָפּענס און אַ פּאָר מאָל אין דער נאַכט אויף יעדער סטאַנציע האָט מען געטאַפּט, צי זענען זיי נאָך דאָ.

דער צוג האָט זיך צוגערוקט צו דער סטאַנציע מאַנדזשוריא, וואו ס׳האָט זיך געענדיגט די כינעזישע באַהן, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען די בייקאַלישע באַהן, אַ נייע באַהן, נייע קאָפּ-פּערדרעהעניש, נייע צרות.

XXV.

פון מאַנדזשוריא ביז ראַדאָם

די קאָנסטיטוציע פונ׳ם 17 אָקטאָבער 1905.—א בעפרייטער רע־וואָלוציאָנער טיילט פראָקלאַמאַציעס.— פאָגראָמען און תליות.—די באַהן אַרום באַיקאַל.—דאָס נאַכטלעגער אין אירקוטסק.— אויפ׳ן באַהנהויף פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט.—מען האַלט אין איין שיכור׳ען.—די חוצפה און אַנאַרכיע צווישען די זעלנער.— היאזמא.— איך פאָהר קיין ראַדאָם.

פון כאַרבין זענען מיר אַרויסגעפאָהרען אונטער דער השפעה פון דער קאָנסטיטוציע פונ׳ם 17 אָקטאָבער. ביי דער געלעגענהייט מוז איך אונטערשטרייכען, אַז אַזאַ שמחה, וואָס אונזערע אידישע קאָלאָניע אין גונדזשולין האָט געהאַט אין דעם טאָג, ווען ס׳איז אין „מאַנדזשורסקי וויעסטניק״ געווען אָבגעדרוקט דער מאַניפעסט מכּח דער קאָנסטיטוציע, אַזאַ אמת׳ע שמחה האָט מען גאַנץ זעלטען אין לעבען. מיר האָבען זיך געקושט און געהאַלזט און שוין נישט ווי־סענדיג. ווי אַזוי אויסצודריקען אונזערע פרייד האָבען מיר אָנגע־הויבען, איך געדענק עס ווי היינט, נישט מיט מענשליכע קולות, גלייך מען וואָלט אונז געקוילעט, צו שרייען מזל טוב, מען איז זיך פון אַלע זייטען צונויפגעלאָפען אַ קוק טהון, וואָס האָט ביי אונז פּאַסירט. דער דור, וואָס האָט געלעבט אונטער׳ן דעמאָלדיגען רו־סישען יאָך, דער וועט אונז פערשטעהן. מיר האָבען אין דעם זעלבען טאָג אַרויסגעשיקט דעפעשען מיט גראַטולאַציעס צו אונזערע פרויען און קינדער, צו די „פרייע בירגערינס און בירגער״. מיר זענען געווען פשוט בערוישט, אָנגעשכורט אָהן אַ טראָפּען אַלקאָהאָל, ס׳האָט

זיך גארנישט געגלויבט, אז אזא איבערקעהרעניש איז אין רוסלאנד מעגליך. אויפ'ן וועג קיין מאנדזשוריא האבען אנגעהויבען צו קרייזלען ידיעות, אז די קאנסטיטוציע איז שוין פערשווענט געווארען און אז אין רוסלאנד האבען זיך שוין אנגעהויבען פאגראמען כדאתמול. די אפיציעלע צייטונג האט דערפון גאר נישט געשריבען. אבער, ווען מיר זענען אנגעקומען אויף די סטאציע מאנדזשוריא האבען מיר שוין בעקומען פעסטע ידיעות, אז אין רוסלאנד טהוט זיך חושך, אז ס'האט זיך אנגעהויבען א רעוואלוציאנערע בעוועגונג, וועלכע די מלוכה דריקט אונטער מיט דער הילף פון פאגראמען אויף אידען, ווישטענדיג. אין מאנדזשוריען און אין סיביר איז נאך געווען שטיל.

אינ'ם גרויסען זאל פונ'ם באהנהויף האט זיך ארומגעדרעהט א יונגערמאנטשיק פון א יאהר עטליכע און דרייסיג, א קליינטשקער, אנ'אויסגעדארטער מיט א שוואכען בלאנדגעוואוקס אויפ'ן פנים און מיט א פאר אייגעלעך, וואס האבען קיין איין אויגענבליק נישט גערוהט אויף איין ארט. ווי נאר ער האט אונז דערזעהען — מיר האבען זיך דעם גאנצען וועג געהאלטען צוזאמען מיט א קאלעגע פון ווארשא — איז ער ממש צוגעלאפען און האט אונז דערלאנגט א גאנצען פאק פראקלאמאציעס. ביי דער געלעגענהייט האט ער אונז דערצעהלט, אז ער איז געווען פערשיקט שוין א יאהר זעקס, צוויי וואכען צוריק האט מען איהם בעפרייט, אבער אין קורצען וועט מען איהם אודאי ווידער איינזעצען, האט ער אונז פערזיכערט מיט א געלעכטער'ל. די פראקלאמאציעס זענען געווען געשריבען פאר'ן המון און די שפראך, ווי דער אינהאלט איז געווען דערצו צוגעפאסט. איין פראקלאמאציע, געדענק איך, האט זיך אנגעהויבען פון די ווערטער: „צאר קאבאטטשיק, צאר פאגראמשטשיק, צאר כוליגאן". דער יונגערמאנטשיק האט נישט איינגערוהט און האט יעדען פאסאזשיר ארייגעפאקט א פעקעל פראקלאמאציעס. אזוי ווי ביים טיש איז געזעסען א גענעראל, וואס איז אויף א ווײלע אוועקגעגאנגען צום בופעט, האט ער לעבען איהם אויפ'ן טיש אויך אנידערגעלעגט א פאק פראקלאמאציעס, „זאל ער אויך הנאה האבען". מיר האבען טאקי בעטראכט דעם גענעראל, ווען ער איז צוריק געקומען צום טיש און האט גענומען לעזען; ער איז געביך געווארען בלוי און בלאה. דער הויכער זשאנדארם, וואס האט זיך ארומגעדרעהט אינ'ם זאל, האט זיך געמאכט נישט זעהענדיג, הגם דער יונגערמאנטשיק איז צוג'איהם

אויך צוגעגאַנגען און האָט איהם צוגערעדט, אַז ער זאָל אויסטהון דעם איניפאָרם און זאָל ווערען אַנ'אָרענטליכער מענש, גלייך מיט אַלע. דער זשאַנדאַרם האָט נאָך אַודאי נעפּיך נישט געהאַט קיין שום אינסטרוקציעס און האָט גאָר נישט געענטפערט.

אין אַ טאָג צעהן אַרום, ווען מיר זענען געווען ערגיץ אין סיביר האָט אונז אַנ'עד ראיה איבערגעגעבען די שרעקליכע ידיעה, אַז מען האָט דאָרט געהאָנגען זעהר אַ סך רעוואָלוציאָנערען, צווישען זיי אויך דעם יונגערמאַנטשיק — זיין נאָמען האָב איך ליידער פערגעסען.

אויף דער סטאַציע מאַנדזשוריא האָט זיך ביים אַריינבעקומען אין די וואַגאָנען אָבגעטהין דאָס זעלבע, וואָס אין כאַרבין, ס'איז געווען פּשוט אַ חרפּה און אַ בושה פאַר די עטליכע אויסלענדישע קארעספּאנדענטען, ווי אַזוי פאָניע שיקט צוריק אַ היים זיינע אָפיצירען און דאָקטוירים, וואָס האָבען זיך צוויי יאָהר געמאַטערט אויף דער מלחמה. מען איז געזעסען אין די וואַגאָנען אין דער גרעסטער ענגשאַפט, ווי הערינג אין אַ פאַס און ווייל ס'זענען דעמאָלט געווען דאָרט זעהר גרויסע פרעסט איז אונמעגליך געווען אַרויסצוגעהן אַ ביסעל כאַפּען לופט. אויף אַ סטאַציע איז איינער פון די דאָקטוירים אַרויסגעגאַנגען אויף איין מינוט, איך שטרייך אונטער איין מינוט און ער איז אַריינגעקומען אַזוי פערפרוירען, אַז מען האָט איהם געמוזט עטליכע שעה אבראַטעווען, ס'איז דאָרט געווען נישט מעהר און נישט ווענ־גער, ווי פערציג גראַד פראָסט.

וואָס נאָהנטער מיר זענען צוגעקומען צום באַיקאַל איז די טעמפּעראַטור געוואָרען לינדערער, דאָס מאָל זענען מיר נישט אַריבער דעם באַיקאַל מיט אַ שיף, ווי אַהינצואוועגס, נאָר מיר האָבען איהם אַרומגערינגעלט מיט דער באַהן, וואָס איז געענדיגט געוואָרען בשעת דער מלחמה. דער וועג איז אַ הערליכער און דערמאָנט דעם באַהנוועג אין די אַלפּען ביי זעמערינג. ער איז נאָך שענער און אינטערעסאַנטער דערמיט, וואָס מען האָט מן הצד דעם שעהנעם באַיקאַל. דער פראָסט איז דאָרט געווען אַזאַ קליינער, אַז איך האָב געקאָנט אין מיין איינפאַכען שינעל שטעהן אין דרויסען אויפ'ן פעראָן עטליכע שעה.

קיין אירקוטסק זענען מיר אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט. מען האָט אונז פאָרגעלעגט צו בלייבען ביז אין דער פריה אויפ'ן באַהנ-

הויף, ס'איז אָבער דאָרט געווען אַזוי שמוציג און אַזוי ענג, אַז מען האָט דאָרט פּשוט נישט געקאָנט איינשטעהען און דערפאַר האָבען מיר זאַלבע ניין דאָקטוירים בעשלאָסען צו פאָהרען אין שטאָדט אַריין, הגם מען האָט אונז געוואָרענט, אַז ס'איז געפעהרליך, מיר האָבען בעקומען עטליכע שליטענס און מיר האָבען זיך אַריבערגעשליטעלט איבער די געפרוירענע אַנגאַראַ מיט אַ שנעלקייט פון אַ בליץ-צוג. מען האָט אונז עטליכע מאָל נאָכגעשאָסען, ס'האָט אָבער קיינעם נישט געטראָפען. מיר זענען צוגעפאָהרען צו איין האָטעל און מען האָט נישט געוואָלט עפענען, ווייל ס'איז נישט געווען קיין איין פריי צימער, ביים צווייטען האָטעל האָבען מיר בעקומען דיזעלבע תשובה, מיר האָבען אָבער אַזוי לאַנג געקלינגען, ביז מען האָט געמוזט עפענען. ס'איז אַרויסגעקומען אַ פערשוין בעוואָפענט מיט צוויי רעוואָלווערן, דערזעהענדיג, אַז ער האָט צוטהון מיט דאָקטוירים. האָט ער אונז אַריינגעלאָזט און, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעקוקט אונזערע דאָקומענטען האָט ער אונז געגעבען איין צימער, ווייל מעהר פרייע האָט ער נישט געהאַט, מיר האָבען דאָרט ווי ס'איז פערנומען אָרט. עטליכע אויפ'ן בעט, עטליכע אויף דער סאָפע, ווער אויפ'ן טיש, ווער אויף אַ שטול און ווער גאָר אויף דער פּאָדלאָגע. אַלע זענען געווען טויט מיעד און מיר זענען באַלד איינגעשלאָפען.

כעלות בין איך אַוועקגעלאָפען צו מיין קאָלעגע ד"ר טומפּאַווסקי, ביי וועמען איך בין געוואָהר געוואָרען פון די שרעקליכע פּאָגראָמען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. צ. א, האָט ער דערצעהלט, אַז אין וואַרשא האָבען זיך אויפ'ן צווייטען טאָג נאָכ'ן אַרויסגעבען די קאָנסטיטוציע פערזאַמעלט אויפ'ן טעאַטער־פּלאַץ עטליכע טויזענד נאַאיווע מענשען, וואָס האָבען געגלויבט דער מאַכט און האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל בעפרייען די אַרעסטירטע פּאָליטישע פערברעכער. אַלס תשובה האָט מען אויף זיי אָנגעהויבען צו שיסען מיט קוילענוואַרפער און מען האָט אַנידערגעלעגט עטליכע הונדערט פערשוין. עהנליכע פאַלען זענען פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע שטעדט אין פוילען. אָט אַזוי, הייסט עס, זעהט אויס די רוסישע קאָנסטיטוציע, האָבען מיר געזאָגט איינער צום צווייטען, און אויפ'ן האַרץ איז געוואָרען גענוג טרויעריג.

ווען ס'וועט אַוועקגעהן אַ צוג קיין מאָסקווע האָט קיינער נישט געוואוסט, מען האָט אָבער געמוזט זיין אויף דער באַהן וואָס פריהער,

בכדי צו פערכאַפּען אַנ׳אָרט.

מיט מיין קאָלעגע האָב איך געמאַכט שותפות אויף פאָלגענדע יסודות: אונזערע זאַכען האָבען מיר ניִדערגעלעגט אין דרויסען, און ווייל אַרום און אָרום איז געווען פול מיט גנבים איז איינער פון אונז געשטאַנען אין דרויסען אַ האַלבע שעה און האָט זיי אָבגעהיט און דער צווייטער האָט זיך אין דער צייט געוואַרימט אינ׳ם זאַל. אַלע האַלבע שעה האָבען מיר זיך געביטען און מיר האָבען זיך געהאַט אָבגערעדט, אַז אין דעם מאָמענט ווען דער צוג וועט זיך אויסשטעלען וועט ער אַריין אין וואַגאָן פערכאַפּען ערטער, ווייל איך בין נאָך געווען מיעד נאָכ׳ן כאַפּען ערטער אין כאַרבין. מיר האָבען געמוזט דאָס אַליין בעזאָרגען, ווייל קיין דענשטשיקעס האָבען מיר שוין נישט געהאַט און קיין שום טרעגער האָט זיך דאָס נישט געוואָלט אונטערנעהמען.

הגם ס׳איז געווען אַ גרויסער פּראָבּט איז דאָך געווען אַנגענעהמער דאָס טאַנצען און שפּרינגען אין דרויסען אַרום די זאַכען, איידער צו שטעהן אינעווייניג אינ׳ם זאַל, וואו ס׳איז געווען שרעקליך אָנגערויכערט, שמוציג, ענג, דושנע און אָנגעזאַפּט מיט שכּרות און געמיינעם ניאוף. אין די עגינים האָט נאָך דאָרט געהערשט פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט. די אַריסטאָקראַטישע אָפיצירען האָבען אָנגערופען יעדען זעלנער „טאָוואַרישטש״, מען האָט אָבער בעדאַרפט קאָנען זעהן דעם ציניִשען אויסדרוק פון זייערע ליפּען און מען האָט בעדאַרפט קאָנען הערען זייער סאַרקאַסטישען טאָן, ווי איינער זאָגט, וואַרט אַביסעל, טאָוואַרישטש, און מיר וועלען זיך מיט דיר אָברעכענען. מען האָט אפילו צוזאַמען געשכּור׳ט, אָבער אויך אויף אַנ׳אָריגינעלען אופן, עטליכע אָפיצירען זענען געשטאַנען לעבען בופעט און די „טאָוואַרישטשעס״, די זעלנער, וואָס האָבען מיט זיי גע׳שכּור׳ט זענען נישט געשטאַנען לעבען זיי, נאָר פון הינטען און בכדי צו נעהמען דאָס גלעזעל בראָנפען האָבען זיי געמוזט אַרויסשטרעקען די הענד צווישען די אָפיצירען. געצאָהלט האָבען נאָר יחידי סגולה, דער רוב אָבער האָט געשריען, אַז „אַצינד איז אַלץ זייערס״ און האָבען נישט געוואָלט צאָהלען, איבער דעם זענען יעדע עטליכע מינוט אויסגעבראָכען אַוואַנטורעס צווישען דעם בעל־הבית פונ׳ם בופעט און צווישען פערשיעדענע שכּורים און געוואונען האָט דער, וואָס איז גע־

ווען שטאַרקער, ווייל דער זשאַנדאַרם איז געבליבען נייטראַל און האָט זיך נישט אַריינגעמישט. פאַר דעם ניאוף וואָס איז פאָרגעקומען ערגיץ אין אַ ווינקעל אָדער אין פאָדערהויז האָט מען אויך נישט געצאָהלט און די נקבות האָבען געזידעלט.

שעהנע עטליכע שעה האָט געדויערט ביז דער צוג האָט זיך מרחם געווען און האָט זיך אויסגעשטעלט, ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאמפף אויף טויט און אויף לעבען, מיין קאָלעגע האָט געקעמפפט ווי אַ לייב, האָט פערלוירען דעם פענסנע, אָבער צוויי ערטער האָט ער פאָרט געפאַקט, איהר ווייסט וואו? איהר געדענקט דאָך אודאי די אַלטע רוסישע וואַגאָנעז דריטע קלאַס, וואו ס'זענען געווען ביי די זייטען גאַנץ הויך שוין אונטער דעם דאַך שמאָלע ערטער פאַר'ן באַגאַזש, אָט אַזעלכע צוויי ערטער האָט ער אָקופירט. ס'איז מיר פשוט שווער זיך אַצינד פאָרצושטעלען, אַז דאָרט אויבען האָבען מיר פערבראַכט עטליכע און צוואַנציג נעכט, ליגענדיג איינגעקירטשעט אויף אַ זייט, ווייל דאָס אָרט איז געווען אַזוי שמאָל, אַז ס'איז אונמעגליך געווען צו ליגען פרקדן אָדער אויפ'ן בויך.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיר האָבען אָבגעהיט די זאַכען ווי אַן'אויג אין קאָפּ, האָט מען פאָרט בשעת אַרייגטראָגען זיי אינ'ם וואַגאָן, אַוועקגע'גנב'עט צוויי קעסטלעך.

אינ'ם וואַגאָן האָבען מיר געטראָפען עטליכע בעקאַנטע דאָקטוירים און אין דער גאַנצער צייט פון דער נסיעה האָבען מיר געביל־דעט כמעט איין משפחה. עסען און טרינקען איז געווען לרוב, ווייל אויף די סטאַציעס האָט מען געקאָנט בעקומען פון כל טוב נישט נאָר אין בופעטען נאָר ביי די פשוט'ע פערק־יפער, וואָס זענען געשטאַנען מיט זייערע פראָדוקטען אויף די באַהן־הויפען און האָבען זיי אַוועקגעבען בזול הזול, אַזוי, למשל, פאַר אַ גרויסע, פעטע געבראָטענע גאַנז האָבען מיר בעצאָהלט אַ רובעל. מיר האָבען אינ'ם וואַגאָן אפילו בעקומען אַ דענשטשיק. ס'האָט זיך צו אונז צוגעטשעפּעט עפּעס אַ זעלנער, וואָס האָט שוין געהאַט פער'שכור'ט אַלץ וואָס ער האָט נאָר פערמאָגט, אפילו דאָס היטעל, און איז געבליבען נאָר אינ'ם מונדיר און די פרעסט זענען געווען גאַנץ שענע. דער זעלנער האָט אונז בעדיענט און האָט דערפאַר מיט אונז געגעסען און געטרונקען. אויף די סטאַציעס פלעגען מיר אָבשטעהען שעה'ן־ווייז און

מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, ווען וועט דער צוג ריהרען. איינמאָל האָבען מיר אַראָנגעזעיקט דעם דענשטשיק מיט'ן טשייניק נאָך הייס וואַסער און דערווייל האָט זיך דער צוג מישב געווען און איז אַוועקגעגאַנגען. מיר האָבען דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש וואָס וועט דער זעלנער טהון אין אַ גרויסען פראָסט כמעט נאַקעט אָהן אַ גראָשען, אַחוץ דעם האָט אונז טאַקע געפעהלט דער טשייניק, אָבער אין אַ שעה צוויי אַרום, ווען מיר האָבען זיך ווידער אָבגע־שטעלט ערגיץ אויף אַ סטאַנציע, מיר טהון אַ קוק, דער זעלנער איז דאָ מיט'ן טשייניק. ער איז געקומען אויף אַ לאָקאָמאָטיוו. וואוהין ער האָט זיך אַריינגעבעטען.

אַזעלכע פערשוינען, וואָס האָבען ביסלעכווייז פערקויפט פון זיך אַלץ, בכדי צו האָבען פאַר וואָס צו שכור'ען און צו שפיעלען אין קאָרטען, האָט מען בשעת דער נסיעה דעמאָלט געקאָנט זעהן אַ סך. אין דעם זעלבען וואַגאָן, וואו איך בין געזעסען, אַרויספאָהרענדיג פון כאַרבין, האָבען זיך געפונען דריי קאָנדוקטאָרען, וועלכע זענען אינ'ם אָנהויב פון דער מלחמה דעלעגירט געוואָרען פון דער וואַר־שאווער באַהן־דירעקציע אויפ'ן וויטען מזרח און זענען געפאָהרען צוריק אַהיים קיין וואַרשא. זיי האָבען זעהר גוט אויסגעזעהען, זענען געווען אַנשטענדיג אָנגעטהון און האָבען מיט זיך געהאַט עטליכע קוישלעך מיט זאַכען. אויפ'ן וועג האָט זיך צו זיי צוגעטשעפעט עפעס אַן'אונבעקאַנטער, קלאָמפערשט אַ דעמיסיאָנירטער אָפיציר און מען האָט זיך געזעצט שפיעלען אין קאָרטען און דאָס איז דאָך אַ ידוע לכל, אַז אויב מען זעצט זיך אין אַ וואַגאָן און מען שפיעלט אין קאָרטען, מוז מען אויך מאַכען אַ כוסה. בשעת מיר האָבען אין דער סטאַנציע מאַנדזשוריא פערלאָזט דעם וואַגאָן, האָב איך ביי צוויי פון זיי קיין קוישלעך נישט געזעהען. אין דער ווייטערדיגער נסיעה האָב איך זיי פערלוירען פון די אויגען. אין וואַרשא האָב איך בעמערקט, ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַן'אַנדער וואַגאָן ווי איך, און ס'האָט זיך געעקלוסט פשוט וויינען, קוקענדיג אויף זיי, זיי זענען געווען אָהן שינעלען און אָהן זאַכען.

כל זמן דער צוג איז געווען אין בעוועגונג און מיר זענען געזעסען אין וואַגאָן איז געווען גאַנץ געמיטליך, ווייל ס'זענען גראָד געווען עטליכע אינטעליגענטע פאַסאַזשירען, מיט וועלכע מען האָט גע־קאָנט די צייט פערטרייבען, אָבער שלעכט איז געווען אויף די

סטאַציעס, וואו דער צוג האָט זיך געשטעלט. צווישען די זעלנער האָט געהערשט אַנ׳אמת׳ע אַנאַרכיע, זיי זענען געווען מייסטערס פון שכּור, זיי האָבען זיך בעצויגען צו די אָפיצירען מיט דער גרעסטער חוצפּה, אויף אונז דאָקטוירים האָבען זיי אפילו געלעגט מעהר כּבוד, אָבער וואָס קאָן מען פערלאַנגען פון שכּורים! די זעלנער האָבען אונז אָנגעטהון כּל הצרות שבעולם, זיי האָבען חוזק געמאַכט, געוואָרפען שטיינער אין די וואַגאָנען, אָבער דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס זיי פלעגען ביי אונזער צוג, מיט וועלכען ס׳זענען געפאָהרען כּמעט סאַמע אָפיצירען, צונעהמען דעם לאָקאָמאָטיוו, מיר האָבען געקאָנט שטעהן עטליכע שעה אויף אַ סטאַציע ביז דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך מכין געווען צו דער ווייטערדיגער נסיעה. פּלוצלונג איז אָבער אָנגעקומען אַנ׳עשעלאָן, און די זעלנער האָבען נישט געוואָלט אָבוואַרטען ביז ס׳וועט פערטיג ווערען זייער לאָקאָמאָטיוו, זיי האָבען אָבגענומען מיט געוואַלט אונזערען און זענען אַוועקגעפאָהרען און מיר האָבען ווייטער געמוזט וואַרטען.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס מיר זענען פון אירקוטסק ביז וויאַזמאַ געפאָהרען העכער דריי וואָכען.

שלעכט איז אויך געווען מיט וואַשען זיך. הגם נישט אַלע פּאַסאַזשירען האָבען זיך געוואַשען האָט פאָרט שטענדיג פערפעהלט וואַסער און אַחוץ דעם איז געווען שרעקליך נישט בעקוועם, ווייל דאָס וואַשען זיך איז פאָרגעקומען איב׳ם קלאָזעט, וואו ס׳איז געווען זעהר אומריין, מיר האָבען זיך אָבער פאָרט אַנ׳עצה געגעבען. די, וואָס האָבען זיך געוואָלט וואַשען, פלעגען אויפשטעהן פאַרטאָג, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפען און האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין די צווייטע קלאַס, וואו מען האָט זיך געקאָנט גוט אָרומוואַשען.

איבער די „פּאָליטישע אונרוהען" ד. ה. פּשוט אַ שטיקעל רעוואָלוציע, וואָס איז דעמאָלט אין דעצעמבער פאָרגעקומען אין מאָסקווא האָט מען אונזער צוג אַהין נישט אַריינגעלאָזט און מען האָט אונז אָבגעשיקט גלייך קיין וויאַזמאַ.

אָנגעקומען זענען מיר דאָרט אין דערפריה און דער קוריער קיין ווארשא האָט בעדאַרפט אָבגעהן ערשט ביי נאַכט. האָבען מיר געוואָלט אַביסעל פאָהרען אין שטאָדט אַריין, אָבער אויף דער באַהן האָט מען אונז געוואָרענט, אַז ס׳איז אומרוהיג און אַחוץ דעם קען מען אונז בע׳גנב׳ענען. ס׳איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, אַז פון דער

סטאַציע מאַנדזשוריא אָן כּמעט ביז סמאָלענסק האָט מען אומעטום גע-וואָרענט פאַר גנבים.

אין וויאַזמאַ האָבען מיר שוין בעדאַרפט אויסקויפען בילעטע, ווי פּשוטע שטערבליכע, דער קאַסירער אָבער האָט געהאַלטען אין איין שרעקען אונז, אַז ס'וועלען אודאי נישט זיין קיין פרייע ערטער, ווייל אַלע אַנטלויפען פון מאָסקווע. איבערצוקומען אַזאַ שרעקליכע רייזע, וואָס האָט געדויערט העכער פיער וואָכען און וואָס איז אָפטמאָל געווען געפעהרליכער ווי די מלחמה גופא און צו זיצען אין אַ וויאַזמאַ און טראַכטען, אפשר וועט מען נישט קאָנען ווייטער פאָהרען, דאָס איז שוין געווען, ווי מען זאָגט, דער לעצטער טראָפּען אינ'ם כּוס פון אונזער געדולד. אַלע האַלבע שעה זענען מיר צוגעגאַנגען צו דער קאַסע געוואָהר ווערען, צי ס'איז שוין אָנגעקומען אַ ידיעה מכּוח פרייע ערטער, מיר האָבען דעם קאַסירער פּשוט דעם טויט געמאַכט. צווישען זיך האָבען מיר בעשלאָסען אַריינצוכאַפּען זיך אינ'ם צוג אפילו אָהן בילעטען, לאָז מען אונז אַרויסוואַרפען. ערשט אַרום צוועלף ביינאַכט האָט דער קאַסירער בעקומען אַ טעלעגראַפישע ידיעה, אַז פרייע ערטער זענען דאָ. אונזער שמחה איז שווער צו בעשרייבען און ווען מיר זענען אַריין אין אַ קופּע פון דער צווייטער קלאַס און האָבען דערזעהען אַ ווייכען געזעס, אַ שעהנע בעלייכטונג און אַ ריינעם בית־הכּסא האָבען זיך ביי אונז געשטעלט טרעהרען אין די אויגען פון פרייד און דאַנקבאַרקייט. פון די מאָסקווער פּאַסאַזשירען זענען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז די רעוואָלוציע ווערט ליקווידירט.

אין דער ווייטערדיגער נסיעה האָט זיך געלאָזט שפירען, אַז מען דערנעהנטערט זיך אַהיים. ס'האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען גאָר אַנדערע פּאַסאַזשירען, אַ סך משלנו, דער קלימאַט איז ביסלעכווייז געוואָרען אַן אַנדערער, דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט און אין סמאָלענסק האָט שוין אָנגעהויבען פאַלען אַ נאַסער שנעע, אויפ'ן האַרץ איז געוואָרען וואָס אַמאָל לייכטער.

ענדליך האָבען מיר דערזעהען וואַרשא. קיינער האָט מיך נישט אָבגעוואַרט, ווייל מיין פרוי איז געווען אין ראַדאָם ביי איהרע עלטערען און דאָס לאָזען זיך אין וועג אַריין איז געווען פערבונדען מיט גרויס סכּנה.

וואַרשא האָט געמאַכט אַן אייַנדרוק פון אַ בעלאַגערטער שטאָדט

אַלץ כּמעט האָט געסטרייקט, די באַהנען זענען יאָ געגאַנגען און נישט געגאַנגען. איך האָב זיך מישב געווען און נישט קוקענדיג אויף די אַלע וואָרענישען בין איך אָבגעפאָהרען קיין ראַדאָם. מען האָט טאַקי דעם צוג אַזש צוויי מאָל בעשאָסען, אָבער ליגען אויף דער פּאָדלאָגע האָב איך מיך אויסגעלערנט אויף דער מלחמה גאָר פיין.

די אידישע בעפעלקערונג איז געווען דעמאָלט זעהר נידערגע־שלאָגען, מען איז געיוען ענטטוישט נאָך דער „קאָנסטיטוציע" און מען האָט מורא געהאַט פאַר פּאָגראָמען.

פון אַלע פרייהייטען פון דער קאָנסטיטוציע פון'ם 17 אָקטאָ־בער זענען אין וואַרשא געבליבען ביי די אידען צוויי אידישע צייטונגען: „דער וועג", אין וועלכען ס'האָט געשריבען פרץ און דער „טעלעגראַף" וועלכען ס'האָט רעדאַגירט פלאָריאַן סאָקאָלאָוו און סירקין.

דיביידע צייטונגען האָבען נישט געהאַט קיין אריכת ימים, דער וועג" האָט גע'גוסס'עט אַביסעל לענגער.

XXV.

דער סוד

גערופען האָט מען זי „די פירשטין״.

דאָס איז געווען אַ שלאַנקע יונגע פרוי פון אַ יאָהר דרייסיג מיט אַ געדיכטער הויכער פריזור פון העבאַן־שוואַרצע האָר, מיט אַ פּאָר טיפע שוואַרצע אויגען און מיט אַ בחנו׳דיג אַריסטאָקראַטיש געזיכט, זי פלעגט שטענדיג זיין אָנגעטהון אין די שענסטע און טייערסטע מלבושים נאָך דער לעצטער מאָדע. אויף איהר שוואַרצען הוט פלעגען פלאַטערען אין דער לופט, ווי אַ פאָהן, אַ לאַנגער רעיער פון די טייערסטע שטרויס־פעדערן, און נישט קוקענדיג דערויף איז אויף איהר גאַנץ נפש, אויף איהרע אַלע בעוועגונגען, געלעגען אַ געוויסע צניעות. זי האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ נישט צוגענגליכער מאַיעסטעט.

זי האָט זיך בעוויזען אין כאַרבין אין אָנהויב פונ׳ם קריעג, און אַרום איהר האָט זיך געוועבט אַ שטיקעל לעגענדע, ווייל קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער זי איז, פון וואַנען זי איז און וואָס זי טהוט אין כאַרבין. מיר פלעגען זי בעגעגענען ביי פערשיעדענע פייערליכקייטען, ווי למשל, ביים עפענען לאַזאַרעטען פאַר פערוואונדעטע, ביים אָנקומען און אַרויספאָהרען פון הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען און ביי אַנדערע עהנליכע געלעגענהייטען. שטענדיג אַליין, אָהן אַ בעגלייטער, אפילו אָהן אַ חברטע, און אומעדום פלעגט זי מיט איהר שענער געשטאַלט צוציהען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט.

אויף אַלע אונזערע פערזאַמלונגען, וואו מען האָט גערעדט פון

זעהר וויכטיגע ענינים, ווי געהאַלט, פעשיעדענע צוגאַבען, מונדירען, פערד וכדומה. איז מען סוף־כּל־סוף אַריבער אויף דער אַזוי-גערופע-נער „פירשטין”. אין וועלכער כּמעט אַלע זענען געווען פערליעבט און קיינער האָט זיך נישט איינגעשטעלט זיך צו בעריהמען מיט אַ שטיקעל ערפאָלג ביי איהר. מען האָט געהאַלטען אין איין ברעכען זיך דעם קאָפּ מיט די פראַגען, ווער איז זי און וואָס טהוט זי דאָ? טייל האָבען געזאָגט אַז זי איז אַ גרוזינער פירשטין. וואָס האָט אַוועקגעוואָרפען איהר מאַן צוליעב אַ שטאַב־גענעראַל, אין וועלכען זי האָט זיך פערליעבט, טייל ווידער האָבען זי געהאַלטען פאַר אַ אי-טאַליענישע שריפטשטעלערין, וואָס איז געקומען זאַמלען מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסען קריעגס־ראָמאַן, עס האָבען אפילו נישט געפעהלט קיין דעות, אַז זי איז גאָר אַ שפּיאָן.

— גלויבט מיר — האָט זיך אַמאָל אָנגערופען אַ בעיאָהרטער קאַפּיטאַן מיט קישעלעך אונטער די אויגען — די דאַמע איז נישט קיין פירשטין און נישט קיין איטאַליענישע שריפטשטעלערין. אַ שפּיאָן איז זי אודאי נישט. מיט די לייט האָב איך געהאַט נישט איינמאָל צו טהון. איך דערקען זיי אָן דער נאָז. לויט מיין מיינונג איז זי אַ פרוי פון אַ פּשוט׳ען גרעק, אַ פּאָדריאַדטשיק, וואָס מאַכט דורך איהר גאָר גוטע געשעפטען. נישט קוקענדיג אויף איהר „צניעות”, — האָט דער קאַפּיטאַן פאָ־טגעזעצט, — „איז זי אַדורכגעטריבענע נקבה”... ווייזט אַלע אַ פייג... זאָגט צו זאָגט צו און גיט גאָרנישט און דער מאַן מאַכט לעת עתה מיליאָנען.

אַלע אָנוועזענדע זענען געוואָרן עמפּערט, סטייטש, אַזאַ שענ־הייט, אַזאַ מאַיעסטעט, און פּלוצלונג גאָר אַ „קופּטשיכע” פון גריכענלאַנד!

— ערלויבט מיר אייך צו ערקלערען — האָט זיך אַריינגעמישט אַ דיקער דאָקטאָר, וואָס איז געווען אַ בעיאוסטער קאָלעפּעל, וואָס האָט געהאַלטען די האַנד אויפ׳ן דופק פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין כאַרבין. ער פלעגט שטענדיג וויסען וואָס עס טהוט זיך נישט נאָר אויף די קוליסען, נאָר אפילו וואָס הינטער די קוליסען — אַזוי וועניגסטענס האָט ער געזאָגט — ערלויבט מיר, הער קאַפּיטאַן, אייך אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז איהר זענט אייך טועה, די דאַמע איז נישט קיין קופּטשיכע נאָר אַ ריינבלוטיגע פירשטין פון טיפליס. היי־סען הייסט זי טשערימיכינאַ. איך האָב שוין געהאַט די עהרע מיט איהר צו רעדען, איך וואָלט געקאָנט אפילו געבען ערקלערונגען, וואָס

זי טהוט דאָ, אָבער איבער געוויסע וויכטיגע טעמים טאָר איך דאָס נישט טהון, אָט אַזוי איז דאָס — האָט ער געענדיגט מיט אַ געוויסער טעאַטראַלישקייט און האָט זיך שטאָלץ אַרומגעקוקט.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, די פירשטין איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פּאָפּולער, מען האָט אָנגעהויבען ביי איהר צו זוכען פּראָטעקציעס אין די גאָר הויכע פענסטער און,—ווי מען האָט פערזיכערט — מיט ערפאָלג.

אַזוי ווי ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבען די סדרה פון ויחנו־ויסעו און מען האָט מיך אַריבערגעפּעקעלט פון כאַרבין קיין מוקדען, פון מוקדען קיין טיעלין, פון טיעלין קיין גונדזשולין און ווידער קיין כאַרבין א. אַ. וו. האָב איך אין דער פירשטין גענצליך פערגעסען.

דער קריעג האָט זיך מיט מזל געענדיגט און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז מיט'ן זעלבען צוג, וואָס איך בין אָבגעפאָהרען פון כארבין אַהיים, איז געפאָהדען אויך די פירשטין. דער חילוק איז גע־ווען נאָר דאָס, וואָס איך האָב מיך קוים אַריינגעכאַפּט אין דער דריטער קלאַס, וואו מיר האָבען שוין פריהער געשריבען—און די פירשטין איז געפאָהרען אין דער ערשטער קלאַס אין אַ בעזונדער קופּע אין דער געזעלשאַפט פון הויכגעשטעלטע מיליטער - לייט און ס'האָבען זיך פון דאָרט געלאָזט הערען פרעהליכע און לוסטיגע אויסגעשרייען, מען האָט געהאַלטען אין איין טרינקען שאַמפּאַניער, ס'איז געווען שמחה וששון און מען האָט לגמרי נישט דערקענט, אַז מען האָט דעם קריעג מאוס פערשפּיעלט.

אויף דער סטאַנציע מאַנדזשוריא, וואו מיר זענען אַריבערגע־גאַנגען אין אַן'אַנדער צוג האָבען זיך די הויכגעשטעלטע מיליטער־לייט הערצליך אָבגעזעגענט מיט דער פירשטין און זענען צוריקגע־פאָהרען קיין כאַרבין.

די פירשטין איז מיט איהר גרויסער צאָהל געפּעק אַריבער אין דעד צווייטער קלאַס.

אויף איינער פון די סטאַנציעס, וואו מיר זענען געשטאַנען עט־ליכע שעה, האָב איך געזעהען די פירשטין אַרומשפּאַצירען מיט אַ בעיאָהרטען פּאָלקאָווניק, וואָס האָט פשוט געטאַנצט אַרום איהר, ער האָט זי בעדיענט, ווי אַ געטרייער דיענער. ער האָט איהר געקויפט עסענוואַרג, געבראַכט טהע וכדומה. די פירשטין האָט זיך געהאַט

אַביסעל פערענדערט, די געדיכטע, הויכע פריזור איז געוואָרען אַביסעל נידעריגער, די מלבושים זענען געווען זעהר שעהנע. אָבער שוין נישט די זעלבע, וואָס אין כארבין. דער פּולקאָווניק איז פון איהר נישט אָבגעטרעטען ביז אירקוטסק, וואו מיר האָבען ווידער געמוזט איבער אין דעם צוג, וואָס געהט אָב קיין מאָסקווא.

דער פּולקאָווניק האָט זיך דאָרט אָבגעזעגענט און די פירשטין איז ווייטער געפאָהרען מיט אונז.

אויף די סטאַציעס אין סיביר האָב איך זי אָפט געזעהען אַרומשפּאַצירען אין דער געזעלשאַפט פון עטליכע יונגע אָפיצירען, וואָס האָבען פשוט צווישען זיך קאָנקורירט אין העפליכקייט און בעדיענען זי. די פירשטין איז געווען אָנגעטהון שוין אַ סך בעשיידענער און האָט שוין נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נישט צוגענגליכער מאַיעסטעט. איך האָב מורא, — האָב איך מיר געטראַכט, — אַז דער קאַפּיטאַן מיט די אונטערגעשלאָגענע אויגען, וואָס האָט זי געהאַלטען פאַר אַ „נקבה“, וועלכע איז געקומען אויפ׳ן ווייטען מזרח מאַכען געשעפטען, איז אפשר גאָר נישט אומגערעכט.

וואָס נעהנטער צום תחום המושב איז די צאָהל מיליטער-לייט געוואָרען וואָס אַמאָל ווייניגער און פון די ציווילע פּאַסאַזשירען האָט זיך די פירשטין געהאַלטען פון דער ווייטענס. זי איז געווען שטאַרק פערנומען מיט איבערלעגען איהרע פעק זאַכען פון איין קויש אין דעם צווייטען.

אויף איינער פון די גרויסע סטאַציעס שוין גאָר נאָהנט צום תחום המושב איז די פירשטין אויסגעשטיגען.

איך האָב זי קוים דערקענט, זי איז געוואָרען עפּעס גאָר אַן אַנדער מענש. די מלבושים, וואָס זי האָט געטראָגען, זענען געווען איינפאַכע, אָבער מיט געשמאַק. אויפ׳ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ בעשיידענעם הוט. שען איז זי פאָרט געווען. איך וואָלט געזאָגט, נאָך שענער ווי אין כאַרבין.

די פירשטין איז געבליבען שטעהן ביים וואַגאָן און האָט מיט די אויגען עמיצען געזוכט.

דער באַהנהויף איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט מענשען און ס׳האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל. ענדליך האָט זי אודאי דערזעהען דעם, וועמען זי האָט געזוכט.

— אַבראַם, וואָס מאַכסטו? — האָט זי אַ געשריי געטהון און

האָט זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון אַ יונגעגמאַן מיט אַ געל בערדעל, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט די ווערטער: „טייערע סאַשאַ".

זיי האָבען זיך געקושט און געהאַלזט. דער טרעגער האָט אַרויס-געטראָגען פונ׳ם וואַגאָן וואַליזען, קוישען און פעקלעך גאָר אָהן אַ שיעור און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט איז דאָס פּאָר פער-שוואונדען געוואָרען.

וואָס די דאַמע האָט געטהון אין כאַרבין איז פאַר מיר ווייטער געבליבען אַ סוד. אָבער אַז זי איז נישט געוועזן נישט קיין קאַווקאַ-זער פירשטין און נישט קיין איטאַליענישע שריפטשטעלערין — דאָס איז פאַר מיר געוואָרען גאַנץ קלאָר.